STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04079

# HSIDES

Hillel Zeitlin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הלל צייטלין

# חסידות

ווארשע 1922

# אינהאלט:


| | זייט |
|---|---|
| הקדמה | 2 |
| משיח־בענקשאפט בא די ערשטע רביים. | 5 |
| רבי מענדעל רימאנאווער. | 12 |
| דאָס געבעט פון „מליץ יושר”. | 17 |
| ברעסלעווער חסידים. | 21 |
| דאָס הארץ און דער קוואל | 26 |
| דער פארביטענער בן־מלך. | 31 |
| פון „לקוטי מוהר”ן”. | 41 |
| ווערטער פון גרויסע רביים. | 69 |
| דער „זוהר”. | 80 |
| אַ בריף פון בערעל חסיד. | 85 |
| אינערליכע תפלות. | 90 |
| דער זין פון די וועלט-געשעענישען אינ׳ם ליכט פון חב”ד. | 98 |
| „אויפ׳ן באַרג שטייט אַ בוים”. | 105 |
| די מדה פון תפארת. | 109 |
| די וועלט אַלס פאַרבלענדעניש. | 116 |
| צוויי נשמות אינ׳ם מענטשען. | 126 |
| די גאָלדענע זאנג. | 134 |
| דער יחיד און דער רבים. | 141 |
| ווי אַזוי מען זוכט היינט דאָס אינערליכע ליכט. | 148 |
| רבי יוסף דער אַלטער חזן. | |

# לוח הטעותים

| זייט | שורה | שטעהט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 8 | 4 | דערביטערונג | פערביטערונג |
| „ | „ | דעם | די |
| „ | 5 | דערביטערונג | פערביטערונג |
| „ | 15 | יחידים | יחודים |
| 10 | 8 | משה לייב | רבי משה לייב |
| 19 | אין דער לעצטער | „פאַר" | „פּאָר" |
| 20 | 3 | „אַ סותר" | „אַ סוחר" |
| „ | 7 | סליטה | סליחה |
| 37 | 3 | באַלט | באַלד |
| „ | 15 | נאָך | גאָר |
| 39 | 6 | אלקנה | אלקית |
| 43 | פאר דער לעצטער | שענדעט | שעכט |
| 44 | 4 פאר דער לעצטער | זאָגט ער עס ניט | זאָגט ער עס |
| 45 | 6 | ווי | וווּ |
| 46 | 5 | ראָט | ראַט |
| „ | 7 פון אונטען ארויף | זוחמה | זוהמא |
| 48 | 5 „ | פאָלגענדער | פאָלקאָמענער |
| 53 | פאר דער לעצטער | יחידא | יחודא |
| „ | אין דער לעצטער | „ | „ |
| 53 | 7 פון אויבען אראָב | בה | בם |
| „ | 17 „ | „ | „ |
| 67 | 12 „ | אויוועו | אויבען |
| 69 | 4 „ | הייבט | הייסט |
| 71 | 7 „ | עצבות | עצבות |
| „ | 14 „ | אוי | און |
| 86 | 4 פון אונטען ארויף | זיכען | זוכען |
| 93 | 8 פון אויבען אראָב | פלאַן | פלאַג |

| זייט | שורה | שטעהט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 96 | פאר דער לעצטער | אחרי | אחד |
| 109 | 4 פון אונטען ארויף | קודשה | קודשא |
| 110 | 12 פון אויבן אראָב | האו | הוא |
| 111 | 10 " | קודשה | קודשה |
| " | 30 | רב | רב |
| 113 | 23 | נידעריגע | הויכע |
| 118 | 8 | לבושין | לבושין |
| 119 | 4 | גאטצערקענטע-ניש | גאָטסערקענטע-ניס |
| 122 | 25 | באַלט | באַלד |
| 126 | 4 | וויבאַלט | וויבאַלד |
| " | 15 | פאַשטייען | באַשטייען |
| 129 | 5 פון אונטען ארויף | אדם | הדם |
| 130 | 23 פון אויבן אראָב | אלהים | אלהית |
| 143 | 6 פון אונטען ארויף | קפירה | קפידה |
| 146 | 8 " | התקרבות | התקרבות |
| 150 | פאר דער לעצטער | שטירגער | שטירנער |
| 154 | 6 פון אובען אראָב | רבי יוסף בער | רבי יוסף |
| " | 6 פון אונטען ארויף | באַלט | באַלד |
| 156 | 15 " | " | " |

Copyright by Ph. Geliebter
232 Linden str.
New-Jork — Brooklyn 1921.

Druk. Br. Wójcikiewicz Warszawa, Kr. Nalewk.

# הקדמה.

אין די לעצטע יאָרען איז פיל געשריבען געוואָרען וועגען הסידות. איך האָב שוין אויך פיל געשריבען וועגען חסידות. פאַרוואָס זאָל מען אָבער אַמאָל נישט געבען דעם לעזער חסידות ממש? ביז וואַנען וועט מען אַלץ גיין אַרום און אַרום דער זאַך און נישט צוקומען צו דער זאַך גופא? עס זענען שוין אויסגעטראָטען געוואָרען די וועגען, וואָס פירען צום הייליקען קוואַל, פאַרוואָס זאָל מען נישט צופירען אַמאָל די פאַרשמאַכטע נשמות פון'ם וויסטען דור צום קוואַל אַליין?...

די אייניקע סקיצען, וואָס איך גיב דאָ דעם לעזער זענען דער ערשטער פאַרזוך אין דער היגזיכט. אויף דעם אָרט פון צו געבען בילדער פון חסידישען לעבען (ווי פרץ, בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג, עגנון און אַנדערע) אָדער צו געבען אָפּהאַנדלונגען וועגען חסידות (ווי צווייפעל אין זיין „שלום על ישראל", ר' אהרן מאַרקוס אין זיין „חסידיזם", האָראָדעצקי אין זיינע מאמרים וועגען חסידותן מאַרטין בובער אין זיינע פאַרשידענע חסידישע עסייען און דער שרייבער פון די ציילען אין זיינע העברייאישע ווערק ווי „ההסידות" און „רבי נחמן" וכדומה און אין זיינע יידישע ווערק ווי „דער אַלטער רבי" וכדומה), גיב איך דאָ חסידישע געדאַנקען און איבערלעבונגען, אין ריין חסידישען לבוש. אין דעם ביכעל „חסידות", וואָס איך גיב דאָ איצט דעם לעזער (וואָס האָט, אגב, קיין געמיינזאַמעס ניט מיט מיין העברייאישען ביכעל „ההסידות"), איז גיט נאָר, דער אינהאַלט אַ חסידישער

נאָר אויך די פאָרם; נישט נאָר די אותיות זענען חסידישע, נאָר אויך די כלים. דאָ איז אַלץ חסידיש: אי דער זין, אי די פאַרבען, אי די קלאַנגען. דער הסבר איז אייניקע מאָל (באַזונדערס, ווו עס ווערן באַרירט אַבסטראַקט-פילאָזאָפישע פראַגען) על פי ההכרח, ניט קיין חסידישער, אויך דער סגנון איז אייניקע מאָל, ווו עס פאָדערט די קלאָרקייט פון דער זאַך, ניט קיין חסידישער, — דער איבערלעבער ריטמוס פון די סקיצען איז אָבער פון אָנפאַנג ביז׳ן סוף אַ ריין חסידישער.

איך שטרעב נישט צו סטיליזאַציע, נאָר צום ריין-חסידישען אמת. ווען איך וואָלט געשטרעבט צו בלויזער סטיליזאַציע, וואָלט איך זיך באַמיט מיט אַלע כחות אויסצומיידען מאָדערן-פילאָזאָפישע אָדער מאָדערן-קינסטלערישע אויסדריקען. אַזוי ווי איך שטרעב אָבער צום ריינעם אמת פון חסידות, בין איך ניט מחויב צו רעדען אַלע מאָל דוקא מיט דעם אַמאָליקען לשון פון בעש״ט און רבי נחמן ברעסלויער, נאָר אַמאָל אויך מיט דעם לשון, וואָס דיזעלבע בעש״ט און רבי נחמן וואָלטען היינט גערעט...

דערביי איז, ווי איך האָב פריער געזאָגט, ניט נאָר דער אינהאַלט פון די סקיצען, נאָר אויך דער לבוש אַ ריין חסידישער. די אייניקע געצווונגענע מאָדערן-פילאָזאָפישע און מאָדערן-קינסטלערישע אויסדריקען מאַכען ניט קאַליע דעם ריין-חסידישען לבוש פון די סקיצען: אַזוי ווי דער חב״ד בלייבט חסידיש, ניט נאָר לויט זיין אינהאַלט, נאָר אויך לויט זיין לבוש, כאָטש ער באַנוצט זיך, מיט דער גאַנצער, אים צוגענגלעכער, פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע...

מען דאַרף נאָר וויסען ווען צו באַנוצען זיך מיט מאָדערנע אויסדריקען און וויאַזוי צו באַנוצען זיי. מען דאַרף זיי קענען פאַרחסידישען...

איך מוז דערביי נאָך עטוואָס באַמערקען: אין מיינע סקיצען בין איך אויסען ניט נאָר צו געבען אַן׳אויסדרוק צו אַלעם דעם, וואָס ס׳לעבט אין מיר אינעווייניק, נאָר אויך צו-

געוויינען דעם לעזער צו עמפינדען און צו דענקען חסידיש...

* *

אויף מיינע איצטיקע סקיצען * בעט איך דעם לעזער צו קוקען ווי אויף אַ התחלה, דאָס ווייטערדיקע דאַרף נאָך קומען.

צום סוף אַ ריין־טעכנישע באַמערקונג: דורך דעם, וואָס דאָס ביכעל איז געזעצט געוואָרען אין דער נייער אָרטאָגראַפיע, אין דער צייט, וואָס איך פערזענלעך שרייב אין דער אַלטער אָרטאָגראַפיע, און דורך דעם, וואָס דאָס ביכעל איז געזעצט געוואָרען אין פאַרשידענע צייטען און עס האָט געפעלט די נויטיקע השגחה איבער דער קאָרעקטור, זענען אין אים אַריינגעפאַלען אייניקע זייער פאַרדריסלעכע טעותים, איך בעט דעריבער דעם לעזער, ווען עס וועט אים עטוואָס באַזונדערס קשה זיין, צו אַריינקוקען אין דעם לוח הטעות, וואָס ווערט צוגעלייגט צום ביכעל.

# משיח־בענקשאַפֿט בײַ די ערשטע רביים.

מען וועט קיינמאָל ניט פֿאַרשטיין ווי עס געהער צו זײַן די פֿאַרהעלטעניש פֿון פֿאַרשידענע חסידישע—פּוילישע און ליטווישע רביים צו די וועלטגעשעענישן אין ענדע פֿון אַכטצענטען יאָרהונדערט און אָנפֿאַנג פֿון 19־טען יאָרהונדערט, ווי מען וועט זיך ניט קלאָר מאַכען דעם מעסיאַנישען כאַראַקטער פֿונ׳ם חסידיזם, ד״ה., ווי ווײַט דער חסידיזם אין זײַן אורשפּרונג איז געווען אַ טרעגער פֿון דער משיח־אידעע, וועלכע האָט געצאָלט, לויט דער האָפֿנונג פֿון די דערמאָנטע רביים, אַמגיכסטען פֿאַרווירקליכט ווערען. מיט אַנדערע ווערטער: דער חסידיזם איז געווען אַ פֿאָרטזעצונג אי אַ היפּך פֿון די פֿריערדיקע יידישע משיחישע באַוועגונגען, פֿון שבתאות און פֿראַנקיזם: אַ פֿאָרטזעצונג—אין דעם זין, וואָס דער חסידיזם האָט אויך געשטרעבט ווי אַמגיכסטען משיח אַראָפּצוברענגען און דורך באַזונדערער פֿרומקייט, קדושה וטהרה: אַ היפּך—אין דעם זין, וואָס דער חסידיזם האָט אויסגעמיטען אַלע מיאוסע, פֿאַלשע, פֿאַרקרימטע און פֿאַרדרייטע וועגען פֿון די שבתי־צביניקעס און פֿון די פֿראַנקיסטען און האָט זיך באַלד בײַם אָנפֿאַנג געשטעלט אויפֿ׳ן פֿעסטען באָדען פֿון דער תורה, פֿון העכסטער זיטליכקייט, ריינקייט אין געדאַנק און טאַט.

ווי ווייט דער חסידיזם איז געווען אין א פארטזעצונג אין א היפך פון דער שבתאות און פראנקיזם, זעט מען פון פאל־גענדער אגדה וועגן דעם גרינדער פונ׳ם חסידיזם רבי ישראל בעש״ט:

„שבתי־צבי איז אמאל געקומען אין חלום צום בעש״ט, בעטען בא אים א תיקון און דער תיקון איז באשטאנען דערין, אז דער בעש״ט זאל זיך מיט אים מקשר־זיין (גייסטיק צוזאַ־מענבינדען) נפש מיט נפש, רוח מיט רוח, נשמה מיט נשמה. האט דער בעש״ט אנגעהויבען צו מתקשר־זיין מיט אים זייער לאנגזאם („במתון“ – ריכטיקער וואלט דא געווען זיין „בזהירות“ – פארזיכטיק), דען ער (שבתי־צבי) איז א גרויסער רשע געווען“ (שבחי בעש״ט דף י׳צ״ב).

און ווידער דארט:

„אמאל איז געקומען שבתי־צבי ימח שמו און האט אים (דעם בעש״ט) איבערגערעדט („ופתה אותו ה״ו“) און האט אים א שליידער־געטון ביז אין שאול תחתיה אריין“.

אויך דארט:

„דער בעש״ט האט געזאגט, אז אין אים (אין שבתי צבי) איז געווען א הייליקער פונק, נאר דער ס״מ דאט אים אריינגעכאפט אין זיין נעץ אריין. געקומען איז עס אים (שבתי צבי) דורך זיין גאוה און דורך זיין כעס“.

אין פיל אגדות ווערט געשילדערט די נאנטע באציונג פונ׳ם בעש״ט צו משיח, און אין איין אגדה – אין צוזאמענ־האנג מיט די מעשים פון די פראנקיסטען:

„דער בעש״ט האט געזען א גרויסען קטרוג, אז מען וויל בא יידען צונעמען די תורה שבעל פה, איז דער בעש״ט זייער טרויעריק געווען א גאנצען ערב־יום־כפור. צו אווענט זענען אנגעקומען די שטאטלייט צו אים, אז ער זאל זיי בענטשען. ער האט געבענטשט איינעם צי צוויי פון זיי און האט געזאגט: „מער קען איך ניט, דען עס טוט מיר זייער וויי“. אזוי האט ער פון זיי מער קיינעם ניט געבענטשט און איז געגאנגען אין שול אריין און האט געזאגט ווירענדע ווער־

טער און איז אַרײַנגעפאַלען אין ארון הקודש אַרײַן און האָט געשריִען און האָט געזאָגט: ווײַ! ווײַ! מען וויל פון אונדז די תורה צונעמען. וויאַזוי וועלען מיר אַפילו אַ האַלבען טאָג קאָנען לעבען אָהן איר? דאַן האָט ער שטאַרק געצאָרנט אויף די רבנים און האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ איבער זיי, ווײַל זייַ טראַכטען אויס פון זייערע קעפּ פאַלשע הקדמות, אויך האָט ער געזאָגט, אַז אַלע תנאים און אמוראים שטייען איצט צום משפט".

דאַן ווערט געשילדערט אין דער אגדה, וויאַזוי דער בעש"ט איז נאַכהער אַרײַנגעפאַלען אין אַ געוואַלטיקען עקסטאַז אַרײַן און די אויסערלעכע סימנים פון יענעם עקסטאַז, און דאַן דאָס דערוואַכען און צו זיך קומען, און וואָס דער בעש"ט האָט נאַכהער דערציילט, וויאַזוי ער איז געגאַנגען פון עולם צו עולם, און וויאַזוי ער האָט אָנגעטראָפען תפלות פון פופציק יאָר, וואָס האָבען קיין עליה ניט געהאַט, און וויאַזוי ער האָט גענומען אויפהייבען די תפלות דורך „אַ טויער, וואָס איז גרויס ווי גאָר די וועלט", און וויאַזוי אַ מלאך האָט דעם טויער פאַרשלאָסען מיט אַ גרויסען שלאָס, און וויאַזוי ער האָט צוזאַמען מיט זיין הימלישען רבין, אחיה השלוני, געפּרוּווט דעם שלאָס ברעכען און האָבען ניט געקענט, און וויאַזוי זיי האָבען זיך ביידע נאָכהער אַרײַנגעריסען מיט גרויס שטורם אין היכל-משיח אַרײַן און וויאַזוי משיח האָט אים (דעם בעש"ט) דערזען פון ווײַטען און האָט געזאָגט: „שרײַ ניט", און האָט אים געגעבען צוויי אותיות, מיט וועלכע דער שלאָס ווערט געעפענט און דורכדעם האָט ער געפועלט, אַז די גזרה זאָל בטל-ווערען, נאָר אַ קליינע רשימה פון איר איז געבליבען, דאָס איז די גזרה צו פאַרברענען די ש"סען, וואָס איז פאָרגעקומען דורך די מסירות פון די פראַנקיסטען. עס ווערט ווײַטער אויך דערציילט, וויאַזוי די פראַנקיסטען האָבען זיך צושמדט און וואָס דער בעש"ט האָט דערויף געזאָגט: „די שכינה קלאָגט איצט און זאָגט, כל-זמן דער אבר איז באַהעפט איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז ער וועט געהיילט ווערען, און

אַז מען שנײַדט־אָפּ דעם אבר, דאַן איז אַלץ פאַרפאַלען, דען יעדער ייד איז איין אבר פון דער שכינה".

פון דער אגדה זעט מען אַרויס בולט אי די דערבײטערונג פון בעש"ט קעגען די פראַנקיסטען, אי דעם רחמנות אויף זיי, אי די דערבײטערונג פון דער צווייטער זײַט — קעגען דעם כּלבּול פון די רבנים, אי זײַנע משיח־טרוימען.

אין דעם בריף, וואָס דער בעש"ט האָט געשיקט צו זײַן שוואָגער רבי גרשון קיטעווער וועגען דער „עלית נשמה", וואָס ער האָט געהאַט אין יאָר תק"ז, האָבען מיר ווידער פאַר זיך די אינטימע באַציונגען צו משיח. אַרויפגייענדיק פון היכל צו היכל, קומט ער אָן, ענדליך, צו היכל־משיח און ער פרעגט אים אָהן צערעמאָניעס: „ווען קומסטו?" אויף וואָס משיח ענטפערט אים: „ווען אַלע וועלען קענען מיחד־זײַן יחידים, אַזוי ווי דו". דער גאַנצער בריף בכלל (געדרוקט אין „כּתר שם טוב" און אין פיל חסידישע ספרים) איז אַ מאַניפעסטאַציע פון דער משיח־אידעע.

דיזעלבע משיח־טרוימען זענען אַריבער פון בעש"ט צו זײַן תלמיד רבי בער פון ראָוונע (נאָכדעם פון מעזריטש) און פון אים — צו רבי בערס תלמידים. צוזאַמענקומענדיק זיך פלעגט מען איבערהויפּט זוכען תיקונים, וויאַזוי צו מקרב־זײַן די גאולה. דער רבי, רבי מלך (רבי אלימלך מליזענסק) איז כּל ימיו אומגעגאַנגען אין איין גרויסען, הייליקען משיח־טרוים. ער איז אַזוי פעסט געווען אין דער גיכקייט פון משיחס קומען און איז געווען אַזוי פול גלויבען אין זײַן אייגענער גײַסטיקער מעכטיקייט אינ'ם זין פון גאולה, אַז ער האָט געזאָגט: „איך וואונדער מיך זייער. די הייליקע תנאים האָבען דאָך געזען ברוח הקודש ביז די לעצטע דורות און האָבען געשריבען וועגען אַזוי פיל גזירות רעות און יסורים, וואָס וועלען זײַן איידער משיח וועט קומען, און זיי האָבען גאָרנית געזען, אַז עס וועט זײַן איין אלימלך אויף דער וועלט, און אַז אַלע רעות און גזירות האָט אַלימלך [illegible]=געווען און

מבטל-געווען („עשר צחצחות" י"ב ע"ב).

רבי נפתלי ראָפשיצער, אַ תּלמיד פון רב מענדעל רימאַ-נאָווער, האָט אַמאָל געהערט פונ'ם רימאַנאָווער, אַז ווער עס לעבט אין דער צייט, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד איז אויף דער וועלט און זעט אים ניט, וועט ער ניט זוכה-זיין צו זען פּני משיח. דערהערענדיק עס האָט רבי נפתלי גענומען דאָס זעקעל אויף דער פּלייצע, דאָס שטעקעל אין האַנט און ניט רעדענדיק קיין איין וואָרט איז ער געלאָפען אָהן אָטעם, קיין קאָזשעניץ און איז במקלו ותרמילו אַריינגעפאַלען אינ'ם צימער פון דעם קאָזשעניצער אָנצוקוקען אים, וואָרום טאָמער חס-ושלום פאַרשפּעטיקט ער איין מינוט און דערווייל קומט משיח איידער ער האָט נאָך געזען דעם מגיד („עשר אורות" ל"ו ע"א).

רבי משה טייטעלבוים פלעגט זאָגען צו זיין משמש יע-דעס מאָל איידער ער פלעגט זיך צולייגען אָפּרוען: „אַז משיח וועט קומען, זאָלסטו מיך למען השם בזו הרגע אויפ-וועקען" („סדר הדורות החדש" אות מ').

רבי נחמן בּראַצלאַווער האָט אַלע זיינע רעליגיעזע אי-בּערלעבונגען, זעונגען און טרוימען, קאָנצענטרירט אין משיח אַראָפּברענגען און האָט מבטיח-געווען, אַז אַלענפאַלס וועט משיח אַרויסקומען פון זיין נאָכקומענשאַפט. („חיי מוהר"ן").

אין דער צדיקישער פאַמיליע פון דעם מעזעריטשערס אָפּשטאַמונג, בּאַ די קינדער פון רבי ישראל רוזינער, איז געבליבען אַ מסורה, אַז דער מעזעריטשער האָט מיט אַלע כּחות געוואָלט דוקא משיחען אַראָפּברענגען און נאָר דורכדעם, וואָס זיינע תּלמידים האָבען זיך אויף דעם ניט גוט פאַרשטאַ-נען, האָט ער זיינס ניט אַדורכגעפירט („דברי דוד" פונ'ם טשאָרטקאָווער).

דער מעזעריטשער האָט זיך געהאַלטען, אַז ער קומט אַרויס פון מלכי בית דוד און זיין אייניקעל רבי שלום (דער זון פון ר' אברהם המלאך) האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ ריש גלותא און דעריבער האָט ער זיך זייער בּרייט אויפגעפירט

און האָט אומגעווינלעך מקפּיד־געווען אויף שיינקייט. דיזעלבע פאָרשטעלונג איז אַריבער צו רבי ישראל רוזינער און צו די קינדער פונ׳ם רוזינער (רבי אהרן מאַרקוס אין זיין „חסידיזם“).

און הגם מיר רעדען דאָ איבערהויפּט וועגען די ערשטע רביים, קענען דאָך אונדז דינען אויך די גלויבונגען פון די שפּעטערע רביים, ווי ווייט דאָס חסידות איז לויט זיין שורש ענג צוזאַמענגעבונדען מיט דער משיח־אידעע.

אַזוי האָט משה־לייב לענטשנער געזאָגט:

„דער ייד הקדוש האָט געזאָגט, אַז איך בין משיח בן יוסף. באמת קום איך, אָבער, אַרויס פון בית־דוד“ („עשר עטרו.“ י״ד ע״ב). קענטיק, אַז אויף דעם בּאָדען איז ענטשטאַנען די מחלוקת פון אַנדערע גוטע־יידען אויף אים.

אַזוי האָבען די געגנער פון רבי דודעל טאַלנער געמסרט, אַז בּאַ אים, בּאַ רבי דודלען, איז דאָ אַ שטול מיט׳ן אויפשריפט: „דוד מלך־ישראל חי וקים“, פאַרשטייט זיך, אַז רבי דודעל האָט עס געמיינט אין ריין מיסטישען זין און זיין תמימותדיקער אויפשריפט האָט אין זיך ניט ענטהאַלטען קיין זינד קעגען דער מלוכה. רבי דודעל האָט, אָבער, פיל יסורים געהאַט אויף זיך פון אַט דעם אויפשריפט, וועלכער האָט זיכער ענטשפּראָכען זיינע משיח־טרוימען (זע „כּתר כּהונה“ ז. 146 און אַנדערע)

# רבי מענדעל רימאנאווער.

רבי מענדעל רימאנאווער איז געבוירען אין נײשטאט אין יאר 1745, און ווען ער איז גרויס־געוואָרען, האָט ער געלערנט אין דעם באַוווסטען בית־המדרש פון דניאל יפה אין בערלין, ווו עס האָבען זיך דאַן אויפגעהאַלטען און געלערנט איינינקע גרויסע גאונים. רבי מענדעל האָט געלערנט מיט אַ באַזונדער חשק און ברען, דערבײַ האָט אין אים געלויכטען אַן איינערלעכעס ליכט, פאַר וועלכען ער האָט קיין אויסדרוק ניט געהאַט. אונטער דעם לבוש פון דער הלכה האָט ער געשפירט אַ לעבעדיקע נשמה, וועלכע ער האָט, אָבער, ניט געקענט תופס־זײַן. ער האָט געשפירט, אַז עס פעלט אים עפעס, וואָס איז אָהן אַ שעור הייליג און טײַער, און וואָס עס איז אייגענטליך דער אמתער זין פון אַלעם דעם, וואָס ער לערנט. אין וואָס אָט דער „עפעס" באַשטייט, האָט ער ניט געוווסט קלאָר. בעת ער האָט געלערנט אַ וואַסער ניט איז פוסק, האָט ער געזוכט דעם העכערען גײַסטיקען געשטאַלט פון אָט דעם פוסק, זײַן „קומה הרוחנית", זײַן שורש אין „מרכבה עליונה". האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבען צו געפינען עס, האָט ער אונטער דעם שרעקליך געליטען. אים איז ווייניק געווען צו פאַרשטײַן אַ סברא פון דעם רא"ש צי פון דעם ר"ן מיט איר גאַנצער ברייטקייט און טיפקייט, נאָר ער האָט געגאַרט צו וויסען איר אָרט אין די העכערע עולמות. ער האָט, דעריבער, געקענט פאַרטיפען זיך אין אַ וואָסער ניט איז סברא ביז צום פאַלען אין אָהנמאַכט. פיל מאָל, ווען עס פלעגט אים

ניט געלונגען צו באַקומען דאָס פאַרבאָרגענע ליכט, פלעגט ער וויינען, ווי אַ קליין קינד. אַמאָל האָט ער אַזוי געלערנט אַ שטיקעל אלפסי (לויט אַנ׳אַנדער נוסח: רש״י), און האָט, ווי זיין שטייגער איז, געוואָלט תּופס־זיין די העכערע רוחניות פון דער סברא, דאָס האָט זיך אים, אָבער, אין קיין אופן ניט איינגעגעבען. ער האָט אַזוי וויַט געלערנט ביז די צונג האָט זיך אים צוגעקלעפּט. אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען. פון גרויס עגמת־נפש האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט ביז ער איז איינגע־שלאָפען וויינענדיק. אין שלאָף האָט ער געהאַט פאָלגענדע זעונג: עס קומט צו אים דער אַלפסי (לויט דעם אַנדערען נוסח: רש״י) און זאָגט צו אים: מענדעל, זאָלסט גיין צו אלימלך׳ן. רבי מענדעל האָט פאַרלאָזט זיין בית־המדרש און איז אַוועקגעגאַנגען אין גלות אַריין, צו זוכען עפּעס אַנ׳־אלימלך׳ן. ער איז אַזוי געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, ביז ער האָט דערהערט אין גאַליציען, אַז אין ליזענסק ווינט אַ גרויסער צדיק רבי אלימלך (דער „נועם אלימלך״). צו ליזענסק איז, אָבער, נאָך וויַט געווען. וואָס זשע טוט מען? האָט ער זיך פאַרדונגען פאַר אַ שמייסער בײַ אַ בעל־עגלה, וואָס איז געפאָרען קיין ליזענסק. אַ הונגעריקער, אַ נאַקעטער, אַ דערפרוירענער האָט ער זיך, ווי עס איז, דער־שלעפּט קיין ליזענסק. קוים אַריינגעפאַלען צו רבי אלימלך׳ן אין הויז, האָט אים דער גבאי ניט געוואָלט אַריינלאָזען. די דאָרפסלייט האָבען דאַן צו שטאַרק באַאומרויקט רבי אלימלך׳ן און רבי מענדעל האָט אויסגעזען, ווי אַ דאָרפס־יונג. אַזויווי רבי מענדעל האָט זיך, אָבער, דאָך אַריינגעריסען, האָט אים רבי אלימלך געפרעגט: „ווער האָט דיך געשיקט צו מיר?״ „ווער?״—

—האָט רבי מענדעל געענטפערט,— דער אלפסי (לויט דעם אַנדע־רען נוסח: רש״י) האָט מיך געשיקט צו אײַך״... רבי אלימלך האָט דאַן אויפגעהויבען זיינע לאַנגע ברעמען, האָט אים לאַנג און שטאַרק אָנגעקוקט און האָט אים געזאָגט: „בלייב בײַ מיר״...

אַ צייט לאַנג האָט רבי מענדעל געלעבט אין רבי אלימלך׳ס חבריא, ביז ער האָט זיך ווייטער געלאָזט גיין גלות אַפּרי־

טען און דערבײַ צו זעען זיך מיט די אײניקלעך פונ׳ם בעש״ט. גײענדיק צו רבי ברוך מעזיבוזער (אַנ׳אײניקעל פון בעש״ט), האָט ער אין סדילקאָוו אָפּגעטרעטען צום צווײטען אַ אײניקעל פון בעש״ט, צו רבי ברוך׳ס ברודער, — רבי אפרים (דער מחבר פון „דגל מחנה אפרים״). דער לעצטער האָט אים אָנפאַנגט אויפגענומען קאַלט און האָט געזאָגט: „איר זענט רבי מלך׳ס אַ תלמיד? דערצײלט עפּעס אַ מופת פון אײַער רבין״...

„איך ווײס קײנע מופתים ניט״,—האָט רבי מענדעל געענטפערט— „איך ווײס נאָר, אַז בײַ מענטשען איז דאָ הינטער׳ן אויער אַזאַ אָדער, וואָס נאָר בײַ זײַן גסיסה הײבט ער אָן צו ציטערען, — בײַ מײַן רבין ציטערט, אָבער, אָט דער אָדער יעדעס מאָל, ווען ער שטײט שמונה-עשרה״. רבי אפרים איז דערשטוינט געוואָרען, באַגרײַפענדיק וועמען ער האָט דאָ פאַר זיך...

ווירקלעך האָט רבי מלך׳ס חבריא אויסגעאַרבעט אין זיך אַזאַ גרויסע יראת-הרוממות פאַר דעם געטלעכען, אַז זײ זעלבסט, מיט זײער גאַנצען אויסזען, מיט יעדער באַוועגונג, מיט זײער שמועסען, שטײן און גײן, זענען זײ געווען דער אויסדרוק פון אָט דער געוואַלטיקער יראת-הרוממות אַזוי, אַז אָט דאָס געפיל איז איבערגעגעבען געוואָרען אַלע דערבײַשטײענדיקע. אין דער נאָענטקײט פון רבי מענדעלען האָט יעדער אײנציקער געמוזט דערשפירען אַ גרויסען פחד אלקים. „בשעת איך בין געשטאַנען נעבען דעם רבין פון רימאַנאָוו — דערצײלט אײנער פון די גרויסע צדיקים, — פלעגט מיר קלאַפּען אַ צאָן אָן צאָן און די האָר פלעגען זיך מיר שטעלען קאַפּויר פון גרויס פחד״. פיל צדיקים האָבען אים, דעריבער, אָנגערופען „מקור היראה״ און דער קאָזשעניצער מגיד האָט אים אָנגערופען דער „אישון בת עין פונ׳ם דור״.

און אָט די געוואַלטיקע געדאַנקענמאַכט זײַנע און שטאַרקען אײַנפלוס אויף די אַרומיקע, האָט ער קאָנצענטרירט אין דער האָפנונג אויף באַלדיקער גאולה, וועלכע האָט צוזאַמענגעבונדען מיט נאַפּאָלעאָנס נצחונות. אין דעם גײַסט האָט ער ג׳שט נאָר געטרוימט און געדיכטעט נאָר אויך זײער ענער-

גיש און דרינגענד געווירקט. ער האָט געווירקט אויף כתם־יידען, ער האָט געווירקט אויף זײַנע חברים רביים, וועלכע ער האָט געוואָלט דורכויס זעען אַלס פײַערדיקע אָנהענגער פון באַפּאָלעאָן. ער האָט שטאַרק געווירקט אויך אויף איניקע גרויסע פּויליש̈ע פּריצים, וועלכע האָבען אים געהאַלטען פאַר אַ בעל־מופת און קדוש און האָבען אים שטאַרק געליבט און געאַכטעט.

ווי ווײַט עס איז גרויס געווען רבי מענדעלס אײַנפלוס אויף איניקע גרויסע פּוילישע פּריצים, זעט מען פון דער מערקווירדיקער מעשה, וועלכע ס׳ברענגט רבי אהרן מאַרקוס אין זײַן מערקווירדיק־שיין ווערק: „Der Chassidismus“ (פלעשען 1901), וועלכע ער דערציילט אלס עד ראיה. „אין יאָר 1883—שרײַבט רבי אהרן מאַרקוס—בין איך געווען אין רימאַנאָוו ראש־השנה. דאַן האָט דאָרט געוויילט דער 80־יעריקער גראַף דאַרעווסקי, אַן׳אָנגעזעענער פּוילישער שריפטשטעלער, וועלכער האָט אַמאָל געגרינדעט אין לעמבערג אַ פילאָ־סעמיטישען פאַרבאַנד מיט׳ן העברעישען נאָמען „אגודת אחים“. אַט דער דאַרעווסקי איז געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון זײַן זון, שטאָט־בירגערמײַסטער פון לעמבערג, אויפ׳ן קבר פון רבי רימאַנאָווער. פיל אַרומיקע אַדעליקע זענען געקומען מקבל פנים־זײַן און אויסדריקען אַכטונג דעם גרויסען אַלטען. דער לעצטער האָט דערבײַ איבערגעגעבען דעם קולטוס־פּרעזידענט לעבעל חיל די סבה פון זײַן באַזוכען רבי מענדעלס קבר: בשעת ער איז אַלט געווען אַכט יאָר, איז ער אומהיילבאַר קראַנק געווען. זײַן מוטער האָט צוליב אים אַראָפּגעבראַכט די ווײַטסטע און די בעסטע דאָקטוירים. די דאָקטוירים האָבען, אָבער, נישט געקענט העלפען דעם חולה. ער איז געווען איינ־איינציקער זון בײַ זײַן מוטער, און די מוטער איז אַרומגעלאָפען פאַרצווייפעלט מיט פונאַנדערגעלאָזטע האָר, וויינענדיק און ברעכענדיק די הענט. דאַן האָט זיך אָפּגערופען צו איר אַ שכנטע, די באָבע פון׳ם פילאַנטראָפ ריטער פאָן גניעוואָשץ. עס איז דאָ אַ וואונדער־רבי אין פּריצטאָק (רבי מענדעל האָט

דאַן געוואוינט אין פּריצטאַק), וועלכער וועט דיר קענען העלפען. עס איז דאַן געווען אַ ווינטערנאַכט. מען האָט גלייך איינגעשפּאַנט פערד און מען איז געפאָרען פון גיעוואָשץ, (ווו דער חולה איז געלעגען) פינף מייל קיין פּריצטאַק. געווען איז עס דאָנערשטיק באַנאַכט, און ווען מען איז געקומען קיין פּריצטאַק 5 פּאַרטאָג, האָט מען אינ'ם רבינ'ס הויף געבאַקען ברויט פאַר אָרעמעלייט און דער רבי האָט דעם איינבערשטען געדינט. אויף דער פראַגע, ווען קען זי אָנגענומען ווערען פון רבין, האָט דער שמש געענטפערט: ערשט אָרום 9 נאָכ'ן דאַווענען. באַם באַזוך האָט דער רבי, וועלכער האָט געלויפיק פּויליש גערעדט, געפרעגט איר: „בין איך דען אַ מכשף, וואָס איר קומט צו מיר?“ „ניין“! — האָט די מוטער געענטפערט, — „נאָר דו ביסט אַ מענטש, וואָס דורך דיין לעבענסוואַנדעל ביסטו דעם איינבערשטען נענטער, ווי אַנ'אַנדער מענטש, און דעריבער ווערט דיין תפילה גיכער אָנגענומען.“ „אויב אַזוי — האָט דער רבי געענטפערט — וועל איך פאַר'ן קינד מתפלל־זיין.“ די בעטענדיקע פרויען זענען אַוועק, די טיר איז צוגעמאַכט געוואָרען, און דורך דער טיר, וועלכע איז געווען עטוואָס אָנגעבראָכען, האָט מען געקענט זעען, ווי דער רבי שטייט אין אַ ווינקעל און איז מתפלל ביז טראָפּענס שווייס רינען אים פון שטערן. אַזוי האָט עס געדויערט גאַנצע דריי שעה. דער קוקוקס־זייגער איבער'ן רבינ'ס בעט האָט פונקט 12 געשלאָגען. „זעט“, האָט דער רבי געזאָגט: — „מיט דעם שלאָגען 12 איז אייער קינד בעסער געוואָרען און ס'האָט אָנגעהויבען צו זיך קומען. ווען ער וועט פעליק געזונט ווערען, זאָלט איר אים ברענגען צו מיר, איך זאָל אים בענטשען.“ מען האָט זיך געזעגענט און מען איז אַהיימגעפאָרען. מען האָט דעם לאָקיי געפרעגט: „צי איז פאָרגעקומען עפּעס אַ פאַרענדערונג מיטן קינד?“ און ער האָט געענטפערט: „ניין, נאָר פונקט אַרום 12 אַ זייגער האָט דאָס קינד, וועלכעס איז ביז־איצט אָהן באַוועגונג געלעגען, אַ טרונק וואַסער געבעטען. „אין איינציקע וואָכען אַרום, דערציילט דאַרעווסקי, „בין איך פאָלשטענדיק געזונט־געוואָרען און בין געפאָרען

צו מקבל־זיין די ברכה פונ׳ם רבין, וועלכער האָט מיר פאָרגעלייגט צו בלייבען גוט־געגנייגט צו יידען. איך האָב מיין וואָרט געהאַלטען און בין אויך נאָך איצט, אין מיין עלטער, צו אים אויפ׳ן קבר געקומען״.

רבי אהרן מאַרקוס גיט דערצו צו פון זיין זייט: „אַזוי־ווי איך האָב געהערט, אַז דער אַלטער האָט דאָרט אויפ׳ן קבר זייער הייס געוויינט און האָט אויפ׳ן קבר אַ צעטעל איבער־געלאָזט אין דער פוילישער שפּראַך, האָב איך מיר אָט דאָס צעטעל פאַרשאַפט. איך האָב געוויזען דעם פּראָפעסאָר ביגעלאייזען אין לעמבערג״. אין צעטעל איז אַזוי געשריבען: „איר נשמות פון די נביאים אברהם, יצחק ויע־ ־עט פאַר דער נשמה פון דעם פאַראייביקטען מענד־ ־אָרעם (רבי מענדעל רימאַנאָווערס פאַמיליע האָט געהייסען טאָרעם), און דו מענדעל, ווען דו ־יסט שוין אין פנים העליונים, ב־ פאַר די פאַרפינצטערטע ל־ Uciemiężonych lud- Izraela פון ישראל און פוילען i Polski) בעט פאַר מיר און פאַר מ־ קינדער און איי־ניקלעך. מיעטשיסלאַוו, דער זון פון וויקטאָריאַ״ (לויט׳ן חסידי־שען מנהג שרייבט מען אויף די צעטלען דער מוטערס נאָמען).

פון דעם פאַקט זעט מען זייער בולט אַרויס, ווי ווייט געאַכטעט און געליבט רבי מענדעל איז געווען בא פאַרשידענע פוילישע מאַגנאַטען, וועלכע ער האָט אפילו איבערגעגעבען זיינע מיסטישע איבערלעבונגען. אַזויווי רבי מענדעל איז געווען פול גלויבען אין דער באַלדיקער גאולה, פאַר וועלכער נאַפּאָלעאָן האָט געזאָלט זיין, לויט זיין גלויבען, אַ מתחיל, האָט ער געוויס פיל מאַגנאַטען באַאיינפלוסט מיט אָט דעם פייער־דיקען גלויבען זיינעם.

רבי אהרן מאַרקוס באַמערקט דעריבער: „ווען נאַפּאָלעאָן וואָלט געזען רבי מענדעל רימאַנאָווער, וואָלט ער צו אים געוויס געזאָגט דאָס, וואָס אַלעקסאַנדער מוקדון האָט געזאָגט צו שמעון הצדיק״...

# דאָס געבעט פונ'ם „מליץ יושר".

פאַרוואָס הייסט בערדיטשעוו „בערדיטשעוו"? — ווייל דאָרט האָט געוווינט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. דאָס איז אַ הלצה, וועלכע איז, פאַר מיר לכל הפחות, ניט גאָר אַזוי וויט פון אמת. קינדווייס האָב איך דעם נאָמען „בערדיטשעוו" געוווסט גאָר פון די פיל מעשיות, וואָס איך פלעג זיך אָנהערען איבער רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. פאַר מיר איז בערדיטשעוו געווען קודם־כל אַ שטאָט, ווו עס האָט געוווינט דער גוטער־ייד, וואָס האָט איינס אין זינען געהאַט: מלמד־זכות־זיין אויפ'ן יידישען פאָלק, בעטען פאַר אים פון דעם רבונו־של־עולם אַלדאָס גוטס, בעטען אַזוי שטאַרק, ביז דאָס בעטען זאָל אין פאָדערען אַריבערגיין. איצט, ווען איך ווייס שוין גאַנץ לאַנג גאָר פון אַנ'אַנדער מין בערדיטשעוו: אַ שטאָט מיט קעלט און מיט צרות און מיט הונגער, ווי אַלע יידישע שטעט, איז בא מיר נאָך אַלץ **יענער** בערדיטשעוו אין זינען. אַ חלום פון דער קינדהייט פאַרשווינדט קיינמאָל ניט. איר מעגט אים שטויסען, טרייבען, יאָגען פון זיך, — ער בלייבט שטענדיק, און ווער ווייסט? אפשר איז דער חלום פיל וויכטיקער ווי די ווירקלעכקייט?...

רבי לוי יצחקס געשטאַלט איז מיט שכינה־שטראַלען באַגאָסען. איר קענט אים אַנדערש ניט זען, חוץ אין פיל ליכט אָהן שאָטען. ווי ער קערט זיך, און ווענדט זיך, ווו ער רירט

אָן מיט דער האַנט, ווי ער וואַרפט זיין בליק, אומעטום פאַר־שווינדט יעדע פינצטערניש, יעדער טרויער, יעדע שווערקייט און האַרטקייט.

אָט זעען מיר אים, (לויט איין אגדה) קומענדיק אין איין שטאָט און קיינער לאָזט אים אין שטוב ניט אַריין און ער מוז נעכטיקען בא אַ גאַרבער אין שטוב. ער קען ניט ליי־דען, אַז די שכינה זאָל זיך געפינען אין אַזאַ טרויעריקער לאַגע. ער גייט אין בית־מדרש אַוועק, וויינט אַזוי פיל, ביז ער ווערט איינגעשלאָפען. די שכינה קומט צו אים אין זינען־געשטאַלט מיט פיר־און־צוואַנציק תכשיטים אָנגעטון און זאָגט אים: באַרויק זיך, מיין זון, עס וועט אַלץ גוט זיין...

און אָט זעען מיר אים בשעת דער טאָג זעגענט זיך מיט דער נאַכט, בשעת די לעצטע שטראַלען פון דער שבת־זון ווע־רען איינגעלאָשען און די אָנגעקומענע שאָטענס ברענגען מיט זיך דעם אָנזאָג פון דער אָנקומענדיקער וואָך, אָט זעען מיר אים דאַן, ווי ער שטייט און שמועסט מיט'ן רבונו־של־עולם אויף זיין שטייגער, מיט אינערלעכסטער פרייד, מיט'ן טיפסטען אמת, מיט ריינסטער אהבה, מיט דער גרעסטער איינפאַכקייט און האַרציקייט. אָט רעדט ער זיך דורך מיט'ן פאָטער אין הימעל אויף מאַמע־לשון:

„גאָט פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב! באַהיט דיין פאָלק ישראל פון אַלעם בייזען אין דיינעם לויב, אַז (ווען) דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק, אַז די וואָך זאָל אונדז קומען צו אמונה־שלמה, צו אמונת חכמים, צו אהבת חברים, צו דביקות הבורא ב"ה, מאמין־צו־זיין בשלש עשרה עקרים שלך ובגאולה קרובה במהרה בימינו ובתחית המתים ובנבואת משה־רבינו ע"ה. רבונו־של־עולם! דו ביסט דאָך הנותן ליעף כח, גיב דיינע יידישע קינדערלעך אויך כח דיך צו לויבען, און נאָר דיר דינען, אַז די וואָך זאָל אונדז קומען צו געזונט, און צו מזל, און צו הצלחה, און צו ברכה, און צו חסד און צו בני חיי ומזוני לנו ולכל ישראל ונאמר אָמן".

אויך אין אַלע צײַטען, אין אַלע ימים טובים, אין יום הדין, אַלעמאָל הערען מיר אים רעדענדיק מיט'ן רבונו־של־עולם אויף זײַן באַזונדער האַרציקער שפּראַך, וועלכע גייט גלײַך איבער פון לשון־קודש אין מאַמע־לשון. אַט הערען מיר אים זינגענדיק ראש־השנה:

„דרי מעלה עם דרי מטה יפחדון וירעדון מאימת שמך, דרי תהום עם דרי שאול ירעשון וירגזון מאימת דיניך, אבל צדיקים ממקום גן־עדן ירננו ויזמרו לשמך, לכן אני לוי יצחק מבארדיטשוב באתי לפניך בתפלתי ובקשתי: מה לך אצל ישראל? „דבר" צו וועמען רעדסטו?—„אל בני ישראל"; „אמור" צו וועמ ן זאָגסטו? — „אל בני ישראל"; צו וועמען געביטסטו? „את בני ישראל"; „כה תברכו" וועמען הייסטו בענטשען? „את בני ישראל" איבער דעם פרעג איך דיך: מה לך אצל ישראל? כמה אומה ולשון יש בעולם, כשדים, פרסיים; רומיים וכ' מה לך אצל ישראל? אלא מאַי מוז דאָך געדרונגען זײַן „חביבין ישראל שנקראו בנים למקום" איז — יתגדל...

די „דרי מעלה" מיט די „דרי מטה" אַלע האַלטען אין איין ציטערען און פלאַטערען פאַר גאָטס נאָמען אין יום־הדין; די פינצטערע אײַנוווינער פון „תהום" און „שאול" זענען אינ־גאַנצען אויפגעשטורעמט פון איין אימה; די צדיקים אין גן־עדן וויסען, אָבער, דאַן אויך נאָר פון זינגען. און ער, לוי יצחק מבארדיטשוב, איז זיך אויף דער וועלט אויך ווי אין גן־עדן. צו וואָס זאָל ער טרייסלען זיך און באַהאַלטען זיך? נײַן. ער וועט מיט אים אויך קלאָרע דבורים רעדען...

און אַט הערען מיר אים אָפּט אײַנטענהדיק מיט'ן רבונו־של־עולם אַ שטייגער אויף אַזאַ אופן:

„רבונו של עולם! פאַרוואָס זאָלסטו זיך מיט אונדז ניט נוהג־זײַן, ווי אַנ'אייפאַכער בעל־הבית. אַט האָב איך אַליין געזען, ווי בײַ אַ פּראָסטען בעל־הבית איז דער „של ראש" אַראָפּגעפאַלען אויף דער ערד, האָט ער זיך אײַנגעבויגען, האָט אים אויפגעהויבען און אַ קוש־געטון. דײַן פאָלק ישראל איז דאָך דײַן „פּאר", דו רימסט זיך דאָך מיט אים -- פּאַר־

וואָס־זשע לאָזטו אים צייט טויזענטער יאָרען אויף דער ערד וואַלגערען זיך, פאַרשמוצט ווערען און פאַרחשכט ווערען?".

און פּלוצלונג ווערט ער אַייך גאָר אַ „סותר" און הייבט אָן האַנדלען מיט'ן רבונו־של־עולם אויף אַזאַ שטייגער:

„רבונו־של־עולם: איך וועל מיט דיר אַ בייט מאַכען. וואָס וועל איך. דיר געבען? — חטאים, עונות ופשעים. וואָס־זשע וועסטו מיר געבען?—סליטה, מחילה, כפרה. מיינסטו וועל איך מיט דיר גלייך בייטען? — ניין! דו וועסט מיר אַ צוגאָב געבען: בני, חיי ומזוני".

און שטענדיק זעט אים די מסורה פון פאָלק הייטער, פריש, לעבעדיק. פריילעך, גוט צו אַלץ און צו אַלעמען, פול ליבע צו גאָט, צום כלל און צו יעדען פרט באַזונדער, באַדינענדיק יעדען איינציקען, ווי דער נידעריקסטער משרת, אָט זעען מיר אים אַרומפאָרענדיק, זאַמלענדיק געלט פון פאַרמעגלעכע יידען, כדי אויסצולייזען יידישע אַרענדאַטאָרס פון פּינצטערען גרוב (ווען די אַרענדאַטאָרס פלעגען ניט צאָלען אַרענדע־געלט צו דער צייט, פלעגען זיי אין תפיסה אַריינגעזעצט ווערען און אָפטמאָל זייער שטאַרק געפייניקט ווערען). אָט גייט ער אַייך אַרום אום ערב יום־כפור שלום צו מאַכען ערגעץ ווו צווישען מאַן און פרוי. און אָט גייט ער אַייך אַרום, שמועסט מיט אַלע גרעבסטע מענטשען, רעדט מיט זיי די איינפאַכסטע און די אומבאַטייטענדסטע רייד און פירט זיי בישלעכווייס, בישלעכווייס אַרויף אויפ'ן העכערען וועג. ער לערנט איבערהויפט נאָר איינס: מען זאָל גאָט ליב־האָבען און ישראל ליב־האָבען: ווען די תורה איז גאַנץ, לערנט ער, טאָר מען פון איר קיין אות ניט אָפּמעקען. ששים רבוא פון יידישע נשמות זענען ווי די ששים רבוא אותיות פון דער תורה. ווען ישראל איז איינס — דאַן קען קיין שונא מיט זיי גאָרנישט מאַכען...

# ברעסלעווער חסידים*).

ווײַל עמיצער הערען געוויינלעכע נגינה, זאָל ער גײַן הערען ניסן בעלזערס תּלמיד; ווײַל ער הערען בערדיטשעווער חסידישע נגינה — זאָל ער גײַן אין קאַרלינער שטיבעל אַרײַן. ווען דער הײליקער שבת גײט אַוועק און די בערדי־טשעווער וואָך קומט אָן מיט איר וויסטקײט, פינצטערקײט און אָרעמקײט, זענען די קאַרלינער חסידים נאָך אין רעכטען גרען, זיי קומען ערשט אַרײַן „בגלופין" און עס חלומט זיי נאָך גאָרנישט וועגען זעגענען זיך מיט דער מלכּה־שבת. זיי־ער געזאַנג מוצאי־שבת האָב איך פון ווײַטען דערהערט און איך האָב אין אים קײנע שפורען פון זאָרג ניט געפילט. אין דעם פּאַלאַץ פון דער שכינה זיצען זיי — וואָס גײט זיי אָן הונגער און פּײַן, חושך און דלות?...

געוויס האָט יעדער פון זיי אַ היבש ביסעל פעקלעך אינדערהײם, געוויס זענען יענע פעקלעך זייער און זייער שווער צו טראָגען, געוויס האָבען פיל פון זיי אַ דערוואַקסע־נע מוידען אינדערהײם באַ אַ פוסטער קאַסע, אַ וועקסעלעך

*) פון מײַנע בערדיטשעווער באַאָבאַכטונגען אין יאָר 1911.

צו צאָלען, אי דירה=געלט צו צאָלען, אי שכר=למוד צו צאָלען, און אַז גאָט גיט, מוז מען פרוי און קינד קורירען, און אַליין איז מען אויך אַ קצת חולה, און די עלטער רוקט זיך אָן, און עס איז שוין קיין כח ניטאָ צו האָרעווען, און די וועלט איז געשלאָגען און קיין פרנסה איז ניטאָ כאָטש צורייס זיך — וואָס מאַכט עס, אָבער, אויס? מען זיצט באַ'ן מלך אַרום טיש. ווו גאָט ברוך הוא איז דאָ, דאָרט איז פאַר דאַגות קיין אָרט ניטאָ. זאָל יענער דאַגהנען, וועמענס גאָט איז געשטאָרבען. יידען האָבען אַ גאָט וואָס לעבט אייביק. דער זכות פון שבת וועט געוויס בײַשטיין. דער אַלטער קאַרלינער איז דאָרט געוויס אַ גוטער בעטער. און בכלל: וואָס איז דאָ צוזאָרגען, ווען מיר האָבען אַלע אַזאַ גוטען פאָטער? — „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי"...

ווייל, אָבער, עמיצער הערען גאָר אַנ'אַנדער מין נגינה; ווייל עמיצער הערען אַ נגינה, וואָס קומט ניט פון גוף נאָר פון דער נשמה, אַ נגינה, וואָס קומט ניט פון אויסערלעכער פרייד נאָר פון אינערלעכער פרייד; וועלכע קומט נאָכ'ן טיפסטען און שווערסטען טרויער; ווייל עמיצער זען אַ באמת געטלעכע שמחה; ווייל עמיצער זען עקסטאַז, וואָס קומט ניט פון התלהבות און התפעלות, נאָר פון טיפסטען און קלאָרסטען דעת; ווייל עמיצער זען בחוש, וויאַזוי מענטשען קענען אומגיין אויף דער ערד און דאָך זײַן ניט דאָ, — זאָל ער מוחל זײַן אַדורכמעסטען בערדיטשעווער בלאָטעס, זאָל ער זיך קערעווען אין אַלערליי קרומע געסעלעך; זאָל ער אַדורכגיין פאַרבײַ דעם אַלטען בית=עלמין, דעם גרויסען, וויסטען פעלד, ווו די נאַכט=שאָטענס לייגען זיך אויף די יתומדיקע בערגלעך, און ווו דער איינציקער, וויסטער, עלענדער בוים, וועלכען איר דערזעט אין עק פעלד רופט אין אײַך טרערען אַרויס; זאָל ער אַדורכגיין די „לעבעדיקע שול" (די שול אַרום אַלטען בית=החיים); זאָל ער ווידער אַדורכגיין אַזעלכע שולען, זאָל ער אײַנזאַפּען אין זיך די גאַנצע יידישע עלענטקייט און דאָס גאַנצע שווערגעמיט, וועלכע לאָזען

זיך באַזונדערס פילען אין יידישע שטעט, ווען די שבתדיקע שכינה האַלט זיך באַ געזעגענען מיט אירע קינדער און די פינצטערע ווירקליכקייט קוקט־אַרויס מיט אירע שטאַרע אויגען, זאָל ער נאַכהער אַ קער־טון זיך צום שטיבעל פון ברעסלעווער חסידים, זאָל ער מיט זיך אַהין זיין גאַנצע צעבראָכענקייט ברענגען, זאָל ער זיך שטעלען אין איין פינצטער ווינקעלע און הערען אַ קרעכץ נאָך אַ קרעכץ פון די עטליכע ברעסלעווער חסידים, וואָס זיצען אַרום טיש און הערען תורה, זאָל ער דערשפירען אין זייער קרעכצען, ווי זייער זאָגער דריקט זיך אויס, „אַזאַ בענקעניש נאָך גאָט, אַז עס איז ניט אויסצוהאַלטען", זאָל ער גוט, גוט הערען, וואָס עס ווערט געזאָגט, זאָל אים ווייניק־וואָס אַרען, וואָס דער אָדער יענער פסוק קומט ניט אַזוי גלאַט און שפיציק אַרויס, וואָס דאָ און דאָרט לאָזט זיך זייער פיל אָפּווענדען, זאָל ער דעם עיקר הערען, זאָל ער דעם טאָן הערען, די גרעסטע תמימות, וועלכע איז אין דערזעלבער צייט צוזאַמענגעוואַקסען מיט דעם גרעסטען דעת, די געוואַלטיקסטע געדאַנקען, וועלכע ווערען אַרויסגעזאָגט פאַרבייגייענדיק, און אָהן צו באַמערקען, אַז דאָ ווערען עפּעס גאַנצע עולמות ענטדעקט, דאָס איבערטראָגען ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אַלץ פון דער ערד און אויפהייבען עס צו די העכסטע הימלען, זאָל ער דערפילען דאָ דעם וועלטטרויער, וועלכער מוז נאָך דער אינערליכער גאולה איבערגיין אין וועלטפרייד, זאָל ער דערשפירען, אַז דאָ שוועבט דער גייסט פונ'ם גרויסען רבי נחמנען, וועלכער הייבט אויף מענטשען פון טיפסטען און פינצטערסטען גיהנם צום העכסטען אייביקען ליכט, זאָל ער נאַכהער זען, ווי אָט די חסידים גייען זיך איינציקווייז און שטילערהייט אַרויס פון טיש, גיבען זיך די הענט איינער דעם צווייטען, מאַכען אַ ראָד, גייען אַ טאַנץ און עס איז ניט צו באַמערקען אין טאַנץ קיין איין גראָבע באַוועגונג, דען יעדער קער, יעדער ריר, יעדער ביג, איז דורכויס אויסגעפיינט, אויסגעאיידעלט און אויסגעהייליקט ביז צו דער העכסטער מדרגה. דו קוקסט און גלייבסט דיינע

אויגען גישט. מענטשען, דוכט זיך, גאַנץ איינפאַכע. יידען גאַנץ קליינע למדנים, אפשר גאָר ניט קיין למדנים. גוטער יאָר ווייס זיי, נאָכ'ן אויסזען בעלי-מלאכות און טרעגער, דערביי אַזאַ איגערלעכקייט, אַזאַ טיפקייט פון געפיל, אַזאַ קלאָרקייט פון געדאַנק, אַזאַ רוחניות אין יעדער תנועה, אין יעדען שטעל פון פוס, אין יעדען קלאַנג פון זייער געזאַנג, וואָס עטוואָס ענלעכעס איז אוממעגלעך ערגעץ אַנדערש ווו צו געפינען.

כל ימי גדלתי בין החסידים, מיר האָט זיך אויף מיין לעבען פאַרשידענסטע אַרטען זינגען און טענץ געמאַכט הערען און אויסער איינציגע ניגונים פון אַלטע (ניט פון היינטיקע), חב"ד-חסידים, האָט זיך מיר ניט געמאַכט צו הערען און זען עטוואָס ענלעכעס צו דעם, וואָס מיינע אויגען האָבען געזען אינ'ם פינצטערען, פאַרוואָרפענעם שטיבעל פון בערדיטשעווער, ברעסלעווער חסידים. זייער שמחה איז אַנ'אמתע שמחה, זייער זינגען איז געזאַנג פון גאולה. פרייע מענטשען זענען דאָס. זאָגט אייך וואָס איר ווילט, די מענטשען, בפרט ווען זיי זענען בא זיך, זענען ניט אין גלות. זיי זענען אייביק אין זייער אייגענער היים — אין דער גאָטהייט. *אויסערלעך* וועט איר עס אויף זיי פיל ווייניקער ווי אויף אַלע אַנדערע חסידים באַמערקען. דער וואָס האָט, אָבער, אַנ'אויג צו זען אַמאָל, וואָס אין אַ מענטשען טוט זיך, יענער מוז נשתומם ווערען זעענדיק די אמתע און די פולקאָמע שמחה פון די מענטשען, ווען דורך זייער רקוד רעדען זיי צו גאָט.

קומענדיק נאָענט צום ברעסלעווער שטיבעל, זאָגט מיר מיין באַגלייטער, אַ ייד אַ מתנגד, דאָ דאַרף *מען שטילער גיין*. זייער ריכטיק האָט ער באַמערקט. אַ באַזונדער שטילע קדושה רוט אין אָט דעם שטיבעל. שטיל איז דער קרעכץ און דאָך איז ער בוקע רקיעים. שטיל איז די תורה און דאָך איז זי נוקב עד התהום. שטיל איז דער טאַנץ און איר ווערט, ניט ווילענדיקערהייט, געטראָגען דורך אים אין אַנדערע עולמות.

שטיל איז דער ניגון און ער נעמט אייך דורך און דורך. שטיל איז אַלץ אַרום. אויסער די חסידים איז דאָ אַ היבש ביסעל מענטשען פון גאַס, וועלכע קומען אַריין צופעליק אָדער אויס נייגעריקייט, ניט אָהן אַ כוונה אַביסעל אָפּצולאַכען און חוזק־צו־מאַכען און דערביי ווערט דאָך אַלץ שטיל. אַלץ מוז הערען. ווילענדיק ניט ווילענדיק ווערט דער לץ אויס לץ. ער מוז ערנסט ווערען. דאָס איז שוין דער כח פון גייסט. דער העכערער און שטאַרקערער גייסט מוז דעם נידעריקערען און שוואַכערען גייסט מנצח־זיין.

דער זאָגער האָט אין זיין תורה געזאָגט:

— „יידען מוזען אַלע פעלקער לערנען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט". דערביי גייט צו מיר צו איינער פון די לצים און מורמעלט: „ער מיינט אַ פנים, אַז גוים זאָלען קומען זיין תורה הערען..."

שפּעטער אין אַ קליינער צייט אַרום האָב איך דעמזעלבען „לץ" געזען און ער האָט אומגעווינליך ערנסט געקוקט אויף אַלץ, וואָס קומט־פאָר אַרום אים. עס איז אים געווען גאָרניט צום לאַכען.

באַמערקט האָב איך דאָרט אַ יינגעל פון אַ יאָר פערצען, איינער פון די נייגעריקע. בשעת דער טאַנץ איז באַזונדערס שיין און פריילעך געוואָרען, הער איך, ווי דאָס יינגעל זאָגט צו זיין חבר: „ווען אַלע יידען וואָלטען זיך אַזוי געפרייט מיט זייער אמונה וואָלט זיין אַ ז ו י ג ו ט!"

יאָ, מיין קינד! עס וואָלט טאַקע געווען זיין „אַ ז ו י ג ו ט"!..

# דאָס האַרץ און דער קוואַל.

„ס'איז פאַראַן — דיכטעט רבי נחמן ברעסלעווער — אַ באַרג, און אויף דעם באַרג שטייט אַ שטיין, און פון דעם שטיין גייט אַ קוואַל, און איטלעכע זאַך האָט אַ האַרץ, און די וועלט אינגאַנצען האָט אויך אַ האַרץ — — —

און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייען אין איין עק פון דער וועלט און דאָס האַרץ פון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערען עק פון דער וועלט. און דאָס האַרץ שטייט קעגען דעם קוואַל און גלוסט און בענקט תמיד זייער, אַז עס זאָל קומען צו דעם קוואַל. דאָס בענקען און גלוסטען פונ'ם האַרץ צו דעם קוואַל איז גאָר ווילד...״

ווער איז „דאָס האַרץ פון דער וועלט?״

די איינצעלנע אויסדערווילטע מענטשען, וואָס פילען דאָס גאַנצע ליידען פון דער וועלט, די ליידען פון דער מענטשהייט; די, אין וועלכע דאָס גאַנצע לעבען פון דער וועלט ווערט קאָנצענטרירט; די, וואָס באַוועגען שטענדיק די וועלט, וואָס לאָזען זי אויף איין אָרט ניט שטיין; די, וואָס יאָגען זי און טרייבען זי אַלץ ווייטער און ווייטער און הייבען זי אַלץ העכער און העכער; די, וואָס ברענגען מיט זיך שטענדיק ליכט און לעבען, ליבע און גוטס, טרייסט און האָפנונג, פרייד און פרייהייט, פרישקייט, פריילעכקייט און

מונטערקייט; די, וואָס גיבען אַ זין דעם לעבען, אַ ווערט, אַ ריכטונג...

און וואָס איז עס פאַר „אַ קוואַל אויפ׳ן שפּיץ באַרג״?

דאָס איז: דאָס העכסטע פון דאָס הויכע, דאָס טיפסטע פון דאָס טיפע, דאָס אייביקסטע פון דאָס אייביקע, דאָס הייליקסטע פון דאָס היילינקע, דאָס געהיימסטע פון דאָס געהיימע...

דאָס, וואָס מיר קאָנען מיט קיין איין וואָרט ניט באַשטימען; דאָס, וואָס מיר קאָנען מיט קיין איין נאָמען ניט אָנרופען, און דאָך פילען מיר, אַז אַהין און נור אַהין דאַרפען מיר שטרעבען — אָט דאָס איז „דער קוואַל אויפ׳ן שפּיץ באַרג״...

„און ס׳שרייט תמיד דאָס האַרץ, אַז ס׳זאָל קומען צום קוואַל און דער קוואַל גלוסט צום האַרץ אויך״...

און וויבאַלד אַז דאָס האַרץ „בענקט יאָ אַזוי צום קוואַל — פאַרוואָס גייט עס ניט צום קוואַל? — נאָר וויבאַלד דאָס האַרץ וויל צוגיין נאָענט צום באַרג, וואָס אויבען אויף אים איז דער קוואַל, אַזוי זעט עס שוין ניט אַרויס דעם שפּיץ פון באַרג (וואָרום אַזוי איז דער שטייגער בײַ אַ הויכען באַרג: פון וויַיטען, אַז מען שטייט, זעט מען אַרויס דעם שפּיץ פון באַרג, און אַז מען גייט צו נאָענט, זעט מען שוין ניט אַרויס דעם שפּיץ), און וויבאַלד, אַז עס זעט ניט דעם שפּיץ פון באַרג — קען עס ניט זען דעם קוואַל, און וויבאַלד, אַז עס קוקט ניט אויף דעם קוואַל גייט עס אויס —

און ווען דאָס האַרץ זאָל אויסגיין וואָלט גאָר די וועלט חרוב־געוואָרען, וואָרום דאָס האַרץ איז דאָס חיות פון איטלעכער זאַך, און ווי קען די וועלט אַ קיום האָבען אָהן דעם האַרץ? איבער דעם קען דאָס האַרץ ניט צוגיין צום קוואַל, נור עס שטייט תמיד אַנטקעגען דעם קוואַל און עס בענקט און עס שרייט, אַז עס זאָל קומען צום קוואַל״...

דאָס „האַרץ פון דער וועלט״ מוז, אַלדזאָ, אייביק נור שטרעבען צום קוואַל, בענקען נאָך אים, ניט האָבענדיק די מעגלעכקייט נאָענט צוקומען צו אים. אין דערזעלבער צייט מוז, אָבער, דאָס „האַרץ פון דער וועלט״ שטענדיק

זעען דעם אייביקען קוואַל, דען „ווייבאַלד, אַז עס קוקט ניט אויפ'ן קוואַל גייט עס אויס". שטענדיק מוזען די אויסדערווײַלטע מענטשען פאַר זיך קלאָר זעען דעם העכסטען אידעאַל. ווען זיי זעען עס ניט — דאַן גייט די וועלט צום גרונט...

און קראַנק איז צמאָל „דאָס האַרץ פון דער וועלט" און שוואַך איז עס. ניט אַלע מאָל זעען די אויסדערווײַלטע מענטשען דעם זין פון וועלט און לעבען, ניט אַלע מאָל איז פאַר זיי קלאָר דער אידעאַל וווהין זיי דאַרפען שטרעבען...

פאַרצווייפעלט, פאַראירט, פאַרפירט גייען זיי אַרום. און אַז עס בלאָנדזשען די פירער, צוזייען זיך די שעפעלעך אין אַלע זייטען און זיי זוכען ווו אַ גראָז און ווו אַ בלעטעל און ווו אַ קוואַל וואַסער; און די שטאַרקע שעפעלעך שטויסען די שוואַכע, פרעסען אַלץ אויף און דאָס קלאָרע וואַסער פאַרשמוצען זיי, און וועלף באַפאַלען זיי אַלעמען און עס ווערען געטרעטעט אייניצעלנע אויף די הויכע בערג צי אין די טיפע טאָלען —

און די בעסטע מענטשען זעען עס און קענען גאָרניט העלפען. און פאַרצווייפעלט הייבען זיי די אויגען צום הימעל אויף — דאַן טרעפט, דערזעען זיי אַ הויכען ליכטיקען שטערען, וואָס ווײַזט זיי דעם וועג; דאַן, טרעפט אַמאָל, שניי־ווײַסע מלאכים־פליגלען באַשיצען זיי; גייסטער פון ווײַטע געהיימע וועלטען קומען צו זיי; די געהיימע שטימע פון אייביקייט רעדט צו זיי — ליכטיק ווערט זיי, לעבעדיק ווערען זיי און די גאַנצע וועלט באַלעבען זיי...

און אַזוי האָט די וועלט שטענדיק אירע עליות און ירידות, באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפ, שטאַרקייט און שוואַכייט, זין און אומזין, וועג און אירטום. זעט דאָס „האַרץ פון דער וועלט" דעם „קוואַל אויפ'ן שפיץ באַרג", דאַן קלאַפּט דאָס „האַרץ" רויק און אַלע גלידער באַקומען זייער נאַרונג; זעט דאָס „האַרץ" דעם „קוואַל" ניט, ווערט עס אָפגעשוואַכט און

דער וועלטאָרגאַניזם האַלט אין איין חלשען...

פאַראַן פעריאָדען אין דער היסטאָריע, ווען די מענטשהייט — אינ׳ם געשטאַלט פון אירע בעסטע פאָרשטייער — ווייסט וווהין זי גייט, קלאָר איז איר וועג, קלאָר אירע אידעאַלען, פול ליכט איז זי דאַן, און גלויבען אין פרייד אין לעבען. פאַראַן, אָבער, פעריאָדען אין דער היסטאָריע, ווען די מענטשהייט — אינ׳ם געשטאַלט פון אירע בעסטע פאָרשטייער — האַלט נור אין איין בלאָנדזשען; מאַכען געטער און צוברעכען זיי; גלויבען אין אַלע נאַרישקייטען, אָדער אין גאָרנישט גלויבען, צעבראָכענקייט און ווייגעשריי. דאַן קומט ווידער אַ מאָמענט פון דורכלויכטונג און די מענטשהייט קומט צו אַ העכערער מדרגה, ווי זי איז אַמאָל געווען און ווידער אַ פאַל און ווידער נאָך העכער, אַזוי אַרום שטייגט די מענטשהייט דאָך אין לעצטען סכום אַלץ העכער און העכער. נאָענט גיין צום „קוואַל" קען זי ניט — זעען אים קען זי, אָבער, אַלץ קלאָרער און קלאָרער...

דאָס זענען די אייביקע עבבע און פלוטה פון דער געשיכטע. עס צעגיסט זיך אויס „גאָט־וויסען" ווי אַ ים, דער ים פאַרפלייצט זיינע ברעגעס, עס ברויזט, עס שטורעמט אַלץ, עס לעבט די וועלט. אַמאָל, אָבער, ווערט דער ים פון דער געשיכטע אָפּגעפאַלען, איינגעהאַלטען, געשטילט. נאָך אַ גרויסער, געוואַלטיקער אָנשטרענגונג פון דער מענטשהייט, נאָך איר וועלען אַמאָל מיט געוואַלט צום „קוואַל" קומען, נאָך איר וועלען מיט געוואַלט צוברעכען די וואַנט, וואָס טיילט־אָפּ שאַפונג פון שאַפער, נאָך איר רייסען זיך צום אייביקען גאָט און דאָך ניט קענען צוקומען, נאָך איר שטאַרקען פליען — מוז נאָכהער קומען די צייט פון מידיקייט, פון שוואַכקייט, פון אַראָפּפאַלען. אין אָט דער צייט פון מידיקייט רוט זי אָפּ פון איר פריערדיקען, שטאַרקען רייחען און זי זאַמעלט אָן נייע כחות אויף צו שטייגען נאָכהער — נאָך העכער.

[illegible] דער שפּראַך פון אונדזער זעער הייסט עס:

„[illegible] דאָס האַרץ פון דער וועלט דאַרף זיך אַביסעל אָפּ־

רוען – אַזוי קומט אַ גרויסער פויגעל און פאַרשפּרייט די פליגעל אויף אים און פאַרשטעלט אים פון דער זון, דעמעלט רוט זיך דאָס האַרץ אָפּ אַביסעל, און אַפילו דעמעלט, אַז ס'רוט זיך אָפּ, קוקט עס אַקעגען דעם קוואַל און בענקט אַלץ צום קוואַל".

# דער פֿאַרבּיטענער בן־מלך.

די חברים (רבי נחמנס תּלמידים) זענען געזעסען און האָבען גערעדט וועגען אים (נאָפּאָלעאָנען) און האָבען דער־ציילט וויאַזוי ער איז גאָרניט קיין געבוירענער קעניג, נאָר ער איז געווען אַן׳איינפאַכער מענטש, וואָס איז נתגדל־געוואָרען כמעט אַ מושל בכפּה. דערויף האָט רבי נחמן געענטפערט: דאָס מאַכט גאָרניט אויס. אַ נשמה קען ער האָבען גראַדע אַ קעניגלעכע. עס טרעפט, אַז אין „עולם התמורות" ווערען צו־ביטען די נשמות, וואָרום עס איז שוין איינמאָל געווען אַזאַ מעשה...

און דאָ האָט רבי נחמן אָנגעהויבען צו דערציילען פאָלגענדעס:

עס איז אַמאָל געווען אַ מלך מיט אַ מלכּה. די מלכּה האָט געהאַט אַ דינערין, מיט וועלכער זי האָט זיך קיינמאָל ניט געשיידט. ויהי היום, האָט די מלכּה געבוירען אַ זון און די דינערין האָט אויך געבוירען אַ זון. געבוירען האָבען זיי אין איין טאָג. האָט די היבּאַם אַ טעות געהאַט און האָט צובּיטען די קינדער: דעם בן־מלך האָט זי אַוועקגעלייגט נעבען דער דינערין און דעם בן־העבד — נעבען דער קעניגין. די קעניגין האָט פון גאָרנישט געוווסט און די דינערין האָט אויך פון גאָרנישט גע־וווסט. אַזוי אַרום איז דער בן־העבד דערצויגען געוואָרען קע־

ניגלעך, און דער בן־המלך — געמיין. די טבע פון דעם בן־מלך האָט אים, אָבער, שטענדיק געצויגען צו דעם נימוס פון אַ מלכות, און די טבע פון דעם בן־העבד — צו אַ גאַנץ אַנדער נימוס, כאָטש מען האָט אים געלערנט נמוסי־המלכות און ער האָט זיך געמוטשעט גענוגלעך אויפפירען...

די היינבאַם, וואָס האָט צובייטען די קינדער האָט זיך, ענדלעך, באַזיכנען, אַז זי האָט זיך טועה־געווען, נאָר זי האָט מורא־געהאַט צו דערציילען, אַזוי, אָבער, ווי בא ווייבער איז אַ גרינגע דעה, איז זי געגאַנגען און האָט אויסגעזאָגט דעם סוד פאַר איין מענטשען, באשר זי האָט פאַרבייטען די קינדער. און איטלעכער מענטש האָט זיך איין חבר און דער חבר האָט נאָך אַ חבר. האָט אַזוי איינער אויסגעזאָגט דעם אַנדערען, ביז דער סוד איז אַרויסגעקומען און ביז דער עולם האָט דערפון געשמועסט שטילערהייט, אַז דער בן־מלך איז פאַרביטען געוואָרען. נאָר שמועסען שאַרף דערפון קען מען בודאי ניט, בכדי דער מלך זאָל דערפון ניט געוואָר־ווערען. וואָרום וואָס קען ער דאָ פאַרריכטען?... טאָמער איז עס אַ ליגען?.."

ויהי היום, איז געגאַנגען איינער און האָט דערציילט דעם בן־מלך (דעם פאַלשען בן־מלך), אַז מען שמועסט וועגען אים, דאָס ער איז פאַרביטען־געוואָרען, און אַז דער אמתער בן־מלך איז גאָר דער, וואָס ווערט דערצויגען אַלס בן־העבד... איז געגאַנגען דער בן־מלך (דער פאַלשער) און האָט אָנגעהויבען צו טון שפּיצלעך יענעמס פאָטער (דעם עבד), וואָס צו אמת איז ער דאָך טאַקע געווען זיין פאָטער, און ער האָט זיך אַליין געלייגט אים צו טון שלעכטס, כדי ער זאָל מוזען עוקר־זיין מיט זיין זון. כל־זמן דער מלך אַליין האָט נאָך געלעבט האָט ער נאָך פאָרט אַזוי איין ממשלה ניט געהאַט, דערנאָך, אָבער, ווען דער מלך איז געשטאָרבען און ער, (דער פאַלשער בן־מלך), האָט איבערגענומען די מלוכה, האָט ער נאָכמער שלעכטס געטון צו יענעמס זונס פאָטער. און געטון האָט ער אים שלעכטס פאַרשטעלט, מען זאָל ניט וויסען, אַז עס איז פון אים, וואָרום עס איז ניט שיין פאַר לייטען. האָט

פֿאַרשטאַנען דער עבד, אַז ער (דער פֿאַלשער בן=מלך) טוט אים שפּיצלעך מחמת די וועלט שמועסט, אַז די קינדער זענען פֿאַרביטען געוואָרען, האָט ער דערציילט זיין זון די גאַנצע מעשה, און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „איך האָב גרויס רחמנות אויף דיר, וואָרום ממה=נפשך: ביסטו מיין קינד, האָב איך דאָך בודאי גרויס רחמנות אויף דיר, ביסטו ניט מיין קינד, נאָר ביסט צום אמת דער בן=מלך, איז דאָך נאָכמער רחמנות אויף דיר, וואָרום דער, וואָס האָט איבערגענומען די מלוכה, וויל דיך גאָר אויסרייסען חס ושלום. איבער דעם, מוזטו אַנטלויפֿען פֿון דאַנען". און דערווייל האָט דער מלך דערלאַנגט דעם עבד שפּיצלעך איינס נאָך דעם אַנדערען. האָט זיך דער זון, דער אמתער בן=מלך, מישב=געווען, אַז ער מוז אַנטלויפֿען. האָט אים דער פֿאָטער געגעבען אַ סך געלד און ער איז אַוועק. האָט אים זייער פֿאַרדראָסען, וואָס ער איז פֿאַרטריבען געוואָרען פֿון זיין מדינה אומזיסט, און ער האָט צו זיך אַזוי געזאָגט: „בין איך אַ בן=מלך קומט דאָך מיר בודאי ניט, אַז איך זאָל פֿאַרטריבען ווערען, און אַפֿילו, אַז איך בין ניט דער בן=מלך קומט מיר אויך ניט, אַז איך זאָל זיין אַ בורח אומזיסט, וואָרום ווּאָס? וואָס בין איך דאָ שולדיק?..."

אויס גרויס האַרצווייטיק און עגמת=נפש, בכדי צו פֿאַרטויבען זיך און צו פֿאַרגעסען זיך האָט ער, (דער אמתער בן=מלך), גענומען זיך צום טרונק. און ער האָט געוואָלט דערמיט פֿאַרברענגען זיינע יאָרען, ער זאָל שכורען און זאָל נאָכגיין נאָך וואָס זיין האַרץ געלוסט, ווייל ער איז פֿאַרטריבען געוואָרען אומזיסט...

און דער פֿאַלשער בן=מלך האָט אָפּגענומען (איבערגענומען) די מלוכה שטאַרק, און אַז ער האָט עפּעס געהערט, אַז מענטשען מורמלען און שמועסען עפּעס דערפֿון, אַז זיי זענען פֿאַרביטען געוואָרען, האָט ער זיי געשטראָפֿט און געפּייניקט און האָט זיך אָן זיי נוקם=געווען און ער האָט געקעניקט בתוקף ועוז".

ווייטער דערציילט רבי נחמן, וויאַזוי דער אמתער בן=מלך האָט ניט געקענט איבערטראָגען דאָס העסלעכע אַרט לעבען, וואָס ער האָט געפֿירט. נאָר ווי ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער גרויסער עולה,

וואָס עס איז געטון געוואָרען, איז איהם זיין לעבען ניט גיוחה־געוואָרען און ער האָט זיך געמוזט ווידער פאַרטויבען און ווידער פאַרזינקען אין זינד. ביז עס האָבען איהם, ענדליך, אָנגעהויבען צו פּייניקען שרעקליכע חלומות. און ער האָט ניט געוואוסט ווי אַהין־צוטון זיך פון וויי און חרטה. איינמאָל האָט זיך איהם געחלומט, אַז ער זאָל לאָזען אַלץ מיט איינאַנדער און זאָל פאָרען אויף אַ יריד און זאָל זיך פאַרדינגען פאַר אַ משרת בא דעם ערשטען בעסטען סוחר, וואָס ער וועט אָנטרעפען. ער האָט אַזוי געטון. ער האָט געלאָזען זיינע שיינע מלבושים, זיין געלט און אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט — אויף הפקר, האָט אָנגעטון אַן׳אָרעם פעלצעל און אַוועק אויפ׳ן יריד. דאָרט האָט ער אָנגעטראָפען אַ סוחר פון בהמות, וואָס זוכט אַ משרת. ער האָט זיך פאַרדונגען צום סוחר און האָט גענומען טרייבען זיינע בהמות. איינמאָל האָבען די בהמות פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. ער וויל זיי פאַרנעמען און זיי לויפען הענדום־פענדום. ער יאָגט זיך נאָך זיי — זיי לויפען אַלץ ווייטער און ווייטער. ער איז אָפּגעמאַטערט געוואָרען, ער איז אָפּגעגאָסען געוואָרען מיט שווייס — זיי לויפען, ווי די רוחות. דערווייל איז צוגעפאַלען די נאַכט. אַ פינצטערע אימה האָט איהם אַדורכגענומען. דער געהויל פון די חיות לאָזט זיך הערען פירכטערליך, ער קלעטערט אַרויף, ווי עס איז, אויף אַ בוים און דערוואַרטעט דעם טאָג אין גרויס אַנגסט. אינדערפרי זעט ער, אַז זיינע בהמות שטייען נעבען איהם, נון, וויל ער זיי פאַרנעמען. ווי ער וויל זיי, אָבער, פאַרנעמען — לויפען זיי ווייטער. זיי לויפען און ער לויפט ווידער נאָך זיי אַ גאַנצען טאָג, ביז עס פאַלט ווידער צו די נאַכט. ווידער הערט זיך דער שרעקליכער געהויל פון די חיות און ווידער קלעטערט ער אַרויף אויף אַ בוים. אויפ׳ן בוים טאַפּט ער אָן עטוואָס לעבעדיקס און ער ווערט פאַרציטערט און דערפרייט צוזאַמען, דערהערענדיק דאָס קול פון אַ מענטשען.

„פון וואַנען ביסטו, ברודער, און ווי קומסטו אַהער?“—פרעגט ער דעם מענטשען. איך בין אויף אַ פערד געריטען און בין

אַראָפּ אָפּצורוען. דערווייל האָט זיך מיין פערד צוטראָגען און איך בין געלאָפען זוכען עס. וואָס מער איך האָב עס געיאָגט אַלץ ווייטער איז עס געלאָפען, ביז עס האָט מיך אַהער געבראַכט. „לאָמיר, אַלדזאָ, חברשאַפט שליסען" — האָבען די מענטשען איינער צום צווייטען געזאָגט. „לאָמיר ניט אָפּשיידען זיך איינער פון צווייטען, ווען אויך מיר וועלען קומען אין ישוב" — איז באַ זיי געבליבען. מיט'ן אָנקומען פון טאָג האָט האָט ער (דער פאַרבלאָנדזשעטער, אמתער בן-מלך), געהערט „זייער אַ גרויס געלעכטער: כאַ, כאַ! כאַ! דאָס קול פון דעם געלעכטער איז געגאַנגען איבער גאָר דעם וואַלד, ביז דער בוים האָט געציטערט פון דעם קול פון דעם געלעכטער און ער האָט גרויס פחד געהאַט. האָט אים געזאָגט דער מענטש, וואָס האָט זיך געפונען דאָרט, אויפ'ן בוים: איך האָב שוין גאָר קיין פחד ניט דערפון, וואָרום איך נעכטיק דאָ שוין כמה נעכט און אַלע נאַכט, ווען עס קומט נאָענט צום טאָג הערט מען דאָס געלעכטער, ביז אַלע ביימער הייבען-אָן צו ציטערען און צו טרייסלען זיך"...

יאָגענדיק זיך אָהן אויפהער נאָך די בהמות, וועלכע לויפען אַלץ ווייטער און ווייטער און מען קען זיי אין קיין פאַל ניט דעריאָגען, מיד און פאַרשמאַכט, פאַרפייניקט און פאַרהונגערט, האָט דער בן-מלך, ענדלעך, געפונען אין ווילדען וואַלד אַ זאַק מיט ברויט, וואָס עס האָט אים זייער דערפרייט. האָט ער גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס און איז ווידער געלאָפען נאָך די בהמות...

דערווייל האָט ער באַגעגענט אַ מענטשען. האָט ער זיך אין תחלה דערשראָקען, פונדעסטוועגען האָט ער פאָרט אַביסעל הנאה געהאַט פון דעם, וואָס ער האָט דאָ געפונען אַ מענטשען. האָט אים געפרעגט דער מענטש: „ווי קומסטו אַהער?" האָט ער געפרעגט דעם מענטש: „ווי קומסטו אַהער?" האָט אים יענער מענטש געענטפערט: „איך? מיינע עלטערען און מיינע עלטערענס-עלטערען זענען דאָ מגודל-געוואָרען, אָבער דו? ווי קומסטו צו-ער, ווהין עס קומט ניט קיין מענטש פון ישוב?

האָט ער (דער בן-מלך) זיך זייער דערשראָקען, וואָרוט ער (דער נייער מענטש) זאָגט, אַז „זיינע עלטערען און עלטער-עלטערען זענען דאָ מגודל-געוואָרען און קיין מענטש פון ישוב קומט אַהער ניט”, משמעות, אַז דאָס איז גאָר קיין מענטש ניט”...

פונדעסטוועגען האָט דער מענטש פון וואַלד אים (דעם בן-מלך) קיין שום שלעכטס ניט געטון, נאָר ער האָט צו אים ווידער געזאָגט: „וואָט טוסטו דאָ?” האָט ער (דער בן-מלך) אים געענטפערט: „איך יאָג זיך נאָך די בהמות”. האָט זיך דער מענטש צו אים אָפּגערופען: „הער זיך שוין אויף צו יאָגען נאָך דיינע זינד, וואָרום דאָס זענען גאָר קיין בהמות ניט, נאָר דיינע זינד פירען עס דיך אַזוי אַרום... האָסט שוין אָפּגענומען דאָס דייניקע... דו האָכט שוין אָפּגענומען דיין שטראָף... היינט קום מיט מיר, וועסטו קומען צו דיין זאַך”...

גייען זיי ביידע און זיי באַגעגענען דעם מענטשען, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך זיין פערד. שעפּטשעט דער לעצטער דעם ערשטען (דעם בן-מלך) אויפ'ן אויער: „היט זיך פון דעם, וואָס גייט מיט דיר, דען דאָס איז גאָר קיין מענטש ניט”...

דערווייל דערזעט דער פערד-מענטש, אַז באַ'ן בן-מלך איז דאָ אַ זאַק מיט ברויט אויף די פּלייצעס, בעט ער באַ אים ברויט. ענטפערט אים דער בן-מלך: „חייך קודמין”... זאָגט דער פערד-מענטש צום בן-מלך: „איך וועל זיך דיר פאַרקויפען פאַר אַ קנעכט”. האָט דער בן-מלך אויף דעם איינגעשטימט. גייען זיי אַלע דריי: דער וואַלד-מענטש, דער נייער הער מיט'ן נייעם קנעכט. קומען זיי צו אַן אָרט פון שלאַנגען און עקדע-שען. טראָגט דער וואַלד-מענטש זיי אַריבער און פירט זיי צריין אין איין הויז, וואָס איז געבויט אין לופטען, גיט זיי עסען און לאָזט זיי פריי גיין. זיפצט דער פערד-מענטש: „צוליב אַ חיי-שעה בין איך געוואָרען אַן'עבד-עולם”... איך, וואָס איך בין פריער גע-ווען אין אַזאַ גדולה... פרעגט אים זיין הער: „אין וואָס פאַר אַ גדולה ביסטו פריער געווען?” דערציילט אים דער פערד-מענטש אַ גאַנצע מעשה: ער איז אַמאָל געווען אַ קעניג פון אַ

מדינה, נאָר ער איז ניט געוועזן קיין אמתער מלך, דען די מלוכה האָט גאָר געהערט צו אַן׳אַנדערען, וועלכען ער האָט פאַרטריבען און פאַריאָגט. באַלד האָט אים, אָבער, אָנגעהויבען זיין געוויסען אַזוי ווייט צו פייניגען, ביז ער האָט געמוזט לאָזען זיין מלוכה מיט זיין גאַנץ עשירות און האָט זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין, ביז ער איז, ענדלעך, געוואָרען אַן׳עבד־עולם. שווייגט דער הער... ער זעט, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט זיין פריערדיקען רודף, דעם פאַלשען בן־מלך, וועלכער איז איצט זיין קנעכט געוואָרען. באַנאַכט קומט ווי דער וואַלד־מענטש און גיט זיי צו עסען און טרינקען. דערהערען זיי נאָענט צום טאָג ווידער דעם גרויסען געלעכטער, פון וועלכען אַלע ביימער ציטערען. פרעגען זיי דעם וואַלד־מענטש: „וואָס איז דאָס?“ ענטפערט ער זיי: דאָס לאַכט דער טאָג פון דער נאַכט... די נאַכט פרעגט באַ דעם טאָג: פאַרוואָס, אַז דו קומסט־אָן האָב איך נאָך קיין נאָמען ניט?.. טוט דער טאָג אַ גרויס געלעכטער — און עס ווערט ליכטיק... און ווידער ווערט נאַכט און זיי הערען, אַז „דער לייב שרייט און דער לעמפערט ברומט מיט אַן׳אַנדער קול און אַזוי די איבעריקע חיו׳, יעדע ברומט מיט אַן׳אַנדער קול, און די פייגעלעך סווישצען און קנאַקען, און עס הערען זיך פון אַלע זייטען ווילד־משונהדיקע קולות. ווערען זיי מתחלת זייער דערשראָקען, דערנאָך ביי׳גען זיי צו די אויערען און דערהערען, אַז דאָס איז נאָר אַ קול פון אַ ניגון און דוקא אַ ווילד־ווילער ניגון, וואָס עס איז אַ ווילד־גרויסער תענוג צו הערען אים, ווארום אַלע תענוגים פון דער וועלט זענען גאָרנישט און באַטרעפען גאָרנישט קייגען דעם גרויסען תענוג, וואָס מען האָט, אַז מען הערט אַזאַ ניגון“. פרעגען זיי אויף מאָרגען אין דער פרי דעם וואַלד־מענטש: „וואָס איז דאָס פאַר אַ ניגון?“ האָט ער זיי געענטפערט: „דאָס מאַכט די זון אַ נייעם מלבוש דער לבנה, זינגען אַלע איינוואוינער פון וואַלד אַ נייעם ניגון לכבוד דער העכשערין פון דער נאַכט...“ וואונדערען זיי זיך זייער. ענטפערט זיי דער וואַלד־מענטש: „וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? איך האָב

אַ כּלי, וואָס איך האָב מקבּל=געווען פון מיינע עלטערען און מיינע עלטערען פון זייערע עלטערנס=עלטערען, וואָס באַשטייט פון אַזעלכע בלעטלעך און פאַרבען, דאָס ווען מען לייגט זיי אַרויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש, שפּילט עס דעם וואַלד=ניגון...

בעטען זיי, ענדלעך, דעם וואַלדמענטש, ער זאָל זיי אַרויספירען אין ישוב אַריין, פירט ער זיי אין ישוב אַריין, שענקט די דערמאָנטע כּלי דעם בן=מלך און זאָגט צו אים: „גיי און זוך אַ מדינה, וואָס זי הייסט: „דאָס נאַרישע לאַנד און דער קלוגער מלך“, דאָרט וועסטו צו דיין גדולה קומען“. ווייזט ער זיי דעם וועג און זיי גייען אַהין. לאָזט מען זיי אַהין ניט אַריין, דען דער קלוגער מלך פון יענער מדינה איז געשטאָרבען און דער בן=מלך איז גאָרניט קיין קלוגער אַזוי, אַז די מדינה הייסט איצט: „די קלוגע מדינה און דער נאַרישער מלך“. און דער געשטאָרבענער מלך האָט געלאָזען אַ צוואָה, אַז מען זאָל קיינעם ניט אַריינלאָזען אין מדינה, ווי יענער וועט זיך ניט אונטערנעמען צו אומקערען דער מדינה איר פריערדיקען נאָמען. דרייען זיי זיך אַזוי ווייט אַרום דעם טויער פון שטאָט ביז זיי באַגעגענען אַ מענטשען, מיט וועלכען זיי מאַכען אַ קונציקען חלוף: דער בן=מלך גיט יענעם מענטשען די כּלי, וואָס שפּילט דעם וואַלד=ניגון און יענער גיט דעם בן=מלך אַ כּלי, פון וועלכער מען ווערט אַ מבין דבר מתּוך דבר...

פאַרמאָגענדיק אַזאַ כּלי גייט דער בן=מלך אַריין אין דער מדינה, וועלכע ער נעמט זיך אָן צו באַוואונדערען מיט זיין חכמה. באַווייזט מען אים אַ וואונדערגאָרטען, וווהין נאָר דער אַלטער מלך האָט געקענט אַריין, און אין וועלכען קיין ילוד אשה קען איצט ניט אַריין. דורך דער קונסט פון דער „בינה“ גייט ער אין וואונדערגאָרטען אַריין. באַווייזט מען אים אַ וואונדערשטול, וואָס דער אַלטער מלך האָט מיט אַ כּיוון פונאַנדערגעטיילט און פונאַנדערגעגלידערט, בכדי דער נייער מלך=חכם זאָל עס אויפשטעלען. מיט דעם כּח פון זיין פאַרשטייך „דבר מתּוך דבר“ געפינט ער די קונסט אויפצושטעלען

צוריק די וואנדערשטאל, מיט אַלע אירע וואנדערפּאַרבען און וואונדערגעשטאַלטען. ער הערט אָנערקענט אַלס אמת'ער חכם און ער באַהערשט די גאַנצע מלוכה".

אָט די מעשה, וועלכע איז געבויט פון אָנפאַנג ביז'ן סוף אויף געוויסע סודות־הקבלה, און וועלכע איז אויך פול מוסר בנוגע צו דער נשמה אלקיה, וואָס זי איז פון איר אָרט פאַרטריבען אויף צו פּיטערען בהמות (אַלערליי ליידענשאַפטען), ביז זי קומט נאָך אַלע וואַנדערונגען צו דער העכערער בינה („ולבבו יבין ושב ורפא לו"), האָט רבי נחמן אָנגעווענדט אויך נאַפּאָלעאָנען (זע „חיי מוהר"ן" ט"ו ע"ב, דפוס פּראַמפּאָל; וועגען דעם מוסר זע „לקוטי הלכות" הלכות ברכת השחר ה"ג), וועלכער איז אויסערלעך ניט געווען קיין בן־מלך, אָבער אַ נשמה האָט ער געהאַט — לויט רבי נחמנס דיכטונג — פון איין אמתען בן־מלך, וועלכער האָט געזאָלט — לויט רבי נחמן — נאָך אַלע אומוואַנדערונגען איינפירען אַ רעכטלעכע אָרדנונג אין די לענדער, אָפּגעבען יעדערען דאָס זייניקע, בויען די חרב־געוואָרענע לענדער און אויפשטעלען פעסטע מלוכות.

# פון „לקוטי מוהר״ן״.

ווער עס האָט מיט עטוואָס פֿאַראומרייניקט זיין געשלעכטסלעבען, פֿון יענעם ווערט אָפּגענומען די גאָב פֿון דאַווענען*).

---

דער יצר-הרע איז איבערהויפּט אָפּגעלייגט אויף צו פֿאַרפלעקען אונדזער געשלעכטס-לעבען: אין דעם לייגט ער אַריין זיין גאַנצע טומאה.

---

דורכ׳ן אָנקוקען דאָס געזיכט פֿונ׳ם צדיק**) ווערען בטל אַלע שלעכטע מדות, וואָס שטאַמען פֿון דאָס ערדישע, בהמישע און חיה׳שע, וואָס איז דאָ אינ׳ם מענטשען, — שווערגעמיט, פֿוילקייט, שלעכטסקייט, בייזקייט און אַלץ, וואָס שטאַמט פֿון זיי.

---

ווען דו קומסט צום תלמיד-חכם מוזטו פֿאַר אים אויסרעדען דיין גאַנץ האַרץ, דען דורכדעם ווערסטו פֿאַראייניקט מיט דעם אין-סוף.

---

*) דאָס אומרייניגע געשלעכטסלעבען פֿאַרשפּרייט אַ פֿינצטערען שאָטען אויף דאָס גאַנצע נשמהלעבען פֿון אַ מענטשען, און ווען די נשמה איז ניט ריין איז אויך די תּפילה ניט ריין.

**) דער „צדיק״ בּאַ ר׳ נחמן איז ניט דאָס, וואָס מען רופט געוויינלעך אַז „צדיק״, נאָר דער הייליקסטער און שטאַרקסטער גייסט פֿון זיין דור.

דער, וואָס לעבט אינ׳ם אמתען צדיק, ברויך צו וויסען, אז אַלץ, וואָס עס פּאַסירט מיט אים, איז נאָר פון זיין טובה-וועגען. ווען דער מענטש באַגרייפט עס — געניסט ער, דער-מיט, עטוואָס פון עולם הבא...

---

דורכדעם, וואָס דער מענטש האָט פאַר זיך אַנאַנדער ווילען, אויסער דעם ווילען פון דעם אייבערשטען, באַקומט די אויסערלעכע מאַכט אַ שליטה איבער אונדז. דער מענטש ברויך אויפצוגעבען זיין גאַנצען ווילען, דאָס ער זאָל קיין אַנדער ווילען ניט האָבען, אויסער דעם ווילען פון השי״ת: יאָ האָבען געלט, ניט האָבען געלט, יאָ האָבען קינדער, ניט האָבען קינדער—אַלץ נאָר, ווי גאָט באַגערט.

---

דער מענטש ברויך צו זאָגען: די גאַנצע וועלט איז נאָר צוליב מיר באַשאַפען געוואָרען (באַשטייט נאָר אין מיר), און דעריבער ברויך איך אויסצובעסערען די וועלט, פאַרפאָלקאָמען זי און אין געבעט אויפהויבען זי!

---

דער מענטש ברויך צו טון די מצוות מיט אַזאַ גרויסער שמחה, אַז ער זאָל גאָרניט באַגערען קיין שכר פאַר זיי, ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער וועלט, אויסער דעם איינאונאיינציקען שכר, אַז דער אייבערשטער זאָל אים פאַר איין געטוענער מצוה צושיקען נאָך אַ מצוה.

---

מ׳דאַרף דעם מח אינגאַנצען באַפרייען פון אויסערלעכע חכמות און פון אַלע פרעמדע געדאַנקען: זיי זענען נישט מער, ווי חמץ, וואָס ברויזט אויף דעם געדאַנק, זיי פאַרשטאָפּען און פאַראומרייניקען אים און דורך זיי קען דער מענטש ניט תפילה

פון בכונה און קען ניט פרייען זיך ווי געהעריק איז.

---

אויך ברויך דער מענטש צוהיטען זיך פון יעדער אויסער־לעכער פורכט, דאס הייסט: ער זאל ניט מורא האבען פאר קיין זאך אין דער וועלט אויסער השי"ת; דען אויך אויסערלעכע פורכט שטערט די תפילה און די שמחה.

דער עיקר מוז מען אבער אפהיטען דעם מוח פון נאך אנ'ערגערען חמץ — שלעכטע געדאנקען און שלעכטע ליידענ־שאפטען, דען יענער חמץ איז — מיתה ממש.

יעדער מענטש דארף וואס וויניקער צו זארגען פאר דעם אייגענעם כבוד און וואס מער צו זארגען פאר דעם אייבערשטענס כבוד. דער מענטש זאל גארניט יאגען זיך נאך כבוד, נאר אנטלויפען זאל ער פון כבוד, ערשט דאמאלט וועט ער זוכה זיין צו א געטלעכען כבוד און דאן וועלען מענטשען אויפהערען צו חוקר־ודורש זיין צי קומט אים כבוד, צי ניין. אגדערש איז אבער ווען דער מענטש יאגט זיך נאך כבוד, דען דאן איז ער צו א געטלעכען כבוד ניט זוכה און דעריבער — ווען ער האט אפילו כבוד — הערען מענטשען ניט אויף צו חוקר־ודורש זיין וועגען אים: ווער איז ער און וואס איז ער, וואס מען אכט אים אזוי? צי האט ער טאקע פארדינט אזא כבוד?...

---

דער גאנצער ענין פון תשובה באשטייט דערין: ווען ער (דער בעל־תשובה) הערט ווי מען איז אים מבזה זאל ער שווייגען און ליידען אלערליי בזיונות און שפיכות־דמים, דען דורכדעם ווערט וויניקער זיין בלוט וואס פליסט אין לינקען חלל פון זיין הארצען, דורכדעם שענדעט ער זיין אייגענעם יצר־הרע און דורכדעם איז ער זוכה צו א געטלעכען כבוד.

---

„תשובה״ איז אין דער בחינה פון „אהיה״*) (איך װעל זײן), דען פאר דער תשובה האט ער גאר קײן זײן ניט גע־האט, גלײך װי ער איז גאר אויף דער װעלט ניט געװען, װארום עס װאלט פאר אים פיל בעסער געװען, אז ער זאל גארניט באשאפען־װערען; נאך דער תשובה איז ער אבער, אין דער מדרגה פון „אהיה״ — פון הײנט אן װיל איך שוין עפעס באטײטען אויף דער װעלט.**)

---

תשובה איז אויך אין דער בחינה פון „כתר״, דען „כתר״ הײסט אויך, װארטען (כתר לי, זעיר...) און צו דעם בעל־תשובה זאגט מען: „װ א ר ט א װ ײ ל ע, מיר װעלען דיר אלע העלפען״... דער בעל־תשובה דארף אפילו, אמת, אנטלױ־פען װאס גיכער פון זינד, דערבײ מוז ער אבער (בײן ארײנ־גען אין קדושה) געװנג געלאסען זײן און גײן מדרגות׳װײז, לױט װי דער אמתער צדיק לערנט אים, דען עס איז נישט מעג־לעך ארײנצוקומען מיטאמאל אין דער קדושה ארײן.

---

א מענטש דארף אײביק תשובה־טון, דען אפילו בעת דער מענטש זאגט: חטאתי, עויתי, פשעתי, זאגט ער עס ניט אן א כונה, מוז דערום דער מענטש שטענדיק תשובה־טון ניט נאר אויף זײנע זינד, נאר אויך א ו י ף ז ײ ן פ ר י ע ר־ד י ק ע ר ת ש ו ב ה...

---

װען א מענטש װיל גײן אין די װעגען פון תשובה, מוז

---

*) לױט דער קבלה זערגײט תשובה ביז דער ספירה פון „בינה״ און „בינה״ װערט באצײכענט מיט׳ן הײליקען שם „אהיה״

**) דער הײליקער שם „אהיה״ איז מרמז, לױט דער קבלה אויף „בינה״ און אויך, נאך העכער, אויף „כתר״

ער דערווערבען צוויי ערליי קענטעניסען: קענטעניש אין ארויפלויפען (ארויפשטרעבען-„רצוא”) און קענטניש אין צוריקקערען (צוריקגיין, אפשטעלען זיך—„שוב”); קענטעניש אין ארייננגיין און קענטעניש אין ארויסגיין. „פלי איך אין הימעל—ביסטו דארט, גיי איך טיף אין גרוב אריין — ביסטו דערזעלבער”. דער מענטש קען אנדערש ניט טון קיין תשובה, ווי ער באשליסט ניט פעסט אין זיין דעה, אז שטענדיק וועט ער גאט דינען, אז סיי ער וועט פליען הימעל-הויך און סיי ווען ער וועט אראפפאלען פון זיין מדרגה און וועט זינקען אין שאול-תחתיה, וועט ער זיך דאך ניט מיאש זיין און וועט זיך באפעסטיקען און שטארקען אין עבודת השי"ת, דען אויך אין שאול-תחתיה געפונט זיך דער אייבערשטער, אויך דארט איז ער גרייט צו שיצען דעם מענטשען און אויך דארט קען מען צו אים נאנט זיין. ווען דער מענטש פארמאגט ביידע ארטען קענטענישען, גייט ער אין די ריכטיקע וועגען פון תשובה און איז זוכה צו גאטס כבוד און גאטס האנט איז דאן אויסגעשפרייט צו אננעמען זיין תשובה.

---

מען מוז זיך באמיען צו געפונען דעם זכות און דאס גוטע, וואס איז דא אין יעדען יודען; און מען מוז משפט'ען יעדען מענטשען פון דער גוטער זייט, אפילו די וואס קריגען אויף אים און זענען אים מביזה. דורך דעם זען דאס גוטע, שאפט דער מענטש א קרוין פאר דעם אייבערשטען, ווו עס זענען איינגעזעצט פיל גוטע שטיינער.

דער גאנצער גלות קומט נאר פון מאנגעל אין גלויבען

---

פארהאן מענטשען, וואס טון אן אלע נסים אין א דרך-הטבע; און אז עס וועט א סוף נעמען צו אט די אלע אפיקורסים, וואס גלייבען ניט אין קיין נסים און די אמונה וועט פארשפרייט ווערען אויף דער וועלט, וועט משיח קומען, דען

די גאַנצע גאולה איז נאָר פון דעם אָפּהענגיק: — פון׳ם גלייבען.

---

דער מענטש קען אַנדערש ניט קומען צו דער וואָרהייט ווי נאָר דורכדעם וואָס ער ווייס (אין גייסט) נאָענט צו צדיקים און פאָלגט זייער ראָט און קערט פון זייערע ווערטער ניט אָפּ רעכטס און לינקס. דורכדעם ווערט די וואָרהייט איינגעקריצט אין זיין האַרצען און ער איז זוכה צו גלויבען, צו תפלה, צו ארץ־ישראל, צו נסים; און דורכדעם וועט די גאולה קומען.

---

ווען דער מענטש נעמט אויף אין זיך די געדאַנקען פון צדיקים, ווערט דערפון אַ מין היילינקע חתונה און אַ הייליק צוזאַמענלעבען, דען דורך אָט די געדאַנקען נעמט דער מענטש אויף אין זיך די היילינקע זאָמען פון׳ם צדיק׳ס גייסט, הייסט עס, אַז דעם מענטשענס געשלעכטס-לעבען ווערט דורכדעם פאַרפיינערט. פאַרקערט, ווען מען נעמט אויף געדאַנקען פון רשעים, הייסט עס: חתונה־געהאַט מיט דער קליפה, און די עצות זייערע (פון די רשעים) זענען ווי די עצות פון׳ם שלאַנג מיט זיין אומריינקייט (זוהמה), וואָס ער וואַרפט אַריין אינ׳ם מענשען, און דאָס געשלעכטס-לעבען פון׳ם מענשען ווערט דורכדעם פאַרערגערט.

---

דאַוונען, וואָס דאָס איז איינס מיט גלויבען, שטאַרקט דאָס געדעכעניש און מען ווערט ניצול דורך אים, דורכן דאַוונען פון פאַרגעסען, וואָס דאָס איז איינס מיט מאַנגעל אין גלויבען.

---

איידער דער מענטש איז מקורב צום צדיק האמת איז ער נאָך פון די, וואָס אויף זיי שטייט: „השמן לב העם הזה ואזניו הכבד ועינו השע“, דען זיין האַרץ איז פאַרשטאָפּט און זיינע אויערען זענען פאַרמאַכט און זיינע אויגען זענען בלינד פון צו זען דעם אמת און דערוועקט צו ווערען צו תשובה; ווען דער מענטש ווערט אָבער נאָנט צו צדיקים און פאַרנעמט זייער עצה, דאַן ווערען ביי אים האַרץ און אויערען און אויגען אויפגעעפענט און ער זעט דאַן און ער הערט דאַן און פאַרשטייט דעם אמת און איז זוכה צו תשובה.

---

דער זיפץ דערפילט אַלע פעלער, דאָס הייסט: ווען עס פעלט אים (דעם מענטשען) עפּעס און ער זיפצט דערויף, ווערען דורכדעם אַלע חסרונות אויסגעבעסערט.

---

פון דעם „צדיק הדור“ אָדער פונ׳ם „רב הדור“ באַקומט מען דעם אָטעם פון לעבען; און דורכדעם באַקומט מען די מעגלעכקייט צו אויסבעסערען יעדען חסרון דורך אַ זיפץ.

---

ווען דער מענטש שניט אָפּ און טיילט אָפּ און טרייבט אָפּ און ראָט אויס אַלדאָס בייז אין זיך, אַזוי, אַז עס בלייבט ביי אים פון קיין שום מידה קיין שלעכטס ניט זון ער איז דאַרום זיכער, אַז ער וועט שוין אין קיין זינד ניט גע־שטרויכעלט ווערען, דאַן איז ער אין דער בחינה „צדיק גמור“ און דאַן קען ער פאַרפירען אַ קאַמף געגען די רשעים. דאָס נעמלעכע איז אויך, ווער עס איז מקורב צו אַזאַ צדיק גמור, קען ער אויך פאַרפירען אַ קאַמף מיט די רשעים. אָבער דער וואָס האָט דאָס בייזע ניט אָפּגעשייט פון זיך אינגאַנצען און עס ליגט נאָך אין אים די מעגלעכקייט צו זינדיקען, כאָטש בעצם זינדיקט ער ניט, הייסט ער ניט קיין „צדיק גמור“ און

ער ב־ויך ניט צו פאַרפירען קיין קאַמף געגען די רשעים.

---

ווען מען טוט תפילה אויף אַ זאַך, כאָטש דורך דער תפילה ווערט די בקשה דערפילט, פונדעסטוועגען — איז עס נאָך אַלץ נאָר אין מעגלעכקייט. נאָר דורך דער ת׳ר ה ווערט פון דער מעגלעכקייט — ווירקלעכקייט, נאָר דורך איר ווערט דעם מענטשענס פאַרלאַנג דערפילט.

---

די רשעים, וואָס זענען ניט צוגעבונדען צו צדיקים, זענען לעבעדיקע מתים, דען זיי האָבען ניט פון ווער צו באַקומען דעם אמת׳ן לעבענס־אָטעם.

---

דער צדיק הערט אַלע זיפצען פון די, וואָס זענען צו־געבונדען צו אים, דען פון אים שטאַמט דאָס לעבען פון יעדען איינציקען פון זיי.

---

דאָס גאַנצע לעבעדיקייט באַקומט מען נאָר פון דאַוונען און דעריבער מוז מען דאַוונען מיט׳ן גאַנצען כח, כדי אַריינ־צולייגען דעם גאַנצען כח אין די אותיות פונ׳ם דאַוונען.

---

דורך דער פאָלגענדער תפלה איז דער מענטש משפיע לעבען אין אַלע דריי טיילען פונ׳ם וועלט־אַל: די נידריקע וועלט, די שטערען־וועלט און די מלאכים־וועלט.

---

ווען אַ מענטש שטעלט זיך דאַוונען קומען אַלערליי ווילדע געדאַנקען און אַלערליי קליפות און רינגלען אים אַרום,

ביז ער בלייבט אין דער פינצטער און קען ניט דאַווענען. וואָס־ושע טוט מען דערצו? זע, אַז אַלע דבורים, וואָס דו רעדסט פון דיין מויל אַרויס זאָל אַרויסגעזאָגט ווערען מיט אַ רעכטען אמת, דען, דאַן וועט יעדעס וואָרט דיינס זיין אַ טויער, וואָס וועט דיך אַרויספירען פונ׳ם חושך אין וועלכען דו ביסט געפאַנגען און וועסט, ענדליך, זוכה זיין צו תפלה טון ווי עס געהער צו זיין.

פאַרשטייט זשע עס אויסגעצייכענט, דען דאָס איז אַ גרויסער כלל און אַ גרויסער יסוד אין עבודת השם פון וועלכען אַלץ איז אָפּהענגיק, אַז ווען דער מענטש איז איינגעזוונקען, חס ושלום, אין עקסטער און שטאַרקסטער פינצטערניש און ער איז דאָרט פאַרשפאַרט און איינגעשלאָסען דורך פאַרשידענסטע פאַרקריפּעלטקייטען, וואָס רינגלען אים אַרום פון אַלע זייטען און לאָזען אים ניט צוטרעטען צו דער קדושה, זאָל ער ציען (שטרעבען) נאָר צום אמת און זאָל אויסקוקען דעם אמת און זאָל זוכען נאָר דעם אמת. און אַזוי איז אויך אין דאַווענען, כאָטש דער מענטש קען אַמאָל גאָר ניט דאַווענען, מחמת דעם גרויסען חושך (וואָס רינגעלט אים אַרום), פונדעסטוועגען זאָל ער זיך באַמיען צו אויסרעדען יעדעס וואָרט מיט אַן אמת, אין וואָס פאַר א נידעריקע מדרגה ער זאָל ניט זיין; און ווען דער מענטש זוכט באמת די וואָרהייט גיבט עס נאָרניט קיין פינצטערניש, וואָס זאָל זי אים פאַרשטעלען, דען די וואָרהייט, דאָס איז דאָס ליכט פון דעם אייבערשטען ועלבסט און דער אויבערשטער וויל נאָר וואָרהייט. און נאָך דער גרויסקייט פון דער וואָרהייט, אַזוי רוט דער אויבערשטער באַ׳ם מענטשען און באַלויכט אים זעלבסט און באַווייזט אים וויאַזוי אַרויסצוגיין פונ׳ם חושך און פון דער קליפּה, וואָס שטערט זיין דאַווענען און זיין עבודה און דורכדעם איז ער (ד. ה. דער דאַווענער) מתקן אַלע עולמות.

---

דורכדעם וואָס דער מענטש (דער זינדיגער) ווערט דער־

װעקט צו גאָט מיט אַנ׳אמת איז ער זוכה צו אױפװעקען אַנ-דערע רשעים, װאָס זענען פאַרזונקען אין חושך און זײ מחזיר בתשובה זײן.

---

אַ מענטש מוז זיך באַמיִען צו קומען צו אַזאַ מדרגה, דאָס זײן דאַװנען זאָל זײן אַזױ װײט בכונה, ביז זײן הארץ זאָל אױסגעגאָסען װערען, װי װאַסער פאַר גאָט, דען דאַן קומט משיח

---

דורכדעם, װאָס מענטשען לײקענען אין װוּנדער און מײנען, אַז אַלץ קומט פאָר נאָר בדרך הטבע, פאַלען זײ אַרײן אין גלות.

---

דורך ריקודין (רעליגיעזע טענץ, װאָס װערען אַרױסגע-רופען פון עקסטאַז) און המחאת-כף (האַנד-קלאַטשערײ אױס איבערפולטער אינערלעכער רעליגיעזער פרײד), װערט המתקת הדינין (װערען אַלע שטראָף-קרעפטען און אַלדאָס בײזע, האַר-טע און שװערע איבערגעװוּנדען).

---

דעם אמת׳ן זין פון דאַװנען װײסען נאָר די צדיקי הדור און דעריבער, װען עמיצער האָט אַ צער אין זײן הױז, זאָל ער גײן צום חכם און דער חכם זאָל פאַר אים גאָט בעטען, און דערמיט װערט דעם אױבערשטענס װוּנש דערפילט, דען דער אױבערשטער, גלױבט צו זײערע (די צדיקים׳ס) תפלות און האָט פאַרגניגען פון זײ.

---

זאָל ניט מײנען יעדער אײנציקער, אַז ער קען אױן

אַזוֹי מתפלל זיין, ווייל ער האָט געפאַסט און געפּייניקט זיך און איז דעריבער אַ צדיק, דען ווען ער (אָט דער איינציקער) וואָלט גוט אריינגעקוקט אין זיך, וואָלט ער דערזען, אַז נאָך אַלע תעניתים זענען דאָך אַלע זיינע תאוות פעסט צוגע-בונדען אין זיין גוף, און אַ גרויסע ציטערניש וואָלט אים באַ-פאַלען און ער וואָלט גאָרניט געדאַכט, אַז ער קען מתפלל זיין, דען ער וואָלט זיך דערזען אויף זער אַ געמיינער און נידעריקער מדרגה.

---

די בעלי-גאוה, וואָס ווילען אַליין ניט גיין צו צדיקים, אַז יענע זאָלען אויף זיי מתפלל זיין, אין דערלאָזען אַנדערע אויך ניט דערצו — דערלאָזען זיי דערמיט ניט, אַז דעם אויבערשטענס ווונש זאָל דערפילט ווערען.

---

מבטל-זיין די גאוה, וואָס דאָס איז דאָך אמת׳ע עבודה-זרה, קען מען נאָר דורכ׳ן „גאָנט זיין צו צדיקים“.

---

דורכדעם, וואָס מען איז מבטל די גאוה, ווערען די „דינים“ איבערגעוווגדען.

---

דורכדעם, וואָס מען ווערט נאָנט צום צדיק, איז מען זוכה צום גלויבען און די כפירות ווערען בטל.

---

דורכדעם, וואָס מען איז מבטל גאוה, וואָס זי איז דאָך די עכטע עבודה-זרה, ווערט די חכמה באַפעסטיקט און מען איז זוכה דורכדעם צו לעבען און צו לאַנגע יאָרען.

---

תשובה האָט דעם אייגענטלעכען זין, וואָס ראש-חודש*), דעריבער, ווען עס קומט ראש-חודש נידערט אַראָפּ דער תשובה-געדאַנק אין אַלע באַשעפענישען. אפילו די רשעים באַקומען אַ וואָסער ניט איז חרטה, ווען עס קומט ראש-חודש: עפּעס פּאַרדריסט זיי דאַן, זענען זיך מודה (אין זייער זינד) און שעמען זיך.

---

די גאַנצע גרויסקייט פון'ם אייבערשטען ווייזט זיך אַרויס דאַן, ווען די גאָר-ווייטע ווערען נאָנט צו זיין דינסט; דערמיט ווערט טייער און דערהויבען זיין נאָמען יתברך. דע-ריבער האָט דער מענטש ניט וואָס צו מיאש זיין זיך און ניט ווערען, נאָנט צוגיין צום אויבערשטענס דינסט, ווייל ער איז זער דערווייטערט געוואָרען פון השי״ת דורך זיינע פיל זינד און ער האָט זער פיל שלעכטס געטון ח״ו; דען דוקא פון אים (פון זיין תשובה) ווערט דעם אויבערשטעס כבוד דערהויבען און געלויבט. אָבער דער ווייטער קען אַנדערש ניט נאָנט ווערען צו השי״ת ווי נאָר דורך די צדיקי-הדור.

---

דורכדעם וואָס דער מענטש רעט דבורים אין דער תורה, לייכט אים יעדער דבור אין אַלע ערטער ווו ער ברויך צו טון תשובה און דורכדעם איז זיין תשובה, אַנ׳עכטע תשובת-המשקל און איטלעך מאָל, דורך יעדע תשובה, גייט ער אויף פון מדרגה צו מדרגה, ביז ער דערגרייכט פון אַ געמיינער מדרגה צום רעכטען טיפען אַריינטראַכטען זיך אין דער תורה.

---

דורכדעם, וואָס דער מענטש האַלט זיך קליין און נידריק און קוקט גאָרניט אויף זיין אייגענעם כבוד, דורכדעם איז דעם אויבערשטענס כבוד בשלימות און ער איז זוכה צו אַזעלכע דבורים, וואָס לייכטען אים אין דער תשובה, און ער

*) יעדע באַנייונג פון דער לבנה איז, לויט דער מיסטיק, אויך אַ באַניי-ונג פון לעבען. תשובה איז אויך אַ באַנייונג פון גייסט

איז זוכה צו קומען צו ריכטיקען, טיפען אריינטראַכטען אין דער תורה.

---

גאוה איז (ווי עס איז שוין געזאָגט איניקע מאָל) — עבודה זרה, דורך איר קען ער, (דער מענטש) אַ מויל ניט עפענען און האָט גאָר קיין כלי ניט אויף אַרויסצורעדען ליכ־טיקע דבורים, און ווען די תורה קומט שוין יאָ אַריין אין זיין מויל, איז לא די, וואָס די דבורים פון דער תורה לייכ־טען אים ניט, נאָר אויך די תורה גופא ווערט מגושמ׳דיג און פאַרפינצטערט אין זיין מויל.

---

גאוה און ניאיף האָבען אַ נאָנטען צוזאַמענהאַנג, און ווען דער מענטש פירט אַ ריינעם געשלעכט־לעבען און ווערט אָפּגעהיט פון גאוה, איז ער זוכה צום ליכט, וואָס לייכט אים אריין אין זיין תשובה.

---

ווער עס פירט אַ ריינעם געשלעכטס־לעבען, כאָטש ער אַרבעט און האַנדעלט, טראָגען אַלע זיינע אַרבעטען דעם כאַ־ראַקטער פון די מלאכות המשכן, וועלכע זענען (אין דערזעל־בער צייט) ל״ט אורות. פאַרקערט, ווער עס פאַרפלעקט מיט עפּוואָס זיין געשלעכטס־לעבען, לויפט נאָך אים נאָך דער דלות און ער שלעפּט אַרויף אויף זיך דעם עול הפרנסה, וואָס איז איינס מיט ל״ט מלאכות און ל״ט מלקות...

---

דורכ׳ן ריינעם געשלעכטס־לעבען איז דער מענטש זוכה צו הלכה און צו קבלה און צו די העכסטע געהיימנישען („רזין דרזין״) און עס קומט דורך אים צו „יחידא עלאה״ און יחידא תתאה און ער איז זוכה זיך אַריינצוטראַכטען טיף אין

דער תורה.

---

אַ מענטש דאַרף זיך דערווייטערען פון גרויסהאַלטען-זיך ביז צום לעצטען און ניט אַז דער מענטש זאָל זיין אַנ׳ענו ווידער צוליב גדלות, דאָס הייסט: ווייל ער ווייסט, אַז לייט פאַראַכטען גאוה, דערפאַר וויל ער זיין אַנ׳ענו, כדי לייט זאָלען איהם טייער-האַלטען און אַכטען. אָט די ענוות איז ערשט די עקסטע גאוה.

---

גרויס-האַלטען-זיך דאָס איז—זיבען בתי-עבודה-זרה צוזאַ-מענגענומען. מיר זענען נאָך אַלץ ניט צוריקגעקומען צו אונד-זער לאַנד, ווייל מיר יאָגען זיך נאָך כבוד דורך גרויס-האַלטען-זיך.

---

ווען אַ מענטש לערנט בקדושה ובטהרה אַ וואָסער ניט איז דין אָדער אַ פסק, וואָס אַ יואָסער ניט איז תנא אָדער צדיק האָט אויפגעטון, ווערט דערפון „נשיקין“, און דאָס איז „התדבקות רוחא ברוחא“ (גייסט מיט גייסט באַהעפט), דען דער גייסט פונ׳ם תנא ווערט באַהעפט מיט דעם גייסט פון דעם, וואָס לערנט, און עס איז ווי ער קושט זיך מיט׳ן תנא און פאַרשאַפט איהם גרויס פאַרגניגען.

---

ווען דו זעסט, אַז אַ למדן קריגט אויף אַ צדיק און פון גרויס גאוה רעט ער אויף איהם אויס אַלדאָסבייז, ווייס זשע, אַז מיט זיין קריגען און רעדען שלעכטס אויפ׳ן צדיק, ד אָ האָסט ער און פאַרפאָלגט אויף דעם הימלישען צדיק, יענעם צדיק, וואָס האָט אויפגעטון די תורה, וואָס דער היגער צדיק לערנט, און די גאַנצע קראַפט, וואָס ער (דער למדן) האָט צו

רעדען שלעכטס אויפ׳ן צדיק, נעמט ער פון תורה שבעל-פה, דען די הויפט-למדנות איז ניט אין חומש, נאָר אין גמרא און פוסקים, וואָס דאָס איז תורה שבעל-פה, דאָס הייסט, אַז די תורה שבעל פה גיט אים אַ „פה" (מויל) צו רעדען אויף צדיקים, דען אין דער תורה איז דאָ שטענדיק צווייערליי משמעות׳ן: אַ משמעות צום גוטען און אַ משמעות פאַרקערט און — צדיקים ילכו בה ופושעים יכשלו בה" (צדיקים גיין אין אים און פושעים ווערען געשטרויכעלט אין איר) און אָט דער למדן וואָס רעט אויף צדיקים לערנט נאָר פון גרויסקייט וועגען, כדי מיט זיין למדנות אַנדערע צו דערנידעריקען, פון דער תורה נעמט ער נאָר שמד-שטיק אַרויס און זעט אין איר די ניט גוטע משמעות. דעריבער זען מיר, אַז אָט דער למדן (וואָס רעט אויף צדיקים) טוט קיין תשובה ניט כאָטש בעצם האָט דאָך די תורה, וואָס ער לערנט, געברויכט צו ברענגען אים צו תשובה; אָבער מחמת דעם, וואָס ער זעט אין דער תורה נאָר די פאַרקערטע משמעות, וויל ער גאָר קיין תשובה ניט טון און „פושעים יכשלו בה", פון זיין לערנען באַקומט ער נאָר אַ מויל צו רעדען שלעכטס אויפ׳ן צדיק, און, ווען די תורה שבעל-פה קומט אין זיין מויל אַריין, איז עס ניט מער ווי גלות-השכינה: אַזאַ תלמיד-חכם איז ניט מער ווי אַ יודישער טייוועל, אַ נבלה איז שוין בעסער פאַר אים.

---

אָבער דער מענטש וואָס לערנט תורה-לשמה, פאַרבינט זיך אין גייסט מיט דעם תנא, יועלכער האָט געזאָגט דעם אויפטו, וואָס ער לערנט יעצט, און דורכדעם טוט ער תשובה און באַגייט אַלע זיינע טעג, וואָס ער האָט אין חושך פאַרבראַכט, דען ער זעט אין דער תורה נאָר די גוטע משמעות. אַזאַ תלמיד חכם ברויך צו וויסען, אַז ווען ער זעצט זיך לערנען הערט צו דער צדיק אין גן-עדן זיין קול.

---

דורכדעם, וואָס מענטשען פרייען זיך מיט יסורים און טון גוטס פון ליבע, הויבען זיי אויף די שכינה צו דער מדרגה פון חבוק (אַרומנעמונג).

---

ווען דער ערלעכער למדן לערנט די תורה פון אַ תנא, קערט ער אום די נשמה פונ׳ם תנא אין זיין (דעם תנא׳ס) קער-פער אריין.

---

דורכדעם וואָס מען צעברעכט די תאוה פון געלט, איז מען ממשיך פול השגחה (אויף דער וועלט).

---

כל-זמן עס איז נאָך דאָ אויף דער וועלט יענע עבודה-זרה, וואָס הייסט יאָגען זיך נאָך געלט, איז נאָך דאָ צאָרן אויף דער וועלט. אין דער מאָס אָבער, וואָס אָט די עבודה-זרה ווערט בטל, ווערט בטל דער צאָרן אויף דער וועלט און עס ווערט נמשך חסד אויף דער וועלט. קומט דעריבער אויס, אַז דורכדעם וואָס מען צעברעכט די תאוה פון געלט, איז מען גובר אַלע דינים און מען ווערט געראטעוועט פון אלע צרות.

---

דורכדעם, וואָס מען איז מבטל די תאוה פון געלט, ווערט אַנטפלעקט משיח און דער בית-המקדש ווערט געבויט.

---

דורכדעם, וואָס מען איז מבטל די תאוה פון געלט, ווערט נמשך וויסען אין דער וועלט און ער (דער וואָס איז גובר) אין זיך איינגאַנצען די תאוה צו געלט, ווערט אָנגערו-פען חכם.

---

דער, וואָס צעבּרעכט די תאוה צו געלט, קען א'יך מעלה-זיין יורישע נפשות און באַנייען זיי און ער איז זוכה צו אַראָפּברענגען תורה אויף דער וועלט. אויך ווערט דורכדעם — יחוד קב"ה ושכינתיה, און ער איז זוכה דורכדעם, אַז עס זאָל אַנטדעקט ווערען די תורה פון צוקונפט, די תורה פון עתיקא סתימאָ.

---

דורכדעם ווערט אויך דער תקון פון מרכבה עלאה און מרכבה תתאה.

---

דורך צדקה צעבּרעכט מען די תאוה פון געלט, דען דורך צדקה קילט מען אָפּ די היץ פון האַרצען, אויף וויפיל דאָס האַרץ ברענט פון דער געלט-תאוה; דורך איר (דורך דער צדקה) ווערט אָפּגעשוואַכט די תאוה צו נגידות און עשירות און ער איז זוכה צו האַנדלען ערליך און פרייען זיך (בּענו-געגען זיך) מיט דעם, וואָס ער האָט; און ער האָט נחת פון דעם וואָס גאָט האָט אים געגעבען, און ער וויל גאָר ניט רייך ווערען און ווערט ניצל פון דער קללה: „בּזעת אפּיך תאכל לחם", וועלכע ווערט דערפילט בנוגע דעם, וואָס איז משוגע אין דער געלט-תאוה און ער האָרעוועט שטענדיק און יאָגט זיך נאָך עשירות און האָט קיין הנאה ניט פון זיין עשירות. קומט דאָך אויס אַז דורך צדקה איז מען זוכה צו אַלע די זעלבע מעלות, וואָס מען איז צו זיי זוכה דורכן אויסראָטען אין זיך די תאוה צו געלט.

---

דורך צדקה צעבּרעכט מען די תאוה צו געלט, און דאָס איז גלייך, ווי מען איז מקטיר קטורת.

---

דורכדעם, וואָס מען איז ממשיך תורה אויף דער וועלט איז מען ממשיך השגחה אויף דער וועלט און יעדער מענטש לויט זיין נאָענטקייט צו דער תורה, אַזוי איז נאָענט דעם אויבערשטענס השגחה אויף אים.

---

ווען אַ מענטש געלוסט שטאַרק צו עפּעס, הייסט עס, אַז דעם נפש זיינעם פעלט עפּעס און ער איז אין דער בחינה פון חנה, וואָס איז געווען אַ מרת-נפש. דען עס איז איר אויף דער נשמה ביטער געווען. דעו מענטש איז דאַן אויך צווייט און די נשמה לייכט אין אים ניט. בכדי צו מתקן זיין עס, מוז יענער מענטש גיין צום הכם-הדור און יענער וועט שוין מתקן זיין און מעלה זיין אַלע פעלערהאַפטע רעיונות זיינע צוזאַמען מיט זיינע גוטע רצונות. דורך אָט דעם תקון וועט מקוים ווערען — „ונפש רעבה מלא טוב" (די הונגעריקע נשמה האָט ער מיט גוטס געזעטיקט), און אויך: „והשביע בצחצחות נפשך" (ער וועט אין וויסטענייש און טריקענייש דיין נשמה זעטיקען), און דעם מענטשענס יוגענט וועט ווי אַן אָדלער באַנייט ווערען, דען זיינע יונגע יאָרען, וואָס זענען אין פינסטערנייש אוועק, וועלען דורכגעלויכטען ווערען און דאַן וועט ער ערשט רעכט הייסען „אדם"; און אויך זיין קערפּער וועט דערהויבען ווערען און באַנייט ווערען דורכדעם, וואָס ער איז געקומען צום חכם.

---

אָט די אַלע, וואָס קומען צום חכם-הדור, האָט דאָך יעדער איינציקער פון זיי זיין רצון הטוב; און דער צדיק הויבט אויף די אַלע רצונות, דערמיט באַנייט ער די נשמות פון די מענטשען, וואָס קומען צו אים, און דערמיט ברענגט ער אַראָפּ די תורה, וואָס ער זאָגט זיי. קומט ממילא אויס, אַז יעדער איינציקער פון זיי האָט אַ חלק אין יענער תורה לויט דעם גוטען ווילען וואָס ער האָט צו גאָטס דינסט, און אויך זיין

נשמה ווערט באַנייט צום גוטען נאָך דעם ערך (פון זיין גוטען ווילען) דעריבער מוז זיך דער מענטש שטאַרקען צו קומען (צום צדיק האמת) מיט גוטע פאַרלאַנגען און מיט גוטע, שטאַרקע געלוסטונקען צו השם יתברך, כדי זיין נשמה זאָל וואָס שטאַרקער באַנייט ווערען. מיר האָבען אויך אָט וואָס גע־הערט: ווען דער חכם איז זיך מכין צו זאָגען תורה דאַרף יעדער (פון די צוהערער) נאָכדענקען וועגען זיינע מעשים און זוכען (אין זיך) גוטע רצונות צו השם יתברך און תפלה-טון דערויף, כדי דער חכם זאָל קענען אָנהאַלטען אים פאַר דער האַנט, אויפהויבען אים פון דעם אָרט, ווו ער געפינט זיך, און באַנייען אים צום גוטען נאָך זיין גוטען פאַרלאַנג נאָך.

---

דערפון קענסטו אויך פאַרשטיין דעם גרויסען הלוק, וואָס איז דאָ צווישען דעם, ווען דער מענטש איז אַליין דערבײַ, בעת דער חכם זאָגט זיין תורה, אָדער ער הערט די זעלבע תורה פון אַנ׳אַנדערען, דען ווען ער איז אַליין דאָרט, האָט ער ראָך זעלבסט אַ חלק אין יענער תורה און זיין נשמה ווערט דאַן באַנייט.

---

דורכדעם וואָס מען קומט צום צדיק איז מען ממשיך פולע השגחה (אויף דער וועלט).

---

דער מענטש דאַרף שטאַרק זוכען און נאָכפרעגען אויף אַ חכם, וואָס זאָל קענען אויפהויבען זיין נשמה און מתקן זיין זי. מען דאַרף שטאַרק גאָט בעטען, אַז מען זאָל זוכה זיין צו געפינען אַזאַ חכם

---

צווישען די מענטשען, וואָס פאָרען און קומען צום חכם

הדור, מוז געמערט ווערן ליבשאפט פון איינעם צום צווייטען און זיי ברויכען צו מעורר זיין איינע די צווייטע (צום גוטען) און דערמאנען איינע די צווייטע וועגען גאטס דינסט, און דאס איז דער בעסטער באווייז, אז, בעת זיי זיינען געווען באם חכם, איז זייער כונה גוט געווען און זיי האבען אנגעהויבען באנייט צו ווערען צום גוטען.

---

ווען מענטשען, וואס זענען געווען אויסער דער קדושה, קומען אריין אין דער קדושה, סיי גרים און סיי בעלי־תשובה (דען זיי זענען דאך אויך פריער געווען אינדרויסען), ווען מען איז זיי מקרב און מען ברענגט זיי אריין אינווייניק, איז אין דעם דער עיקר כבוד פונ׳ם אויבערשטען. דורכדעם ווערט הויך און טייער דער נאמען פון גאט ברוך הוא אויווען און אונטען, דורכדעם ווערט דער כבוד אומגעקערט צו זיין שורש און דורכדעם איז מען ממשיך שלום אויף דער וועלט.

---

מען קען אנדערש ניט מעורר זיין צו תשובה, סיי רשעים און סיי גרים, סיידען דורכדעם, וואס מען שיינט אריין תורה אין דעם ארט, ווו זיי זענען. דורך דער תורה קאן מען מעורר־בתשובה זיין אפילו מענטשען, וואס זענען ווייט פון איס וויפיל מייל. אפילו א פושע־ישראל, כל זמן ער טראגט אויף זיך דעם נאמען „ישראל", כאטש ער האט געזינדיקט, איז ער דאך א ישראל, קאן מען דארום אריינשיינען דורך דער תורה אין דעם ארט ווו ער געפינט זיך א האר פון זיין שורש נשמה און דורכדעם איז ער חוזר בתשובה.

---

דורך דער תורה קען מען אויך צוציען די גרים מיט די בעלי־תשובה און באווייזען זיי דעם וועג, אויף וועלכען זיי ברויכען צו גיין.

יעדער מענטש, כאַזונדערס אַ תלמיד-חכם, ברויך צו זען, דאָס ער זאָל קענען אַריינשיינען, דורך זיין לערנען, אין דעם שורש הנשמות, און דורך דעם קען ער מקרב זיין און דער-וועקען צו תשובה אַפילו אַזעלכע רשעים און גרים, וואָס זע-נען זער ווייט פון אים, און דורכדעם וועט ער זוכה זיין, אַז אויך זיין זון זאָל זיין אַ תלמוד-חכם, אָבער ווען ער לערנט ניט אין אַזאַ בחינה, וועט זיין זון ניט זיין קיין תלמיד-חכם.

---

אַ מענטש קען אַנדערש ניט זוכה זיין צו תורה ווי נאָר דורך שפלות, דאָס הייסט, ער זאָל צעברעכען זיין גאוה אין פיערליי שפלות, דען דער מענש דאַרף זיך קליין האַלטען: א) פאַר גרעסערע פון אים. ב) פאַר מענטשען וואָס זענען גלייך צו אים. ג) פאַר מענטשען וואָס זענען קלענער פון אים. ד) פאַר זיך זעלבסט. דער מענטש מעג זיין אין גרונד אַ קטן שבקטנים, מוז ער זיך נאָך קלענער האַלטען, ווי ער איז אין אמת'ן, און מוז זיך זען שטענדיק, נידעריקער פון זיין איי-גענער מדרגה.

---

אַ מענטש דאַרף זיך היטען פון אַלע זאַכען, וואָס מענ-טשען האַלטען זיך מייסטענס גרויס מיט זיי, נעמלעך: חכמה, גבורה און עשירות. דער מענטש מוז ברעכען די גאוה וואָס ער האָט פון די דריי זאַכען און זיין בשיידען און קליין-גע-האַלטען אין אָט די אַלע זאַכען.

---

נאָך דעם ערך נאָך ווי דער מענטש ברעכט די גאוה, אַזוי הויבט ער אויף דעם כבוד פון השם יתברך און ברענגט אַראָפ שלום אויף דער וועלט.

---

ווען מען מאַכט די פּושעי ישראל ליכטיקער און מען דערוועקט זיי צו תשובה, זענען זיי נאָך, באמת, גאַנץ ווייט פון קדושה; זיי קענען נאָך פיל שטערונגען האָבען; זיי מוזען נאָך פיל אָנשטרענגונגען האָבען צו אויסטון פון זיך די בגדים צואים, וואָס זיי האָבען אָנגעטין, דען די דאָזיקע בגדים צואים שטערען זיי צוריקצוקערען זיך צום אויבערשטען, זיי (די בגדים צואים) זענען ווי אַ טייך וואָס דערלאָזט ניט צו גיין, מען דאַרף זיי אַראָפּשליידערען פון זיך און דאַן ווערען בטל אַלע שטערונגען און אַלע פאָרהאַנגען, וואָס פאַר־שטעלען דאָס ליכט פון קדושה.

---

נאָך דעם כבוד גאָך, וואָס דער מענטש איז מכבד די יראי ד׳, גייט דער כבוד אויף צו זיין שורש. דער עיקר איז, אַז דער מענטש זאָל מכבד זיין די יראי ד׳ מיט׳ן גאַנצ׳ן האַרצען, דען דורכדעם איז דער מענטש משלים די פעלערען פון זיין יראה און איז זוכה צו שלום.

---

דער מענטש דאַרף שטרעבען צו אינערלעכען שלום, דען פילמאָל ווערט גראָד אָט דער שלום געשטערט, אַזוי ווי עס שטייט: „אין שלום בעצמי מפני חטאתי״, דאָס הייסט: עס איז קיין שלום ניטאָ צווישען דעם גוף און דער נשמה; נאָר דורך יראה איז דער מענטש זוכה צו אָט דעם אינערלעכען שלום. צוקומען צו אָט דער יראה, קען מען אָבער נאָר דורך קליינ־האַלטען זיך און דורך תורה.

---

צום הויפּט־זין פון תפלה קומט מען אויך נאָר דורך יראה, דען אַן יראה איז אינ׳ם מענטשען דער אינערלעכער שלום צעשטערט און ווען אָט דער אינערלעכער שלום איז ניטאָ, איז דער מענטש אַ בעל־מום און אַז יעדע תפלה איז

דאָך איינגעגטלעך אַ קרבן, קען ער צו תּפלה ניט זוכה זיין, ווייל אַ בעל מום טאָר קיין קרבן ניט מקריב זיין. ווען דער מענטש האָט אָבער אין זיך יראה, האָט ער אין זיך שלימות און ער איז שוין גאָר קיין בעל-מום ניט, ממילא איז ער זוכה צו תּפילה און דורכדעם צום אַלגעמיינעם פרידען, שלום צווישען אַלע וועלטען, — גאַנצקייט פון אַלע וועלטען.

---

אַ מענטש דאַרף ניט פאַרלאַנגען קיין זאַך פון עולם-הזה. אויסער נאָר צוליב דער נשמה, אפילו אַלע תּפילות ברויכען אָנגעווענט ווערען בלויז דערויף אויף צו מקשר זיין די נשמה מיט די העכערע וועלטען. אפילו תּפילות וואָס רעדען אויסדריקלעך וועגען גוף, ווי צום ביישפיל, „רפאנו" „ברך עלינו" און דערגלייכען, ברויך דער מענטש ניט צו דענקען וועגען זיין קערפער, נאָר וועגען דער נשמה זיינער, אַז זי זאָל געבעזען ווערען און געהיילט ווערען. דען ווען עס ווערט אַ תּיקון אין רוחניות, ווערט דאָס גשמיות ממילא אויסגעבעסערט; דענקען דאַרף מען אָבער נאָר וועגען דער נשמה.

---

די תּאווה פון ניאוף איז — דאָס אַלגעמיינע שלעכטע, דען אַלע בייזקייטען פון אַלע פעלקער גיין אַריין אין אָט דער תּאווה. יעדעס פאָלק האָט אַנ'אָנהאַלט אין אַ וואָסער ניט איז באַזונדער בייזקייט, דאָס הייסט, אין אַ וואָסער ניט איז שלעכטע מדה אָדער שלעכטע תּאווה און איז פאַרזונקען דאָרט. די תּאווה פון ניאוף האָט אין זיך אָבער עטוואָס אַלגעמיינעס, דען אין אָט דער תּאווה זענען אויפגעזאַמעלט און קאָנצענטרירט אַלע בייזקייטען פון אַלע פעלקער און אָט די אַלע בייזקייטען ברענען צוזאַמען און עס ווערט פון זיי אַ שרעקלעך פייער, וואָס צינט אָן יעדען מענטשען, אָבער אונדז האָט דער אויבערשטער אָפגעשייט פון אַלע פעלקער און האָט אונדז העכער-געמאַכט פון אַלע שפּראַכען, מוזען מיר דעריבער

אָפּגעזונדערט זיין פון אַלע זייערע באַזונדערע, פון אַלע זייערע תאוות, וועלכע זענען נאַטירלעך פאַר זיי, אָבער ניט פאַר אונדז, און דערהויפּט מוזן מיר אָפּגעזונדערט זיין פון דאָס אַלגעמיינע שלעכטע: פון דער תאוה צו ניאוף. אינדעם איז דער הויפּט-אונטערשייד, וואָס איז דאָ צווישן אונדז און צווישן אַנדערע פעלקער, ווען מיר שיידען זיך אָפּ פון אָט דער בייזער תאוה. אינדעם איז די הויפּט-קדושה פון אַ יודען.

---

די תאוה צו ניאוף, וואָס דאָס איז דאָס אַלגעמיין-בייזע אינ'ם מענשען, איז אייגענטלעך דער „נחש", וואָס האָט איינגערעט חוה'ן און האָט זי פאַראומרייניקט, דער בייזער שטורם-גייסט אינ'ם מענטשען, דער „רוח-שטות" אין אים, די „אשת כסילות", וואָס וויל איבערערעדען דעם „רוח הקודש", דעם „לשון הקודש", וואָס ער, דער „לשון הקודש", איז איינס מיט'ן ריינעם געשלעכטלעכען לעבען און וויל אים פאַראומרייניקען. דאָס איז דער זין פון: לפתח חטאת רובץ", דער „חטאת", דער „נחש" ליגט אַרום מענטשענס האַרץ, ז'גט פון „אים" און נאָגט פון אים, וועלענדיק פאַרפלעקען דעם מענטשענ'ס אינערלעכע צניעות, דען דער יצר-הרע שטאַרקט זיך באַזונדערס, צו מאַכען זינדיק דעם מענטשען גראָד אין אָט דער הינזיכט.

---

דער מענטש דאַרף אָפּקילען זיין תמימות דורך לשון הקודש", אַזוי ווי עס שטייט: „חם לבי בקרבי — בהגיגי תבער אש — דברתי בלשוני", וואָס דאָס הייסט: ווען עס ברענט אַ פייער אין מיר — שטיל איך אים דורך מיין רעדען הייליקע רייד. דער אָבער, וואָס שטילט ניט זיין פייער דורך הייליקע

---

*) אונטער „לשון הקודש" פאַרשטייט ר' נחמן, די שפּראַך, וואָס האָט קיין אומריינע וואָרט ניט.

וייד, שטילט אים דער בייזער שטורם-גייסט זיינער דורך אומ-וויינע נאַכט-זעונגען.

---

דורכדעם, וואָס מען פאַררייכט אַלע זינד, וואָס מען האָט אומגערן געזינדיקט, איז מען זוכה צו דער פולקומענהייט פון לשון-הקודש".

---

דער איינפאַכער פירוש פון די ווערטער: לשון-הקודש" איז: דער מענטש זאָל אָפּהיטען זיין צונג און זאָל זי היילקען מיט היילקע ווערטער פון תורה און תפלה; אויך דאַן, ווען דער ייד גיסט באַזונדער אויס זיין האַרץ פאַר גאָט, דאַן ווען דער ייד דאַרף אין איינפאַכען יודיש מתפלל זיין, בכדי זיין האַרץ זאָל מער דערוועקט ווערען, הייסט עס אויך „שלימות לשון הקודש". מען ברויך נאָר אָפּצוהיטען די צונג פון שלעכטע דבורים, וואָס זענען פוגע דעם „לשון הקודש".

---

ווער עס באַנוצט די פולקומענהייט פון „לשון הקודש" אין היט אָפּ די פולע ריינלעכקייט פון זיין געשלעכטלעכען לעבען, קען ער אַרויסרופען דעם הייליקען שיין פון די אותיות, וואָס זענען דאָ אין יעדער זאַך, דאַן זענען אויך זיין עסען, זיין טרינקען, אַלע זיינע פאַרגניגענס דורכגענומען פון יענעם הייליקען שיין פון די אותיות.

---

אַ מענטש דאַרף אויסאיידלען זיין געזיכט, אַז עס זאָל אַזוי העל לייכטען און שיינען, דאָס יעדער איינציקער זאָל קענען אַריינקוקען אין אים. ווי אין אַ שפּיגעל, און זאָל דאָרט זיך דערזען און דורכדעם זאָל ער (דער אויסגעאיידעלטער, דורכגעלויכטענער מענטש) קענען מחזיר בתשובה זיין און אַז

מוסר, נאָר בלויז דורכדעם, וואָס יענער, אַריינקוקענדיק אין זיין פּנים, וועט זיך דערזען פֿאַרזונקען אין פֿינצטערניש.

---

צו אַזאַ מין געשטאַלט איז מען זוכה נאָר דורך „שלימות לשון הקודש" דורך שטרענגען אָפּהיטען דאָס ריינלעכקייט פֿונ׳ם געשלעכטלעכען לעבען, דען דורכדעם איז דער מענטש זוכה, אַז אַלע זיינע (דעם מענטש׳ס) פֿאַרגעניגנס זאָלען דורכגענומען זיין פֿונ׳ם הייליקען שיין פֿון די אותיות, און פּשיטא שוין, אַז ער ווייסט די אותיות, וואָס זענען דאָ אין יעדער זאַך פֿון דער וועלט, דערפֿון ווערט זיין האַרץ ליכטיק און דורכדעם ווערט זיין געשטאַלט פֿאַראיידעלט, ביז ער איז זוכה צו „פּנים מאירות".

---

דער עולם פֿרעגט: צו וואָס דאַרף מען פֿאָרען צום צדיק הערען תורה פֿון אים, ווען מען קען ביי זיך אין דערהיים לערנען מוסר-ספֿרים? אין אמת׳ן איז אָבער דאָ אַ גרויסער חלוק צווישען דעם מענטשען, וואָס הערט פֿונ׳ם צדיק זעלבסט, און צווישען דעם, וואָס הערט די זעלבע תורה פֿון אַנ׳אַנדערען, וואָס יענער האָט געהערט פֿונ׳ם צדיק, און אַ פּשיטא שוין — ווען מען הערט עס פֿון אַ דריטען, דען פֿון מויל צו מויל גייט דער „דבור" אַראָפּ מיט אַ מדרגה נידעריקער. דער, וואָס הערט פֿון צדיק זעלבסט, איז מקבל דעם „דבור לשון הקודש" אינגאַנצען, דאָס הייסט מיט פֿולע יראה, אָבער דער, וואָס הערט פֿון אַ צווייטען, איז שוין ווייט פֿון אָט דער שלימות, דען דאָס וואָרט איז שוין אַראָפּ פֿון זיין פֿריערדיקער מדרגה. צווישען הערען און לעזען אין ספֿר איז אָבער נאָך אַ גרעסערער חילוק, דען דער ספֿר האָט אין זיך גאָר ניט די מעלה, וואָס עס האָט דאָס אוממיטעלבאַרע הערען פֿונ׳ם צדיק׳ס מויל.

---

ווער עס וויל אראפברענגען באורים צו דער תורה, דאַרף ער פריער אראפברענגען פאַר זיך זעלבסט קויל-פייערדיגע דבורים און מיט אָט די דבורים דאַרף ער תפילה טון פאַר השי"ת, דאַן קומט גרויס רחמנות אַראָפּ און דער לב העליון ווערט געעפענט און הייסע ווערטער קומען פון דאָרטען אַראָפּ; און אין זיי — באורי התורה.

---

אַז דער צדיק האמת דרשנ'ט פאַר פיל מענטשען, פאַרבינט ער זיך אין גייסט מיט זייערע נשמות און פאַרבינדענדיק זיך מיט די נשמות, גיסט ער אויס זיינע רייד און געבעט פאַר השי"ת אַזויאַרום ווערט זיין תפלה אתפילת רבים און זי ווערט געוויס אָנגענומען, אַזוי ווי עס שטייט, „הן אל כביר ולא ימאָס". אָט די תפלה פאַרמערט די קדושה אויווען און זי דערוועקט דעם לב העליון און דורכדעם ברענגט ער (דער צדיק) אַראָפּ די באורי התורה וואָס ער זאָגט; קומט דאָך אויס אַז יעדער פון די אָנוועזענדע בשעת'ן דרוש, האָט אַ חלק אין דער תורה וואָס ער (דער צדיק) אַנטפּלעקט, דען וואָס מער מענטשען עס זענען דאָרט, אַלץ מער נשמות געבען דאָס זייריקע אַריין אין דער תפלה פונ'ם צדיק און אַלץ מער קדושה קומט צו און אַלץ מער ווערט דערוועקט דער לב העליון און אַלץ מער ווערט די תורה אַנטפּלעקט. אָט דאָס איז אויך דער חלוק צווישען דעם וואָס לערנט פון ספר און דעם וואָס הערט פון חכם זעלבסט. דען דער וואָס הערט פונ'ם חכם זעלבסט, ווערט זיין נשמה, ווי עס איז שוין געזאָגט, פאַרבונדען מיט דער נשמה פונ'ם חכם, בשעת זיין תפילה און, ווי עס איז שוין געזאָגט, האָט ער דורכדעם אַ חלק אין דעם באור. אויך דאָס: אָט די אַלע וואָס שטייען דאָרט בשעת'ן דרוש, ווערט זייער ביזקייט נכנע, דורך דאָס גוטע וואָס איז דאָ אינ'ם חכם וואָס דרשנט. און וואָס שטאַרקער עס איז די הכנעה, אַלץ מער ווערען די פיינט, די קליפות נכנע און אַלץ מער ווערען זיי אַרויסגעצויגען פון דער סטרא-אחרא'ס רשות און

אריינגעצויגען ברשות הקדושה.

---

ווען ער דער צדיק טוט תפילה פאר׳ן דרוש, דארף ער בעטען תחנונים, א מתנת חנם זאל ער בעטען און ניט אין זיין אייגען זכות זאל ער עס תולה זיין. כאטש יעצט ווערט דערוועקט דורך דער עבודה „דער מטה עוז" איז עס אבער אין קיין פאל, צו גרויסהאלטען זיך מיט אים, נאר צו מכניע זיין דורכדעם אים, דאם שלעכטע וואס איז דא אין דער עדה, דען אין יעדער עדה איז דא גוטע און בייזע; און מען מוז מכניע זיין—ווי עס איז שוין געזאגט געוואָרען—דאס שלעכטע, וואס איז דא אין די בייזע, אבער ער זעלבסט דארף שטיין פאר השי״ת, ווי אנ׳ארימאן און נור תחנונים זאל ער רעדען און זאל ניט תולה זיין אין קיין זכות.

---

א מענטש דארף זיך גיט איינשפארען וועגען קיין זאך אין זיין תפלה, דאס הייסט: ער דארף זיך ניט אייב׳עקשנ׳ען, אז גאט זאל דוקא טון זיין באגער, נאר ער זאל תחנונים בעטען: וויל גאט געבען—זאל ער געבען, — ניט—ניט.

## ווערטער פון גרויסע רביים.

„אז מען קומט אויף יענער וועלט, איז פארהאן אזוי א מענטש, וואס ער איז מקיים כל התורה ומצוות, נאר ער האט ניט געהאט דעם תענוג און דעם ברען, קומט ער אהין — הייבט מען אים ארײַן אין גן עדן, נאר אזוי ווי ער האט ניט געפילט דעם תענוג אויף דער וועלט, פילט ער דארט אויך ניט דעם תענוג פון גן עדן; איז ער זיך מתרעם: וואס איז דער לארם פון גן עדן... גיט מען אים א שליידער, אז זײַנע ביינער ווערן צעשאטען".

(רבי שלמה קארלינער).

---

אלץ קענען זײַ בײַ מיר אוועקנעמען, נאר גאט פון הארצען — ניט!

(ר' אהרן קארלינער)

---

עס איז א מצוה א מענטשען דך זײַן לכף זכות, א פשיטא שוין — גאט!

(ה"נל)

---

יראה אן אהבה איז ניט קײַן שלימות; אהבה אן יראה איז גארניט. פרום איז פאלש. כל זמן מען מאכט זיך ניט חשוב, קען מען קיין רגילות ניט אוועקווארפען. מיט איין שטי־קעלע פרישקייט קען מען אלץ אריבער...

(הנ"ל).

גאָט איז באַהאַלטען אין איטלעכען יודען. אַז עס טוט דיר אַ שיין אַמאָל—זאָלסטו דאָס פאַרשליסען בײַ זיך!

(הג"ל).

---

## עצבות און שמחה.

עצבות איז דאָך ניט קיין עבירה, אָבער דעם טמטום הלב וואָס עצבות פאַרשטעלט, קען ניט פאַרשטעלען די גראָב-סטע עבירה.

שמחה. וואָס מיר שמועסען, אַז מען ברויכט שמחה, מיינען מיר ניט „שמחה של מצוה". וואָרום שמחה של מצוה איז דאָך אַ מדרגה, קען מען ניט פאַרלאַנגען, אַז יעדער יוד זאָל זיין אַ בעל מדרגה. נאָר מיר מיינען — ניט קיין עצבות!—פשוט, אַ יוד וואָס גייט ניט אַרום מיט שמחה, מיט דעם וואָס ער איז אַ יוד, איז ער אַ כפוי-טובה דעם הימעל. און וואָס ער טאַפּט זיך: צי בין איך אַ חסיד, צי ניט, — איז דאָס גאוות. וואָס עפּעס אַ חסיד?—אַ יוד!

ה"נל.

---

## עצבות און מרירות.

עצבות איז שאול-תחתּיה. וואָס איז דער עצם ענין פון עצבות? — עצבות איז טײַטש: עס קומט מיר, עס פעלט מיר, הן בגשמיות הן ברוחניות; איז דאָך עגאָ — זיך; וואָס עפּעס — מיר פעלט עבי אין הימעל זאָל געדאַרפט פעלען.

מרירות איז טײַטש—שבירת הלב, אַז איך האָב גאָר-ניסט אָנגעהויבען. וואָרום אַזעלכע האָר קען מען ניט האָבען אָן מסירת נפש, האָב איך דען געהאַט מסירת-נפש? איז דאָך דער טײַטש, אַז איך האָב גאָרניט אָנגעהויבן—איז דאָס היפּך פון עצבות, אַז איך האָב גאָרניט אָנגעהויבן צו טאָן, איז דאָך ניט שייך, אַז עס זאָל מיר קענען עפּעס פעלען.

פונדעסטוועגן שעפ איך דאָך דעם אויר און האָב מיין הצטרכות-- איז דאָך אַ שמחה! על כן איז מרירות טאַקי גוט. נאָר נישט מער: פון עצבות ביז מרירות איז כחוט-השערה, און די גאַנצע תורה איז כחוט-השערה.

---

## יעלו שמים—ירדו תהומות!

יונגע לייט מיינען, זיי האָבען צעבראָכענקייט. עס קאָן גאָר זיין—„ירדו תהומות": עס איז גאָר עצבות, אז עס איז געווען אַ חשבון פון עצבות. אַיי דער סימן, אַז נאָכדעם לייגט מען זיך שלאָפען, מען קען זיך ניט ליידען, און דעם אַנדערען קען מען געוויס ניט ליידען, מען איז בייז, מען איז באַ זיך שאַרף, דאָס איז אַ סימן, אַז עס איז געווען אַ חשבון של עצבות. אָבער נאָך מרירות—לאָזט זיך נישט שלאָפען. וואָרום וואָס איז מרירות?—אַז איך האָב גאָר ניט אָנגעהויבען צו טון! כאַפּט מען לערנען, דאַווענען, מען שפירט אַ יוד, מען איז זיך נהנה אַז מען זעט אַ יודען. אוי מען איז ניט שאַרף, מען איז ביי זיך אַ נישט. נאָר פונדעסטוועגען: די איידעלסטע מרירות האָט פאָרט אַ נגיעה מיט עצבות, און די געמיינסטע שמחה וואַקסט פון קדושה.

(הנ"ל).

---

די ערגסטע שמחה איז בעסער פון דער בעסטער מרה שחורה.

ווען רבי נחום טשערנאָבילער פלעגט/קומען אין אַ שטאָט, פלעגט ער אַזוי זאָגען:

„איך בין אַ סוחר און האָב אַלץ אין דער וועלט.—איר קריגט באַ מיר וואָס אייער האַרץ געלוסט. ווילט איר שפּיזלען— קריגט איר, ווילט איר נאָדלען—קריגט איר. ווילט איר רפואות— האָט איר זיי. ווער עס דאַרף שפּילקעס,—באַקומט זיי. איך ברענג אייך גוטס און פרייד און לעבען, איך ברענג אייך יונגעט-פרייד און יוגענט-ליבע. עס שפּראָצען די גראָזען, עס

קומען אַראָפּ אויף דער וועלט אַלערליי ברכות, עס צעגיסט זיך מיין וואָרט ווי אַ מעין המתגבר, — קומט צו מיר יעדער וואָס פילט זיך קראַנק פון עבירות

(„ארבעה מיטיבי לכת״).

---

דער חדושי הרי״מ פלעגט ערב יום-כפור זאָגען צו זיינע חסידים:

„אם אין אני לי — מי לי?״ אַז איך וועל ניט טון מיינע עבודות — ווער וועט פאַר מיר טון? „ואם לא עכשיו — אימתי?״ ווען וועט זיין דער „עכשיו״? דער יעצטיקער „עכשיו״ אין דער מינוט וואָס מיר רעדען, איז דאָך פון בריאת עולם אָן ניט געוועזען און ער וועט ניט זיין. פריער איז געוועזען אַנ׳אַנדער „עכשיו״, שפּעטער וועט זיין אַנ׳אַנדער „עכשיו״, און יעדער „עכשיו״ האָט אַנ׳אַנדער עבודות. ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש: לבושין דלביש בצפרא לא לביש ברמשא. און אַזוי זאָגט דוד המלך ע״ה: חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך, — דער עיקר, מען זאל זיך מיגע זיין אין דער תורה מיט אַלע קרעפטען, ווערט מען צו דער תורה מקושר; ששים רבוא אותיות לתורה און ששים רבוא נשמות פון ישראל, געפינען זיך אין דער תורה, — ווערט מען אַ מחותן מיט׳ן כלל, און אַז מ׳טוט אין כלל — האָט מען פון כלל. מען האָט פון כלל נאָך מער וויפיל מען טוט אין כלל: מען קען האָבען עפּעס פון יעדען יודען, פון זיין „עכשיו״, וואס ער האָט אין אים געטון עפּעס גוטס. וואָרום „כשאני לעצמי מה אני?״ איך זאָל זיין אָפּגעטיילט פון כלל, טאָ ווען וועל איך קאָנען פאַרריכטען מיין עכשיו? איין עכשיו פאַר דעם צווייטען עכשיו, קען ניט פאַרריכטען, וואָרום יעדע רגע איז מצומצם אין אַנ׳אַנדער אור. היינט ווער שמועסט, אַז ער האָט קאַליע-געמאַכט ח״ו? אז ער האָט געטון אַ גראָבע זאַך און ער טראַכט אין „סור מרע?״ טראַכט ער דאָך אין דער געמיינקייט, וואָס ער האָט געטון און ווו מען טראַכט — דאָרטען

ליגט מען דאָך, מיט׳ן נפש ליגט מען אײַנגעגאַנגען ווי מען טראַכט. הײַנט אַז ער ליגט אין געמײנקײַט, וועט ער געוויס קײן תשובה ניט טון: עס וועט נתגשם ווערן בײַ אים דער מוח, וועט ווערן אַ טמטום-הלב דערפון. ער וועט נאָך אַראָבציען אין עצבות חלילה. און אַפילו ווען ער האָט שוין ניט געטון גראָב, עס וועט שוין נישט נתגשם-ווערן דער מוח און ס׳וועט שוין ניט זײַן קײן טמטום-הלב — אַז ער וועט טראַכטען אין דעם „סור מרע", לוינט אַלץ ניט צו טון דערין. ממה-נפשך: מוטשע אַהין די בלאָטע, מוטשע אהער די בלאָטע—איז דאָך אַלץ בלאָטע...יאָ געזינדיקט, ניט געזינדיקט—וואָס האָט מען אין הימעל דערפון? אין דעם זמן, וואָס איך טראַכט וועגען דעם, קען איך זײַן אַ נוקב-מרגליות, אַז אין הימעל זאָל מען אויך עפּעס האָבען. על-כן: „סור-מרע" — קער אַוועק פון דעם רע, לאָז אים אָפּ, דעם רע, קלער אין אים נישט! „ועשה טוב" — עשית חבילות עבירות, עשה מצוות כנגדן. דעריבער ברויך מען הײַנט פאַר יום הכפורים פילען עזיבת החטא, און טאַקע מיט ישוב-הדעת, און טאַקע מעומקא דלבא, ניט דורך התפעלות און נעמען אַ קבלה בלב אויף להבא, און זײַן פריילעך, און די „על-חטאים" דורכזאָגען וואָס צום גיכסטען: ניט ליגען אין זיי, נאָר צום „ותמלוך אתה ד׳ לבדך".

(פון אַ כתב יד).

---

נישט מיט קײן גאָלד און זילבער,
נישט מיט קײן שאָף און רינדער,
נישט מיט קײן ווייב און קינדער —
רק במלכותך לבדו!

(פון אַ גרויסען רבי׳ן געבראַכט אין „זכרון ראשונים").

דאָרט ווו דעם מענטשענ׳ס מחשבה איז, דאָרט איז ער אינגאַנצען...

(בעש"ט).

יעדע מחשבה איז אַ קומה שלמה; הרג׳עט מען די מחשבה — הרג׳עט מען אַ לעבעדיקען גוף. וואָס זשע דאַרף מען טון? — מען דאַרף יעדע מחשבה מעלה-זיין...

(ה״נל).

די מחשבה איז ווי דער אומרו פון אַ זייגער: זי איז אין שטענדיקער באַוועגונג.

(רבי נחמן).

אַמאָל פליט עטוואָס דורך אין דער מחשבה, אַזוי ווי אַ ויך-פליענדער פויגעל. מען דאַרף האָבען פיל כח אין שכל דעם פויגעל צו כאַפען...

(ה״נל).

דער בעש״ט פלעגט הערען דבורים פון אַ פידעל...

(ה״נל).

דער בעש״ט פלעגט דערקענען אין דעם ניגון פון אַ כלי-זמר אַלץ, וואָס דער כלי-זמר האָט געטון פון זיין געבורטס-טאָג אָן.

(דער נעסכיזער מגיד)

אַז דער בעש״ט פלעגט זאָגען אַ ווערטעל — פלעגט מען דערפון אָנקוועלען אַפילו אין עולם האצילות.

(רבי נחמן).

יעדער תענוג איז פון גן-עדן, אַפילו אַ גלייך-ווערטעל.

(ר׳ פנחס קאָריצער).

אַלע עולמות און אַלע נשמות העלפען אַ מענטשן צו ביסען טרערען פון די אויגען...

(ה״נל).

איך האָב ליב צו דאַוונען גאַנץ פרי, איידער די וועלט איז אָנגעפולט מיט נאַרישקייט און שקר.

(ה"נל).

בפני נכתב ובפני נחתם, — אויף דעם פנים פונ׳ם מענטשען איז פאַרשריבען, אויף דעם פנים פון אַ מענטשען איז פאַרחתמ׳עט אַלץ, וואָס ער האָט געטון אויף זיין לעבען.

(רבי ברוך מעזיבוזער).

זאת התורה לעולה ולמנחה ולחטאת ולאשם. — די תורה איז אַמאָל דעם מענטשען אַן „עולה" און אַ „מנחה"; אַמאָל אָבער — אַ „חטאת" און אַן „אשם"...

(ה"נל).

שקר איז האַרב ווי עריות.

(ר׳ פנחס קאָריצער).

מדבר שקר תרחק — דורך יעדען פאַלשען דבור, אפילו דורך יעדער פאַלשער תנועה, ווערסטו דערווייטערט פונ׳ם אויבערשטען.

(ר׳ זישא האַניפּאָלער).

דער פסוק זאָגט: „אמת מארץ תצמח". איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס הויבט מען אים ניט אויף? פאַרוואָס לאָזט מען אַזאַ טייערע זאַך, ווי דער אמת איז, אַרומוואַלגערן זיך אויף דער ערד? דער תירוץ איז: קיינער וויל זיך נישט איינבוי־גען...

(בעש"ט).

ווער עס איז תופס עפּוואָס פון דער אחדות איז תופס די גאַנצע אחדות.

(ה"נל).

יעדער מענטש דאַרף זיך האַלטען בא זיין מדרגה קיי־נער דאַרף ניט תופס זיין די מדרגה פו'נם צווייטען. דעריבער איז — „ה בה עשו כר' שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם"...

(ה"נל).

---

בוא אתה וכל ביתך אל התבה —
צוהר תעשה לתבה —
אַז דו זאָגסט אַ וואָרט פאַר השם יתברך, זאָלסטו אַריינ־ברענגען זיך מיט אַלע דיינע רמ"ח אברים אינ'ם וואָרט — און —
אַ ליכטיקייט זאָלסטו מאכען צום וואָרט.

(ר' משה'לע קאָברינער און אנדערע).

---

„עוד היום גדול לא עת האסף המקנה". שוין גיך און באַלט וועט קומען דער יום הגדול. עס איז שוין ניטאָ קיין צייט איינצוזאַמלען קניני עולם הזה...

(הנ"ל).

---

של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש היא — טו אָפּ די שלעסער פון דיינע רגילות'ן—וועסטו דערזען, אַז אין יעדען אָרט, וואָס דו שטייסט, אין יעדער מדרגה, וואָס דו געפינסט זיך, איז דאָ די קדושה פון השם יתברך.

(הנ"ל).

---

קיין יאוש איז גאָרניט פאַרהאַן. און אַז מען ליגט גאָר אין בלאָטע, שרייט מען און מען שרייט. שרעק דיך ניט, ליב קינד, גאָט איז מיט דיר, אין דיר, איבער דיר, אַרום דיר. אפילו אין שאול תחתית קען מען זיך מתקרב זיין צו השם יתברך.

(ר' נחמן).

## אַלט טאָר מען ניט זײַן!

(רבי נחמן).

---

אין ניקאָליי דעם ערש ענ'ס חיל האָט געדינט אַ גענעראַל — אַן אַלטער און האָווין האָט ער געהייסען. איז אַמאָל ניקאָליי געווען אויף די מאַנעווערס נישט ווײַט פֿון קאָברין. האָט ער געפֿרעגט דעם גענעראַל: אַ שטאָ, האָווין, קראָוו גרעיעט?" (נו וואָס, האָווין, דאָס בלוט וואַרעמט נאָך?) האָט דער גענעראַל געענטפֿערט: „ניעט, טאָלקאָ סלוזשבאַ גרעיעט" (ניין, די סלוזשבע אַליין וואַרעמט).

אַזוי דאַרף מען גאָט דינען...

(ר' משה'לע קאָברינער).

---

מען האָט אַמאָל געפֿרעגט רבי יהוקיל מקוזמיר: וויאַזוי דאַרף מען גאָט דינען?

איך וועל אײַך דערציילען—האָט ער געענטפֿערט—אַ מעשה:

איך האָב מיך אַמאָל צעשמועסט מיט אַ זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך. זאָג איך צו אים:

שטייסטו שטענדיק אויף דער וואַך?

ניין, נאָר אַ געוויסע צײַט.

און דערנאָך?

דערנאָך קומט אַן אַנדערער...

און ווען איינער וויל צוקומען צום אוצר, וואָס דו היטסט?...

טויט איך אים..

און ווען יענער טויט דיך?

ניטשעוואָ... דרוגאָי בודעט...

אָט אַזוי דאַרף מען גאָט דינען...

---

ווען דו גייסט צווישען די ביימער אין גאַרטען — גייסטו אַרויף און אַראָפּ;

ווען דו דינסט דעם אויבערשטען — גייסטו אַרויף און אַראָפּ, אַמאָל איז דער יצר-הרע דיך מנצח און אַמאָל ביסטו איהם מנצח. זע נאָר, אַז דער לעצטער קלאַפּ זאָל זיין דיינער — איהם...

(ר' משה'לע קאָברינער).

גאָט קען מען נישט נאַרען און לייטען טאָר מען נישט נאַרען. ווער עס וויל נאַרען לייטען — נאַרט ער נאָר זיך, ער אליין בלייבט אַ נאַר.

(הנ"ל)

ווען איינער לויפט אַוועק אין טיפען וואַלד אַריין צו דינען דעם אויבערשטען, אין בשעת מעשה טראַכט ער, אז עמיצער וועט דאָך זען זיין התבודדות, — יענער איז אין מיינע אויגען דער ערגסטער.

(דער רבי ר' בונם).

איך וואָלט זיך מיט קיינעם נית געוואָלט בייטען, אַפילו מיט אַברהם אבינו, וואָרום וואָס וועט דעם אויבערשטען אַרויסקומען פון דעם, וואָס אברהם אבינו וועט זיין ווי דער בלינדער בונם און דער בלינדער בונם וועט זיין ווי אַברהם אבינו?...

(הנ"ל)

איך האָב זער ליב דעם מענטשען, וואָס קען אַליין מפקיר זיין, אָבער נאָר דעם, וואָס איז זיך אַליין מפקיר, אָבער נית דעם, וואָס איז אַנדערע מפקיר...

(הנ"ל)

די גאנצע וועלט איז אין מיינע אויגען נית מער, ווי איך [illegible] [illegible], די מענטשע[illegible] [illegible]הוּמער און גאָט

האָט אויף דער וועלט מער קיינעם נישט, ווי מיך, און איך האָב אויך קיין אַנדערען נישט, ווי גאָט,

(ה״נל)

מלאכ׳על מלאכ׳על!
אַ קונץ ביסטו אַ מלאכ׳על?...
זיצסט זיך אין די הימלען,
עסען דאַרפסטו נישט,
טרינקען דאַרפסטו נישט,
קינדער האָסטו נישט,
אויף פרנסה זאָרגסטו נישט; —
קום נאָר אויף דער ערד אַראָפּ
פרווו נאָר עסען דאַרפען,
פרווו נאָר טרינקען דאַרפען,
פרווו נאָר קינדער האָבען, —
און דענצמאָל פרווו אַ מלאך זיין!...

(ר׳ משה׳לע קאָברינער).

---

והשיאנו ד׳ אלקינו —
זאָלסט אונז אַריינפלאַקערן און אַריינשיינען קדושת יום טוב.
לשמחה —
מען זאָל זיך קענען נעמען אַ שטיקעל שמחה —
קדשנו במצוותיך —
מען זאָל וויסען ביי יעדער מצוה, אַז דאָס איז דיין מצוה —
ותן חלקנו בתורתיך —
גיב יעדען יוד בני, חיי ומזוני, אָבער דער עיקר׳שט — אַ חלק אין דער תורה!

(הנ״ל).

## דער „זוהר".

נאָכדעם ווי דאָס יודישע פֿאָלק האָט שוין אָנגעהויבען צו פֿאַרגעסען די „גאָלדענע צייט" אין שפּאַניען, נאָכדעם ווי די זון פֿון די אַראַבער האָט אָנגעהויבען אונטערגיין און די שוואַרצע פֿינצטערע נאַכט פֿון די שוואַרצע, פֿינצטערע גלחים האָט אָנגעהויבען אירע פֿליגלען איבער שפּאַניען און אַנדערע לענדער צו פֿאַרשפּרייטען, נאָכדעם ווי דאָס ליכט פֿון בן-מימון איז פֿאַרלאָשען געוואָרען, נאָכדעם ווי אַנדערע גרויסע יודישע ליכטער זענען איינציקווייז, איינציקווייז אויסגעלאָשען געוואָרען און דאָס יודענטום האָט פֿאַר זיך צוויי וועגען געהאַט: פֿינצטער און גרויזאַם ווערען ווי דער שונא, אָדער צום גרונד גיין. — דאַן האָט דער יודישער גאָט זיין שיין אויף דער ערד אַראָפּגעשיקט און עס איז אין אַ „זוהר" ענטדעקט געוואָרען...

אין דער צייט ווען דאָס ליכט פֿון וויסענשאַפֿט האָט אָנגעהויבען זינקען, האָט מיטאַמאָל אויפֿגעפֿלאַמט אַ א י נ ע ר ל ע כ ע ליכט.

דער „זוהר" איז נישט אַנדערש, ווי אַ גרויסע געטליכע נשמה, וועלכע איז פּלוצלינג פֿון עולם האצילות אויף דער ערד אַראָפּגענידערט. אום צו בעווייזען זיך פֿאַר מענטשען אין מיליאָנען ליכטער און שאָטענס, פֿאַרבען און געשטאַלטען..

גאָט ברוך הוא האָט אַ דימאַנט פֿון זיין קרוין אַרויסגענומען. אויף דער ערד געשלײַדערט, — דאָס דימאַנט-ליכט האָט זיך איבער דער ערד צעזייט און צעשפּרייט צעשפּילט זיך אין צאָל-לאָזע קאָלירען, צעקלאַפּט זיך אין צאָל-לאָזע שטראַלען, וועלכע קומען פֿון אייביקייט, באַלויכטען אַלע פֿינצטערע ווינקעלעך, זעטיקען אַלעס וואָס לעכצט נאָך ליכט, באַלעבען און וואַרעמען אַלעס, וואָס ס'האָט אָפּגעטויט די קעלט פֿון וויסענשאַפֿט און די פֿינצטערקייט פֿון פֿ אַ נ אַ ט י ז ם. די גלייכ-

גילטיקייט און בלינדקייט פון דער נאַטור און די שלעכטס-קייט, האַרטקייט און פאַרדאָרבענקייט פון מענטשען....

דער „זוהר" איז אַנטדעקט געוואָרען דעם יודישען פאָלק און דער גאַנצער מענטשהייט אין אָן אַ שיעור רייכע בילדער, פאַבולען, מעשיות, ווערטער-בליצען, געדאַנקען-שפּיזען, הימעל-הויכקייטען, אָפּגרונד-טיפקייטען, שטערען-שענהייטען, וואַלד-ווילד-קייטען, ערדישע אין איבערערדישע אַנטדעקונגען.

דער „זוהר" — אַ גרויסער האָאס פון טיפּסטע וואַרהיי-טען, אָבערגלויבונגען, פּאַראַדאָקסען, גלייכע און קרומע ליניען; גלייכע וועגען און וועלכע פאַראירען, פאַרפירען אין אַלע הרי חושך: געשטאַלטען זעלטען שענע און האַרמאָנישע און געשטאַלטען משונה'דיקע און פרעמדע; לייבען גבורה און ווייכקייט פון אַ קינד: גערויש פון וואַסער-פאַלען און אַ שטיל פליסטערען פון אַ קליין קוועלכעלע: פינצטערע גריבער און לאַנגע, פאַרבאָרגענע הילען; קורצקייט, קלאָרקייט און שאַרפ-קייט פון דער וועלט-חכמה און לאַנגע, לאַנגע געשפּרעכען, וועלכע ציען זיך אומענדלעך, גיין אריין איינע אין די אַנדע-רע, מישען איבער איינע די צווייטע ווי אין אַ לאַנגען, פאַר-פלאָנטערטען חלום...

לויט זיין אינהאַלט אין רייכטום איז דער „זוהר" דורכאויס — גאָטהייט; לויט זיין אויסערלעכקייט — פיל מאָל חאַאָטיש. ווען מען וויל דאָס הימעלישע דער ערד אנטדעקען, מוז מען פיל מאָל ווי דורך א טרוים רעדען...

אָפען איז דער „זוהר" פאר אלעמען. יעדער מענטש קען פון אים עטוואָס נעמען, עטוואָס געניסען, אריינגיין אין אים אינווייניק. באגרייפען זיין אמת'ן טיפסטען וועזען, קענען אָבער נאָר איינצעלנע מענטשען אין יעדער דור. די וואָס האָבען אַלעס מענטשלעכעס, ערדישעס און פינצטערעס אין זיך אומגעוואנדעלט אין געטלעכעס, הימלישעס און ליכטי-קעס. דאָרט ווו א געוועגליכער מענטש זעט געשטאלטען, דאָרט הערט דער זוהר-מענטש — גרויסען געטליכען געזאנג, איין מעלאָדיע, וועלכע ציט זיך פון אייביקייט צו אייביקייט...

אין „זוהר“ דרײען זיך אלע געשעענישען און געשטאלטען און געראנקען ארום רבי שמעון און זײן חבריא. דאָס גאַנצע לעבען פון רבי שמעון מיט זײן חבריא זעלבסט זען מיר אָבער אויך נאָר. ווי דורך א חלום. דאָס איז ווי א חלום אין א חלום...

רבי שמעון מיט זײן גאנצער חבריא רעדען טאָג ווי נאכט וועגען דעם, ווי מיט יעדער קלענסטער באוועגונג קען מען רײנרען גרויסע, הויכע עולמות, ווי ניט נאָר מצוות און גוטע מנהגים סימבאָליזירען די געטלעכקײט, נאָר אלץ וואָס דער מענטש פילט, זעט, טוט, ווי יעדע קלענסטע זאך אין דער וועלט איז אײן אויפרוף צו דעם מענטשען, א ווינק צו פארלאָזען דאָס אויסערליכע, קערפערליכע און ערדישע און פארזינקען ווערען אין אײביקען געטליכען לעבען, — אין דער זעלבער צײט אָבער באטראַכט רבי שמעון זיך זעלבסט אויך נאָר ווי אַ סימבאָל..

עס ווערט געבוירען א מענטש, ער באקומט א געוויסען געשטאלט, צוזאמען מיט דעם געשטאלט ווערט אָבער באַשאַפען א צווײטער געשטאלט, א רוחניות'דיקער. אין אָט דעם לעצטען געשטאלט שפיגעלט זיך אָב אלץ וואָס דער מענטש לעבט איבער, אָט דאָס געשטאלט באגלײט דעם מענטשען פון וויגעלע ביז'ן קבר, אָט דעם געטליכען געשטאלט דארף דער מענטש אָפהיטען מער ווי אלץ.

דרײ ווערען שטענדיק דערקענט אײנע דורך די צווײטע: דער גוף, די נשמה און די גאָטהײט. דורך די פאַרשידענסטע אברים פון גוף און דורך זײנע פאַרשידענסטע צושטאנדען זען מיר די טעטיקײט פון דער נשמה; דורך די פאַרשידענסטע אברים פון דער נשמה און דורך אנדערע פארשידענסטע צושטאנדען זען מיר די טעטיקײט פון דער גאָטהײט. ווײל די נשמה ווערט אָבער דערקענט ניט דורך זיך זעלבסט, נאָר דורכ'ן גוף, און ווײל די גאָטהײט ווערט אויך דערקענט ניט דורך זיך זעלבסט, נאָר דורך דער נשמה, זענען זײ בײדע אין דער בחינה. אתידע ולא אתידע“ (דערקענט און דאָך ניט דערקענט).

יעדער טאָג פֿון דעם מענטשענס לעבען איז א באזונדער וועזען, א באזונדערע נשמה, א באזונדערע רוחניות׳דיקע וועלט עס שוועבען די טעג ארום דעם מענטשען. יעדער טאָג, וואָס אין אים איז קיין גוטס ניט געטון געוואָרען, ווערט אומגע־קערט צו זיין שעפער מיט גרויס בזיון. יעדער טאָג וואָס אין אים ווערט אָבער גוטס געטון, וועבט אַ הייליגען לבוש פֿאַר מענטשען. ווען דער מענטש גייט פֿון דער וועלט אוועק, ווערט ער אין אָט דעם לבוש אָנגעטון.

אַלץ וואָס דער מענטש זעט אַרום זיך איז נאָר אַ משל. ווען ער זעט אַ זאַך דאַרף ער דענקען וועגען יענע הייליקע עולמות, אויף וועלכע די זאַך באַווייזט, אַזוי, למשל, סימבאָלי־זירט די רויז צווישען דערנער מיט אירע רויטע און ווייסע פֿאַרבען די כנסת ישראל (שכינה — רחל) אין דער וועלט און איר דין און רחמים. אָט אַזוי איז פֿיל סימבאָלען, לויט׳ן זוהר, יעדער געזאַנג פֿון פֿויגעל, יעדער פֿלוג, יעדער פֿליגעל-גע־רויש.

באַזונדערס גיט זיך אָבער דער זוהר אָפּ מיט דעם מענטשענס נשמה און קערפּער. הונדערטער עמודים פֿון זוהר באַשרייבען גענוי יעדען מענטשענס געדאַנק, יעדען מענטשענס שטימונג און בייגונג. אין דער זעלבער צייט באַשרייבען אַנ־דערע הונדערטער עמודים גענוי יעדען מענטשענס גליד און קער. אַלע געטליכע וועלטען, וועלכע זיי סימבאָליזירען און ווי-אַזוי פֿון דעם ערדישען „אדם” (מענטש) אַנען מיר דאָס געהיימסט-געטליכע וועזען.

דער זוהר איז ניט נאָר ווי אַדאָלף פֿראַנק האָט די קבלה אָנגערופֿען „די הייליקע כעמיע”, נאָר אויך די הייליקע „פּסיכאָלאָגיע” און נאָך מער: די הייליקע אַנאַטאָמיע, ער פֿאַרטיפֿט זיך אָן אַ שעור אין דעם מענטשענס קערפּער-געבוי זעענדיק אין אים אַ מאָדעל פֿאַר׳ן קאָסמאָס-געבוי, פֿאַר דער געטלעכער קונסט...

דער זוהר איז אינגאַנצען אַ גרויסע געטלעכע פּאָעמע אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דאָס געטלעכע לעבען פֿון

דעם הויפּט העלד:— רבי שמעון בן יוחאי. רבי שמעון האָט אָבער קיין אַנדער לעבען ניט אויסער די גאָטהייט. דאָס גאַנ־צע לעבען פון רבי שמעון איז איין פלאַם, איין תשוקה צו דעם „סתימא דכל סתימין״ (פאַרהוילענעם פון אַלע פאַרהוילע־נע). רבי שמעון שטאַרבט און עס איז דאַן אַ הייליקע חתונה, רבי שמעון׳ס נשמה ווערט פון איר גאָט געקושט ווי אַ כלה פון אַ חתן...

## א בריף פון בערל חסיד.

ווייסט ווער איך בין? — איך בין בעריל חסיד. אַמאל פינצטער ווי די פינצטערע נאַכט, אַמאָל ליכטיק ווי דער ליכ־טיקער טאָג. אַמאָל זינק איך אין אָפּגרונד; אַמאָל שטייג איך אַרויף, אַרויף. די נשמה פליט הויך, הויך, אויפ'ן האַרצען ווערט גרינג, די אויגען ווערען ליכטיק, די פיס הויבען זיך אַליין. איך זינג מיר דאַן דעם רבי'נס ניגון, גיי מיר אַ רקוד'ל און ששון ושמחה!

אָפּט-מאָל בלאָנדזשע איך אַרום אין אַלע וויסטע דרכים, אין אַלע ווילדע מדבריות, איך זוך מיר אַלץ אַ נאָנטען וועג צו משיח'ן, עס דוכט זיך מיר אַלץ אַז אָט, אָט, אָט דערזע איך אים, אָט געפין איך אים.

פון ווייטען זעט זיך עפּעס ווי אַ פייערל, אפשר איז עס טאַקי דער אור פון משיח, איך גיי צו אַלץ נעענטער און נעענטער דערזע איך ווייטער פאַר זיך צ צעפּוילט שטיקעל האָלץ, מעשה לצים!

איך גיי און גיי, זוך און זוך, געפין נישט קיין שטעג און קיין וועג קער מיך צוריק מיד און קראַנק, צעבראָכען, צעשלאָגען.

און עס ווילט זיך מיר דאַן מהפך זיין הקערה על פיה, וואָס איז טאַקי פאַר אַנ' אייביקע זוכעניש?

יושב בשמים ישחק. גאָט שפּילט זיך מיט אונדז. ער שפּילט זיך אין באַהעלטעניש.

ער באַהאַלט זיך, מיר וועלען אים אָבער געפינען. מיר מוזען אים געפינען.

און איך לאָז זיך מיר ווייטער בלאָנדזשען, איך לאָז זיך מיר גיין וווהין די אויגען טראָגען.

און זוכענדיק און בלאָנדזשענדיק פאַרגיי איך אָפּט-מאָל אין הרי חושך, ווער באַקאַנט מיט אַלע כחות הטומאה, און

װער פֿאַרפֿירט פֿון אַלע תּאװות און חטאים.

און עס רופֿען מיך אַלערליי קליפּות: קום צו אונדז! גיי מיט אונדז! אַלע אוצרות פֿון הימעל און ערד זענען אין אונדזערע הענט. מיר װעלען דיר אַלץ געבען, די קרוין פֿון סמאל װעלען מיר דיר אָפּגעבען.

און אין יענער צײַט דערהער איך פּלוצלינג דעם בת קול װאָס זאָגט: שובו בנים שובבים!

עס גייט אַרויס דער בת קול אַלע טאָג און רופֿט צו תּשובה. האָט עמיצער געהערט דעם בת קול? — קיינער נישט. הײַנט װי באַלד, אַז קיינער הערט אים נישט, צוליב װאָס גייט ער אַרויס?

דער בת קול איז אָבער די הרהורי תּשובה װאָס לאָזען קיינעם נישט רוען. זיי לאָזען נישט רוען אַפֿילו דעם גרעסטען חוטא.

אלא װאָס דען? — מענטשען מאַכען זיך נישט הערענדיק און נישט װיסענדיק. זיי לאָזען זיך אַלץ מער אַרײַן אין חטאים, װערען פֿאַרזינקען אין מ"ט שערי טומאה, כּדי צו פֿאַרטרײַבען די הרהורי תּשובה, כּדי צו פֿאַרטויבען דעם בת קול.

מײַנע אויערען הערען אָבער צו גוט דעם בת קול, מײַן האַרץ פֿילט צו שטאַרק די הרהורי תּשובה, עס העלפֿט נישט קיין פֿאַרטרײַבען, עס העלפֿט נישט קיין פֿאַרטויבען.

און איך זאָג מיר צו אַלע לצים: גייט אײַך! גייט אײַך! איר האָט ניט געטראָפֿען דעם אָרט, איך בין ניט אײַערער.

און איך נעם מיר װײַטער מײַן שטעקען אין האַנט, מײַן פּעקעל אויפֿ'ן פּלייצע און גיי מיר אַנדערע דרכים זוכען.

איך פֿאַרשטיי שוין דאַן גאַנץ גוט אַז מען מוז אײביק זוכען, אַז אַזוי האָט שוין גאָט די װעלט באַשאַפֿען אַז מענטשען זאָלען אײביק זוכען און קיינמאָל נישט געפֿינען.

דער זוכען אַליין איז אַן עסק. דער מענטש װעט קיינמאָל נישט געפֿינען, ער װעט אײביק זוכען, זוכענדיק אַלץ מער און מער קומט אים אויס אויסצושטיין אַלערליי שװערע

נסיונות, קימט ער דורך אָט די אַלע נסיונות, ווערט ער אַלץ גרעסער און שטאַרקער, איידעלער און פיינער.

ער מוז טאַקי גאַנץ אָפט פאַלען, און אַמאָל טאַקי ברע־כען האַלדז און נאַקען—קיין פעולה נישט, עס העלפען קיין חכמות נישט. אַזוי מוז עס זיין. ווילסטו אַרויף אַלץ העכער און העכער, מוזטו טאַקי אַמאָל פאַלען אויך.

די מתנגדישע מוסר׳ניקעס זאָגען אויף מיר: ער איז נישט קיין כסודר; א ו נ ד ז ע ר ע רופען מיך דער נופל. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען אַלע גאַנץ היפשע שוטים.

מילא וועגען די מתנגדים, איז דאָך שוין לאַנג אָפּגע־רעט. עס איז דאָך שוין לאַנג ידוע, אַז אַ מתנגד וויינט נאָר דאַן ווען מען שלאָגט אים מיט אַ שטעקען, און לאַכט נאָר דאַן ווען מען קיצעלט אים... ווי קומען זיי צו פאַרשטיין אַ מענטשען וואָס לאַכט און וויינט, איז פריילעך און טרויעריק, זוכט עפּעס און קען נישט געפינען, בלאָנדושעט אייביק אַרום און האָט קיין מנוחה נישט? זיי ווייסען נאָר איין דרך: זיך אַרום וואַרימען אויווען, קוועטש טאָג און נאַכט די גמרא, קלויב מצוות אויף מצוות, מצוות אויף מצוות, קלויב אָן אַגרוי־סען היפשען פעקעל און באַקום טאַקי דערפאַר אַ היפשען שטיק לויתן אויף יענער וועלט.

זיי זענען דאָס, וואָס מען רופט אָן אויף אייער לשון קאַפּיטאַליסטען. דער חלוק איז נאָר דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליס־טען קלויבען קאַפּיטאַל אויף דער וועלט, און זיי קלויבען קאַ־פּיטאַל אויף יענער וועלט.

נאָר אַפילו אונדזערע, די וואָס האָבען אין פלוג גע־דאַרפט יאָ וויסען און פאַרשטיין, אַפילו זיי קאָנען עס אויך נישט משיג זיין.

זיי האָבען אַפילו אַלע געלערנט, אַז ירידה צורך עליה, זיי ווייסען אַפילו דאָס וואָס די ספרים הקדושים זאָגען, אַז דער צדיק מוז אָפט מאָל אַראָפּפאַלען פון זיין הויכער מדרגה זיי פאַרשטייען אָבער נישט, וואָס הייסט פאַלען.

זיי מיינען אַז פאַלען הייסט פון בענקעל אויפ׳ן פאָדלאָגע

גע, און אַרויף הייסט אויפ׳ן בוידעם קריכען. אין אמת׳ן הייסט אָבער פאַלען פון העכסטען שפּיץ-באַרג אין טיפען גרוב אַריין. און דאָך, אויב עס בלייבט נאָך אַ רוח חיים פּרוּוען אַלץ העכער שטייגען.

נאָר זיי קאָנען אַזעלכע זאַכען נישט משיג זיין. ערלע-כע יודען זענען טאַקי אונדזערע, אָבער מיט קליינע השגות:

ווי זינגט מען טאַקי ביי אונדז?

„די מוטער האָט געהייסען ניסעלעך רייסען,
ניסעלעך רייסען,
הויך זענען די ניסעלעך,
קליין זענען די יודעלעך,
זיי קענען נישט דערגרייכען,
זיי קענען נישט דערגרייכען".

די הויכע השגות זענען טאַקי ניט פאַר זייערע מוח׳לעך. זיי זענען משיג אַלץ אין קטנות: קליינע עבירה׳לעך, קליינע מצוה׳לעך, אַביסעל אַשטיפ געטון, און תיכף דשיבנו נאַזאַד, בים באָם און פאַרטיק!

זיי קענען אָבער קיינמאָל נישט קומען צו מוחין דגדלות. זיי קענען נישט משיג זיין קיין גרויסע עבירות און קיין גרויסע מצוות, זיי פאַרשטיין ניט ווי קען מען טאַקי אין אַלע קליפּות זיין און בלייבען חי וקים.

דאָס אַלץ איז העכער פון זייערע השגות און עס איז קיין פעולה נישט, אַז איר וועט מיט זיי טענה׳ן טאָג און נאַכט בכדי משיג צו זיין גרויסע השגות, מוז מען טאַקי אַפּנים געבוירען ווערען מיט אַ הויכער נשמה.

הויכע נשמות האָט אָבער גאָט זער ווייניק אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט. ס׳רוב גיין אַראָפּ אויף דער וועלט נשמה׳לעך קליינינקע, אָרימינקע, שרעקענדיקע, נעבעכדיקע. גייט דערציילט זיי פון הויכע עולמות!

זיי קענען אפשר אַמאָל משיג זיין, אַז עס זענען פאַר-האַן הויכע עולמות, זיי קענען אָבער קיינמאָל נישט וויסען וואָס איז עס אַזעלכעס.

ווען זיי זענען אַפילו גרויסע מקובלים, ווייסען זיי נאָר די נעמען פון די אַלע עולמות, זיי ווייסען אַפילו אַלע ערטער דאָרטען, און דאָך ווייסען זיי נישט וואָס זענען יענע עולמות באמת. אָט ווי אַ שטייגער, איינער זיצט אין וואַרשע און ווייסט אַז עס איז דאָ אַ שטאָט פּאַריז, ער קען אַפילו וויסען פון ביכער די נעמען פון אַלערליי גאַסען און ערטער דאָרט, ער איז אָבער דאָרט קיינמאָל נישט געווען. זיי רעדען פון די היכלות, היכלע עולמות, זיי זענען אָבער קיינמאָל נישט געווען דאָרטען. און וואָס איז דער חדוש, אַז זיי ווייסען נישט וואָס הייסט פאַלען און וואָס אַרויפשטייגען, און וואָס הייסט אייביק זוכען די אמת'ע נקודה.

מילא, האָב איך זיי אַלעמען געלאָזען, די קאַלטע מתנגדים מיט די וואַרימינקע חסידימ'לעך און בין מיר אַוועק-געגאַנגען אין דער וועלט אַריין...

# אינערליכע תפלות.

## אויף מאָטיוון פון ספרים.

### א.

דו האָסט אַזוי געזאָגט צו דיינע קנעכט יונה בן אמתי: „דו האָסט זיך דערבאַרימט אויף דעם קיקיון, וואָס דו האָסט אויף אים קיין מי נישט געלייגט און האָסט איהם ניט געלאָזט וואַקסען, וואָס דורך דער נאַכט איז ער פאַרשווונדען און איך זאָל קיין רחמנות ניט האָבען אויף דער גרויסער שטאָט נינוה וואָס האָט מער ווי צוועלף רבוא מענטשען, וואָס ווייסען נישט פון רעכטס ביז לינקס און פיל פיה?!"

זענען אָבער מיר, די קינדער פון אברהם, יצחק, יעקב, ערגער פון יענע נינוה'ס קינדער? רופען מיר דען נישט צו דיר מיט'ן גאַנצען האַרצען? שרייען מיר דען נישט צו דיר מיט אונדזער גאַנצען כח? גיסען מיר דען נישט פאַר דיר אונדזערע טרערען? ווערען מיר דען ניט גע'הרג'עט, ווייל מיר זענען י ו ד ע ן? ווערען מיר דען ניט גערויבט טאָג-טעגלעך, ווייל מיר זענען י ו ד ע ן? זענען מיר דען ניט צו שאַנד און צו שפאָט אין די מיילער פון אונדזערע פיינט, ווייל מיר זענען י ו ד ע ן?

ווי יענע נינוה'ס קינדער, ווייסען מיר אויך ניט „פון רעכטס ביז לינקס". מען הרג'עט אונדז גלייך, סיי פון „רעכטס", סיי פון „לינקס". מיר זען דעריבער נישט אונדזער ישועה, נישט אין „רעכטס" און נישט אין „לינקס". מיר זען אונדזער ישועה נאָר אין דיר, אין דיין קראַפט, אין דיין מאַכט, אין דיין חסד, אין דיין אמת, אין ד י י ן אייביקייט און וועלכער דו האָסט אָנגעקניפּט א ו נ ד ז ע ר אייביקייט —

וועסטו אונדז דען פאַרלאָזען?

ב.

די האָסט געזאָגט אין דײַן תּורה:

„אַז די וועסט קױפֿן אַן עבֿרי פֿאַר אַ קנעכט — זעקס יאָר זאָל ער דינען און אין זיבעטן זאָל ער פֿרײַ ווערן.

און ווען וועלן מיר פֿאַרט פֿרײַ ווערן?

אַ קנעכט ווערט אויך פֿרײַ אין שמיטה, אין יובל, זע נאָר זע, וויפֿיל שמיטות, וויפֿיל יובלות מיר זענען שוין אָפּגעקומען אין פֿינצטערקייט אין דלות, אין עלענט, אין פּײַן. ווען וועלן מיר פֿאַרט פֿרײַ ווערן? ווען וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן? ווען וועט דײַן ליכט אָנהויבן אויף אונדז צו שײַנען?

אַ קנעכט ווערט אויך פֿרײַ, ווען זײַן האַר האַקט אים אויס אַ צאָן, ווען זײַן האַר נעמט אים אַרויס אַן אויג. וויפֿיל זענען מיר דען פֿאַרווונדעט? וויפֿיל זענען מיר דען צובײַלס?

די טויזענט־יעריקע יסורים האָבן אין אונדז קיין איין גאַנצן אבר נישט איבערגעלאָזט. איז עס נאָך ווייניק?

טויזענטער יאָרען איז אויף אונדז אויסגעגאָסן דײַן צאָרן — איז עס נאָך ווייניק?

טויזענטער יאָרען, אַז מיר האָבן קיין איין פֿרײַע מינוט — איז עס נאָך ווייניק?

אין טויזענטער געפֿענגנישען זענען מיר שוין אויסען געוועזן; אין טויזענטער קײטען זענען מיר שוין געבינדען געווען, — איז עס נאָך ווייניק?

„און אויב דער קנעכט וועט זאָגען: איך האָב ליב מײַן האַר און מײַן פֿרוי (די דינסט), איך וויל נישט פֿרײַ ווערן" —

מיר זענען דאָך אָבער נישט ווי יענער קנעכט. מיר ווילען דאָך מיט אַלע כּחות פֿרײַ ווערן. מיר רײַסען זיך דאָך מיט דער גאַנצער נשמה צו באַפֿרײַט ווערן. ווען וועלן מיר פֿאַרט פֿרײַ ווערן?

ג.

„רופט די קלאָגערקעס, זאָלען זיי קומען און צו די קלוגע שיקט און זאָלען זיי קומען, און זאָלען זיי אײַלען, און זאָלען זיי אויפהויבען אויף אונדז אַ קלאָג און אונדזערע אויגען זאָלען טרערען גיסען, און אונזדערע ברעמען — וואַסער".

„עס זענען דאָ היכלות פון געזאַנג. יענע ווערען געעפענט נור דורך געזאַנג. פאַרהאַן היכלות פון טרערען. יענע ווערען געעפענט נור דורך טרערען".

האָבען מיר אָבער דען ווייניק טרערען פאַרגאָסען זינט מיר זענען פון אונדזער לאַנד פאַרטריבען געוואָרען?

איז דען נאָך אַלץ נישט פול דער „נאד של דמעות"?

ווו איז דען אַן אָרט אויף דער וועלט, אויף וועלכען עס איז נישט פאַרגאָסען געוואָרען אונדזער בלוט, און ווו איז דאָ אַ שטיקעל ערד, וועלכען מיר האָבען ניט זאַט געמאַכט מיט אונדזערע טרערען?

„און אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו ירמיהו, ווען דער בית-המקדש איז חרב געוואָרען: גיי, רוף די אָבות און משה'ן. יענע קאָנען גוט וויינען"...

און אונדזערע טרערען זענען גאָר נישט? און דאָס געוויין פון אייביקע יתומים איז גאָר נישט? און דאָס געוויין פון אומשולדיקע קינדער איז גאָר נישט?

ד.

„מיין האַרץ ברומט אין מיר, איך קאָן נישט אײַנשווייגען. דען אַ קול פון אַ שופר האָב איך געהערט, מיין זעל — מלחמה-שאַל.

אַ בראָך נאָך אַ בראָך איז געקומען, דען דאָס גאַנצע לאַנד איז צערויבט געוואָרען, פלוצלינג זענען מיינע געצעלטען צערויבט געוואָרען, אין איין רגע — מיינע פאָרהאַנגען:

ביז וואַנען וועל איך זען דעם פלאַג, ביז וואַנען וועל איך הערען דעם קול פון שופר.

אַ בראָך נאָך אַ בראָך. פאַגראָמען נאָך פאַגראָמען.

שחיטות נאָך שחיטות. אונדזער לעבען — הפקר, אונדזער גוטס — הפקר. אונדזער נאָמען — צו שאַנד און צו שפּאָט. אונדזער כבוד — מיט די פיס געטראָטען, קלאָג — אָן אויפהער. זיפצען — ווי מען קערט זיך און מען ווענט זיך. הענט — אָראָפּגעלאָזטע, געמיטער — געפאַלענע.

ביז וואַנען וועלען מיר אַלץ זען דעם מלחמה-פלאַג. ביז וואַנען וועלען מיר אַלץ הערען דעם מלחמה-שופר.

ווען וועלען מיר שוין אַנ׳אַנדער פלאַן זען? ווען וועלען מיר שוין אַנ׳אַנדער שופר הערען?

ווען וועלען מיר זען דעם פלאַג פון אמת׳ן שלום? ווען וועלען מיר הערען דעם שופר פון משיח?

ה.

רבונו של עולם! טו די תפילה פאַר דיינע קינדער, זיי די אונדזער וואָרט, אונדזער געבעט, אונדזער גוטס-זאָגער:

„אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף". האָבען מיר ניט קיין מלאך-מליץ פאַר זיך — זיי דו אַליין אונדזער מליץ. ווער ווייסט נאָך אַזוי אונדזער עלענט, אונדזער פיין אַזוי ווי דו!

„ואני — תפילה". .

„הקדוש ברוך היא מצלי"...

טו תפילה פאַר אונדז. מיר אַליין זענען צו-שוואַך פאַר דעם. מיר האָבען שוין ניט יענע אַלטע „יודעי תפילה". מיר האָבען שוין נישט יענע, וואָס האָבען געקאָנט זייער האַרץ אויסגיסען פאַר דיר גאַנצע פערציק טעג נאָכאַנאַנד.

אונדזערע מוחות און אונדזערע הערצער זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון פיל גרושים און צרות, אונדזערע אויגען זענען אויסגעטריקענט געוואָרען פון טרערען, שטום שטייען מיר פאַר דיר.

„הקדוש ברוך הוא לבן של ישראל".

דו ביזט אונדזער „האַרץ", אונדזער גרעסטער ווונש אונדזער טיפסטע האָפנונג, מיט דיר זענען מיר — אַלץ, אָן דיר זענען מיר — נישט..

ו.

רבונו של עולם! מיר זענען אין דײַן האַנט — כחומר ביד היוצר.

ווען מיר זאָלען אָנווענדען אַלערלײַ מעגלעכסטע עצות און תחבולות אין דער וועלט אויף צו אויסגעלײַזט ווערען, און אַלע מענטשען פון דער וועלט זאָלען אונדז וועלען העלפען, נאָר דו אײנער זאָלסט אונדז דײַן הילף ניט געבען, — זענען מיר פאַרלוירען.

זאָלען אָבער אַלע מענטשען פין דער וועלט — ווערען אונדז אומברענגען, זאָלען זײ שטורמען ווי דער ים, זאָלען זײ אָנווענדען אַלערלײַ מיטלען אין דער וועלט געגען אונדז, נאָר דו אײנער ווערסט זײַן מיט אונדז — זענען מיר אויסגעלייזט.

וואָס-זשע בעטען מיר בײַ דיר?

גיב אין אונדז אַרײַן דעם קלאָרען באַוווּסטזײַן פון דעם, אַז מיר זאָלען צו יעדער צײַט, אין יעדען שרעק-לעכען מאָמענט, אין יעדע פינצטערע שעה, קלאָר זען עס, געדענקען און ניט פאַרגעסען, אַז מיר זאָלען האָבען אין יעדען אויגענבליק דעם הויכען פאַרשטאַנד פאַר דעם; אַז פאַלשע ליכטער זאָלען אונדז ניט פאַרפירען, אַז פאַלשע תורות זאָלען ניט פאַרטונקלען דעם באַוווּסטזײַן וועגען דיר דעם אײנציקען דעם אמת׳ן, דעם אײביקען.

ז.

שיק אונדז דײַן ליכט, שיק אונדז דײַן אמת. קער-צו דײַן פנים צו אונדז — דאַן זענען מיר געהאָלפען.

ווי די ערד, וואָס לעכצט נאָך טוי, אַזוי לעכצען מיר נאָך דיר.

ווי די טויב אונטער די נעגעל פון׳ם רויב-פויגעל, אַזוי ברומען מיר צו דיר.

ווי חנה די „מרת-הנפש״, אַזוי גיסען מיר אויס אונדזער האַרץ פאַר דיר.

ווי אליהו בעת ער האָט געשריען: „נעם-צו מײַן נשמה״

אַזוי שרייען מיר צו דיר.

ווי דוד אין דער מדבר פאַרוואָגעלט און פאַריאָגט פון אַלעמען, זינגט אונדזער נשמה צו דיר.

„מי שענה" לכל החסידים הישרים והתמימים הוא יעננו. ווער עס האָט געענטפערט צו אַלע חסידים און רעכט־פאַרטיקע און תמימים, יענער זאָל אונדז ענטפערן. מיר זענען אָבער נישט קיין חסידים און נישט קיין ישרים ותמימים. וואָס־זשע דען בעטען מיר ביי דיר.

„מי שענה לתברי לבא הוא יעננו. ווער עס האָט געענט־פערט צו צעבראָכענע הערצער. יענער זאָל אונדז ענטפערן.

מיר קומען צו דיר נור מיט אונדזערע צעבראָכענע הערצער.

ח.

גרויסער, הייליקער פאָטער:

ווי איז דער, וואָס זאָל קענען ציילען די נעמען פון אַלע די, וואָס האָבען מיט זייער טויט געהייליקט דיין נאָמען? ווי אַזוי קען דיין הימעל־מזבח איינהאַלטען. אַזוי פיל נשמה־קרבן עולות? ווו טוט זיך אַהין דער אַש פון אַלע די, וואָס זענען פאַרברענט געוואָרען פון דיינעטוועגען? צי זענען דיינע בגדים נאָך אַלץ ניט רויט פון אונדזער בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסען דורך די צוררים, צאַפּעלט און זיט שרייט און רופט צו דיר, פאַרוואָס ווערט אונדזער בלוט ניט אַריינגעבראַכט אין דיין קדשי־קדשים אויף צו פאַרגעבען אַלע זינד? בלוט פון אָקסען האָסטו יאָ באַוויליקט און אונדזער פאַרגאָסען בלוט באַוויליקסטו ניט?...

„ומה זו סמיכה?" וואָס איז עפּעס פאַר אַ שטיצע, וואָס דו האַלסט אין איין אונטערהאַלטען די הענט פון די, וואָס פאַרגיסען אונשולדיק בלוט, טויטען דיינע קינדער, קוילען דיינע שעפעלעך?

שאַנד צעברעכט אונדזער האַרץ, מיר זוכען טרייסט — און נישטאָ.

אוי, דו הייליקסטער! ביז וואַנען וועסטו זיך אַלץ איינהאַלטען און צוזען ווי אַלע זיצען רוהיק אין זייערע לענדער און נור דיינע קינדער זענען פאַרוואָגעלט און פאַריאָגט, פאַראָרעמט און פאַרשטויסען? ביז וואַנען וועלען קנעכט אַרומטאַנצען אין דיינע הייליקע פּאַלאַצען און דיינע קינדער — אין דער פרעמד, אין פינצטערען, וויסטען עלענט און פיין? דערנער לאָזטו וואַקסען און ווייץ אין דער ערד — פוילען... דיינע שטילע שעפעלעך האָסטו אין פינצטערע קעלערס אַריינגעזעצט.. די צווייגעלעך פון דיינע וויינטרויבען האָסטו געלאָזט פאַרדאַרען, פאַרוועלקען, פון ווינט אויסגעקלאַפּט ווערען ..

זכריה דיין זעער האָט פאַר דיר געזאָגט: „ביז וואַנען וועסטו זיך ניט דערבאַרעמען איבער ירושלים און איבער די שטעט פון יהודה אויף וועלכע דו צאָרנסט צייט זיבעציק יאָר”.

וואָס זשע זאָלען מיר שוין זאָגען, נאָכדעם ווי מיר זעבען שוין טויזענטער יאָרען אין גלות און אין געפענגניש — האָסטו שוין טאַקע אויף אייביק פאַרמיאוסט יהודה? קענסטו שין ציון ניט אַריבערטראָגען? ווער שוין קיין מאָל קיין רפואה ניט זיין צו אונדזער מכה? וועסטו אונדז אויף אייביק פאַרגעסען? ברענט דיין צאָרן אַזויווי פייער — זאָלען די קוואַלען פון דיינע חסדים לעשען דעם פלאַם. האָבען אונדזערע זינד אַ פינצטערען וואָלקען געמאַכט — זאָל דיין גוטער ווינט דעם וואָלקען צעיאָגען, זאָלען די שטראַלען פון דיין זון דעם וואָלקען דורכדרינגען, זאָל, די הייליקייט פון דיינע דרייצען מדות דורכלויכטען די רויטקייט פון דיינע דינים, זאָל דער ליכט-טוי וואַשען די פלעקען פון אונדזערע זינד, זאָלען די אויבערשטע רחמים אויפגיין אין לבנה-שיין און זאָל הויך, אויפגיין די קרוין פון אונדזערע אור-עלטערן...

שטייט אויף איר ישני הברון פון אייערע קברים, גייט אויף ביז צום כסא הרחמים און טוט תפלה פאַר אייערע קינדער וואָס עטעמען קוים אונטער דער בייטש פון׳ם פיינד —

„ודפקום יום אחרי ומתו כל הצאן”...

שטיי אויף די געליבטער אברהם און בעט: דו האָסט

מיר צוגעזאָגט אין ברית בין הבתרים, אַז מײַנע קינדער וועלען זיין ווי די שטערען אין הימעל — און ווי זענען זיי היינט?

לאָז זשע ניט מײַנע קינדער צווישען לייבען און וועלף, און האָבען זיי געזינדיקט פאַר דיר און זענען חייב שרפה — געדענק, אַז איך האָב זיך געלאָזט ברענען פאַר דיר און האָב זיין נאָמען געהייליקט, דורך מיין שרפה זאָלסטו זייער שריפה אויסמיידען!

שטיי אויף דו יצחק וואָס דו ביזט אויף דער עקידה געבונדען געוואָרען, גיס דיינע טרערען פאַר דעם דערבאַרעמיקען פאָטער און בעט: ביז וואַנען וועט ישראל'ס הויז זיין צו שאַנד און צו שפּאָט, שטעל דיך פאַר דיין גרויסען נאָמען וואָס איז פאַרשוועכט ביי די פעלקער, און האָבען מיינע קינדער געזינדיקט פאַר דיר און זענען חייב הרג, — געדענק, אַז איך האָב מיין האלז אויסגעשטרעקט צום חלף און בין גרייט געווען אויפצוגיין אויפ'ן מזבח פאַר דיר. דורך מיין עקידה זאָלסטו זייער הריגה אויסמיידען!

שטיי אויף דו יעקב איש תם און בעט דעם וואָס פאַרנעמט אַלע תפילות: ביז וואַנען וועסטו לאָזען מיינע קינדער זיפצען און קרעכצען אין אָרעמקייט, דחקות און שפלות אין די הענד פון עשו. געדענק וויפיל איך האָב זיך מוסר נפש געווען צוליב מיינע קינדער און היינט זענען זיי הפקר פאַר יעדען טויגעניכטס און פאַר יערען אויסוורף. העלף זשע פאַרט מיינע קינדער, וועלכע זענען אויך דיינע קינדער. און אויב זיי האבען געזינדיקט אוז זיי זענען חייב גלות —. געדענק ווי איך בין לעבען-לאַנג נע ונד געווען, ביי טאָג האָט מיך געגעסען די היץ און ביי נאַכט — די קעלט. איך האָב ניט געהאַט קיין שלאָף און קיין רו. זאָל מיין גלות אויסמיידען דעם גלות פון מיינע קינדער!

שטיי אויף דו משה רועה נאמן, זע ווי די וואָס דו האָסט פון מצרים אַרויסגעפירט ווערען היינט געשלאָגען און געפייניקט און פון אַלע בייזוויליקע און הויכמוטיקע אויסגע-

לאַכט. אוי, דו רוֹעה נאמן! דו ביזט דאָך פאַר דיין לעבען געווען ווי אַ פאָטער פאַר יודען. — שטעל זיך יעצט אויך ווי אַ פעלז פאַר זיי און בעט דעם דאַר:

דאָס פאָלק וואָס דו האָסט פון מצרים אויסגעלייזט מיט אַזאַ קראַפט — לאָז עס ניט פון חיות אויפגעפרעסען ווערען. פיר זיי ווידער מיט דיין רעכטער האַנט אין זייער הייליק לאַנד!

שטיי אויף דו מלך המשיח און בעט דיין האַר:

ביז וואַנען וועסטו מיך לאָזען אין ווייטאָגען און אין קרענק? ביז וואַנען וועל איך זיין ווי אַ שעפעלע צו דער שחיטה געפירט און ווי אַ שעפסעלע פאַר איר שערער שטום? ביז וואַנען וועל איך אין מיינע קייטען געבונדען זיין? ביז וואַנען וועל איך הערען דעם ביטערען יאָמער פון מיינע קינדער און וועל זיי ניט קאָנען העלפען? בין איך דען פון שטיינער? איז מיין לייב קופער? און וואָס האָט געהאָלפען מיין טויזענטיעריגער פיין? און וואָט העלפען מיינע ווונדען, ווען מיינע קינדער ווערען נאָך אַלץ ניט אויסגעלייזט?

געדענק זשע אָן דוד מיין פאָטער, צי אויס ישראל דיין זון וואָס טרינקט זיך אין גרויסען אָפגרונט. מיינע קינדער, וואָס זיינען צווישען גוים אויסגעמישט — צי זיי אַרויס פון זייער פינצטערניש, די וואָס זענען זינדיק — לייז אויס פון זינד; די ליידענדע, פאַרשולדיקטע וועלט זאָל דיין מלוכה אָנערקענען, הויב זי און לייטער זי מיט דיין ווילען. באַלויכט זי און באַלעב זי מיט דיין חסד!

---

# דער זין פון די וועלט-געשעענישען אינ'ם ליכט פון הב"ד.

וואָס איז משפט„ און וואָס צדקה„?

„משפט” הייסט — אָוועקשטעלען יעדע זאַך אויף איהר גרונט, איינקערען יעדע זאַך צו איר אָרט, אויסגלייכען אַלעראַרט

פאַציִונגען און געבען זיי אַ העכערען תקון' "משפט" — דאָס
איז די העכערע, געטלעכע אָרדנונג, דאָרט ווו יענע געטלעכע
אָרדנונג דערשייִנט איז קיין אָרט נישטאָ פאַר דער צוזאַמענ-
מישונג פון איין מין מיט'ן צווייטען מין. דער „משפט" צו-
שייט, טיילט-אָפּ, זונדערט אָפּ דאָס פסולת פון דעם גאָלד,קלויבט
אויס דאָס גוטע פונ'ם בייזען. איידער דער משפט קומט, איז
דאָס גוטע מיט'ן בייזען צוזאַמענגעמישט: גוטס פון דער פראָ-
בע, פון יענער פראָבע, אָבער דאָס רעכטע, אמת'ע גינגאָלד,
דאָס רעכטע אמתע גוטע, איז נישט בנמצא, קומט אָבער
דער משפט — אַזוי פאַרנעמט דאָס גוטע דעם אָרט, וואָס גע-
הערט צו אים—צום גוטען, און דאָס בייזע — דעם אָרט, וואָס
געהערט צום בייזען. דער „משפט" איז נישט מבטל דאָס בייזע
אינגאַנצען, מיט'ן וואָרצעל אויס, אַזוי, אַז קיין זכר זאָל דער-
פון נישט בלייבען ניין! ער מאַכט עס בלויז אונטערטע-
ניק. דערמיט אַליין, וואָס ער מאַכט דאָס בייזע אונטערטעניק
דעם גוטען, דערמיט וואָס דאָס בייזע באַקומט איבער'ם גוטען
דעם אויבער-האַר, — ווערט דעם בייזען געגעבען זיין געהע-
ריקער פלאַץ. דאָס בייזע איז לכתחלה באַשאַפען געוואָרען, אום
עס זאָל שטענדיק זיין געבויגען און נכנע אונטער דער הער-
שאַפט פון גוטען, אָבער דער מענטש מיט זיינע מעשים גיט
צו דעם בייזען פיל קראַפט און פיל ענערגיע, און גיט אים
אויף אַזאַ אַרט די מעגלעכקייט זיך צודערהויבען איבער'ן גו-
טען, גרויסען זיך איבער אים און זאָגען: „אני אמלוך" („איך
וועל הערשען!") דאַן דערשייִנט דער משפט און זאָגט אים:
„אם תתרומם כנשר ואם בין כוכבים שים קנך משם אורידך
נאום ד'" (די מעגסט זיך אויפהויבען, ווי אַן'אָדלער, און
צווישען שטערען דיין ווין מאַכען,— אויך פון דאָרט וועל איך
דיך אַראָפשלעפען אונטען, זאָגט גאָט).

דער „משפט" ברענגט אַריין אַ צעשיידונג אונאַ צעש-
פאַלטונג אויך צווישען די פאַרשידענע טיילען פון דעם גוטען
גופא, פאַרטרייבט פון דאָרט יעדע צעמישונג, יעדע צונויפשמעל-
צונג פון מינים, און ווייזט-אָן יעדער שאַטירונג איר געהע-

גיצן אָרט. אײדער דער „משפט“ קומט, זענען די גרענױצען נאָך ניִשט שאַרף באַצײכענט, אָבער װי דער „משפט“ קומט, — באַקומט יעדע זאַך איר השפּעה, און צוזאַמען דערמיט אויך איר באַשטימונג און דעם באַװוסטזײן פון איר שליחות, און יעדע נשמה הויבט אָן ציִען דאָס חיות אירס פון דעם אײגענעם שורש.

אין „חושן“ איז געװען אַ באַשטימטע צאָל שטײנער: צװעלף, לויט דער צאָל פון די שבטי-ישראל. צװעלף שטײנער — אַ רמז דערויף, אַז יעדער אײנציקער פון די צװעלף שבטים באַקומט, זײן געטלעכע השפּעה פון דעם אײגענעם שורש. און דערפאַר װערט נאָר דער „חושן“ אָנגערופען: „חושן המשפּט“ — אָבער ניִשט דער „אפוד“...

„משפּט“ — דאָס איז די סומע פון אַלע לא-תעשה׳ס, װאָס זענען געשריבען געװאָרען אין דער תּורה, װאָרום דער אינהאַלט פון אַלע לא-תעשה׳ס, איז — דער אויסװאַל, די לײטערונג, די אָפּטײלונג פון גוטס און בײז. דער צװעק זײערער איז: דערלײזען דאָס גוטע פון דער געפאַנגענשאַפט פון בײזען, אַרויספירען דאָס גוטע אויפן אײגענעם װעג, צוריקפירען עס צום פּאַסיקען אָרט, צום אײגענעם מקור.

די גאַנצע תּורה קען אויסגעדריקט װערען דורך דער צוזאַמענשטעלונג פון די צװײ באַגריפען: „צדקה“ און „משפּט“: „צדקה“ — דער סך-הכל פון אַלע מצוות-עשה, „משפּט“ — דער סך-הכל פון אַלע מצוות לא תעשה.

„צדקה“ — דאָס איז דאָס גוטע, װאָס געהער צו געטון װערען. דאָס איז — דאָס גוטע אָן און פאַר זיך. דאָס קומט ניִשט ספּעציעל צו מאַכען אַ ב י ר ו ר, נאָר צוזײען דאָס גוטע, צו פלאַנצען אים, צו לאָזען אים װאַקסען און שפּראָצען צו יעדער צײט און אין יעדען אָרט. אמת, אַז אויך דאָס גוטע אָן און פאַר זיך — די „צדקה“. די מצוות-עשה, מאַכען דעם בירור. דאָס קומט אָבער ממילא, דאָס קומט װי פון זיך. דאָס בײזע אַנטלויפט ממילא פון׳ם גוטען. „כהמס דונג מפּני אש כן יאבדו אויביך ד׳“ (אַזוי װי װאַקס צוגײט פון פײער אַזוי זאָ-

לען, גאָט, דײַנע פֿײַנד צום גרונט גײן). די זון איז נישט אויסען צו מאַכען צוגײן דעם וואַקס. שײַנט זרייס די פֿײַער-דיקע זון פֿאַרלירט עס ממילא זײַן יש. אַנדערש איז אָבער — „משפּט". דער לעצטער קומט לשמו ולשמה צוליב דעם בירור, אָפּטײלען, קלאָר מאַכען.

ווײסען מיר שוין וואָס איז „משפּט" און „צדקה". וואָס זשע איז „שלום" וואָס קומט נאָך דעם בירור? „שלום — דאָס איז דער כּח וואָס פֿאַראײניקט צווײ אַנטקעגענזעצטע כּוחות וואָס שטײען אונטער אים. „עושה שלום במרומיו". מיכאל איז שר של מים, גבריאל שר של אש, — און גאָט מאַכט שלום צווישען זײ בײדען. אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן ווערען פֿאַראײ-ניקט אָט די כּחות, וואָס זענען דורכאויס אַנטקעגענזעצטע דורך ביטול. ווען ס'אַנטפּלעקט זיך די העכערע געטלע-קראַפֿט, וואָס איז אין דערזעלבער צײַט אויך די העכערע גוט, לעכצע שענקײַט, דאַן הערט דאָס פֿײַער אויף צו זײַן פֿײַער און דאָס וואַסער הערט אויף צו זײַן וואַסער, און אַלע קאָנט-ראַסטען ווערען בטל פֿון זיך זעלבסט. דאָס איז אַ שטײגער, ווי צווײ דינער קריגען זיך שטאַרק אַרום, קומט אָבער אָן דער בעל-הבית, שרעקלעך-שײן און פֿול לײַטזעליקײַט צוזאַמען, אַזוי ווערט די גאַנצע צרומרײסעניש פֿון זיך בטל און די, וואָס האָבען זיך אָקאָרשט אַזוי הײס געאַמפּערט, שווײַגען פּלוצלונג שטיל. פֿאַרוואָס? ווײַל די אויגען און די הערצער פֿון די בײדע דינער זענען געווענט צו זײער האַר, אַז ער זאָל זײ באַג-נעדיקען. די שטאַרקע פֿורכט פֿאַר'ן האַר מאַכט צו נישט אַלע סכסוכים צווישען די קריגענדע, לכל הפּחות, אויף דער צײַט פֿון דער פֿורכט.

ווען איך קוק מיך צו צו די גרויסע געשעענישען, וואָס קומען איצט פֿאָר אויף דער וועלט. פֿאַרפֿלײצענדיק מיט בלוט אַ שטיק אײראָפּאַ, ווען איך באַטראַכט זײ אין ליכט פֿון די אויבענדערמאָנטע געדאַנקען פֿונ'ם חב"ד, — אַזוי באַגרײף איך ערשט דעם גרויסען משפּט, וואָס ווערט אַצינט אויסגעפֿירט, און צוגלײַך — ווי און פֿון וואַנען וועט קומען דער שלום.

דער זין פון דעם משפט, וואָס קומט איצט פאָר, איז פאָלגענדער. יעדעס פאָלק — אַזוי זאָגט און אַזוי וויל די גערעכטיקייט — דאַרף צוריקקערען אויף זיין אָרט, אופהערען צו באַרויבען פרעמדע גיטער, דערפילען די אייגענע שליחות, און נאָר אָט די שליח׳ת, און אנטוויקלען די קרעפטען פון זיין אינדיווידואַליטעט לויט די געזעצען פון העכערער גערעכטיקייט און אַבסאָלוטען יושר. אָט די גאַנצע שרעקלעכע מלחמה, וואָס איר גלייכען איז נישט געווען זינט די וועלט שטייט, איז געקומען נאָר צוליב דעם, אַז עס זאָל ווען נישט איז, דאָך ענטשטיין די אמת׳ע, אָבער טאַקי די אמת׳ע גערעכטיקייט.

און פון וואַנען, פרעגט זיך, וועט דער שלום קומען? דער שלום וועט קומען נישט פון די קריגער גופא, וואָס זענען אין דער בחינה פון פייער מיט וואַסער, נאָר פון און דורך יענער קראַפט וועט ער קומען, פון יענער העכער, דערהויבענער און שרעקלעכער קראַפט, וואָס שטייט איבער זיי און מאַכט שלום צווישען זיי, דורך צווינגען, דורך שטאַרקען צווינגען דערצו, אָט די העכערע קראַפט, ווען זי נידערט אונטען, פאַרקלייט זיך אין אַלעראַרט געשטאַלטען און נעמט אָן אַ שיעור פאָרמען, און אויך די גרויסע איבערקערענישען זענען אַמאָל די געטרייע דינער אירע, די דערפילער פון אירע באַפעלען.

נאָר אַז מען גראָבט אַ ברונעם גייט פון אָנפאַנג שלאַם, נאָכהער — אומריינעס וואַסער, נאָכהער — ריינערעס, ביז עס באַווייזט זיך דער אמת׳ער קוואַל. ניט מיט אַמאָל וועט קומען דער אמת׳ער לעצטער שלום אויף דער וועלט. דורך ווילדע שטורמען, דורך ברויזענדע ימים, דורך ערד-ציטערנישען, דורך וואולקאַנען, דורך פייער-זיילען, דורך וואָלקען-זיילען וועט ער קומען. עס מוז דערביי אָבער אויך דאָס טרויעריקסטע געשען. עס מוזען פריער קומען קרעפטען בלינדע, פינצטערע, גרויזאַמע, אַלץ-פאַרווייסטענדע, אַלץ-פאַרניכטענדע, מיט׳ן לאָזונג „איבערקערעניש צוליב איבערקערעניש", מיט׳ן שווערט פון מלאך המות, כלים פון דעם אל-נקמות, כלי משחית, מיט׳ן אויסערלע-

כען גלאַנץ פון אמת, מיט טעאָריעס, מיט תורות.

און אינ'ם נאָמען פון העכערער גערעכטיקייט און אַבסאָליוטע גלייכהייט וועלען אָפּגעטון ווערען די שרעקלעכסטע מעשים וואָס גייען איבער מיט זייער גרויזאַמקייט אַלע ערגסטע מלחמה-געשעעניש׳ן, עס וועלען דערוועקט ווערען ברידער-קריגערייען, וואָס די וועלט האָט ניט געוווסט פון זינט זי שטייט, דאָס לעבען פון מענטשען וועט ווערען מער הפקר ווי דאָס לעבען פון הינט, —

און מענטשען וועלען זיך זוכען באַהעלטעניש אין שטיינער, אין היילען, אין ערד-גרובען, און וועלען זיך קיין אָרט ניט געפינען —

און ניט פון האַרמאַטען און קוילען וועלען זיי זיך באַהאַלטען, נאָר ברודער פון ברודער, פאָטער פון קינד, קינד פון פאָטער —

פון זיך זעלבסט וועלען זיי זיך באַהאַלטען...

אַרויס וועלען זיי פון די לעכער נאָר מאָמענטענווייז אויף צו „רעדען“. „דיסקוטירען“, נייע טעאָריעס מאַכען און ווידער אַנטלויפען אין דער פינצטערניש —

שרעקען וועט מען זיך פאַר'ן שיין פון זון, פאַר'ן איינגענעם שאָטען —

ניטאָ קיין הערשער, קיין קלאָגער, ניטאָ קיין ריכטער, — אַלע זענען גלייך תלינים, איינער איבער'ן צווייטען און יעדער איינער איבער זיך..

אַלע וועלען זיך שטיקען און ווערגען אין דער בלייענער לופט וואָס וועט אָנפילען די ערד —

און וועלען וועט מען אַלץ „בעסער מאַכען“ און וואָס מען וועט אַלץ וועלען „מער בעסער“ מאַכען, וועט מען ערגער מאַכען, ביז עס וועט שוין באמת קיין כח ניט בלייבען אַריבער צו-טראָגען —

און מיד און מאַט וועלען די מענטשען אַוועקוואַרפען זייערע שווערדען, זייערע רעדערייען און אַלע בייזע געדאַנקען —

און קומען וועט דאַן ניט קיין „סאָציאַלע רעוואָלוציע", נאָר אַ גרויסע גײַסטיגע רעוואָלוציע, אַלעס וועט ערוואַכען צו אַ גרויסען נײַעם לעבען, —

אַ לעבען פֿול פֿרייד, אַ לעבען פֿול ליבע, אַ לעבען פֿול גליק, אַ שטרעבען צו זון, צו דער העכערער זון, צו דער געטלעכער זון —

און נײַ געבוירען וועט ווערען די ערד און נײַע הימלען וועלען פֿאַרשפּרייט ווערען איבער איר —

און אַ נײַע שירה וועט געהערט ווערען, אַ נײַע שירה פֿון זון, לבנה און שטערען, פֿון שרפֿים, חיות, אופֿנים, פֿון פֿײַער פֿון שטורם, פֿון בארג און טאָל, מדבר און וואַלד, ים און טײַך, בוים און גראָז, מענש און טיר —

און גרויס וועט אַ נײַער פֿרימאָרגען און וועט באַלויכטען דעם מזרח און פֿונ'ם מזרח וועט זיך פֿאַרשפּרייטען דאָס ליכט איבער אַלע עקען וועלט —

און דורכגעלויכטען וועלען ווערען אַלע נשמות געלייטערט, גערייניקט" אויפֿגעהויבען —

און פֿאַלען וועט אַלעס אומריינע. דער „רוח הטומאָה" וואָס האָט פֿאַרניכטעט וועלטען און דורות וועט זעלבסט פֿאַרניכטעט ווערען —

און אויפֿהויבען וועלען מענטשען די אויגען ניט צום אויסערלעכען שלום, וועלכער קען ניט זײַן אייביק און דויערהאַפֿט, נאָר צום אינערלעכען שלום, פֿון וועלכען עס וועט אַרויסקומען אויך דער אויסערלעכער שלום —

אַלץ לויט די העכערע געטלעכע געזעצען, אַזוי איז די וועלט באַשאַפֿען געוואָרען — פֿריִער פֿינצטערניש, נאָכהער ליכט.

„ניט פֿון ווײַסאַפּעל זעט דער מענטש, נאָר פֿונ'ם שוואַרצאַפּעל. פֿון דער פֿינצטערניש ווערט דאָס ליכט געבוירען" — און אַלע שטורמען און חרבנות מוזען פֿריִער דורכגיין ביז עס באַווײַזט זיך דאָס אמת'ע ליכט.

אַזוי האָט אליהו פֿריִער געזען דעם גרויסען ווינט [illegible]

פונאנדער בערג און צעבראכט פעלזען, נאכהער דעם גרויסען רעש, דעם גרויסען אלץ פארניכטענדען פייער און ערשט נאכהער האט זיין אויער פארנומען דעם „קול דממה דקה" —

אזוי האט אויך דער צופה במרכבה פריער געזען א שטורם-ווינט, א גרויסען וואלקען, בראנד פייער (רוח סערה, ענן גדול, אש מתלקחת — שלש קליפות הטמאות), גאכהער דעם שיין פון גוטס („ונוגה לו סביב" — „קליפת נוגה מעורבת טוב ברע") און ערשט נאכהער דאס אמת'ע גוטע, דאס אמת'ע הייליקע, דאס רייגסטע געטלעכע.

---

## „אויפ'ן בארג שטייט א בוים".

„אויפ'ן בארג שטייט א בוים,
שטייט ער איינגעבויגען:
גייט א ייד קיין ארץ-ישראל
מיט פארוויינטע אויגען".

איך קען דעם בארג, איך קען דעם בוים, אמאל, גאר אמאל, האב איך אויך דעם יידען געקאנט. איך האב געקענט דעם „יידען מיט די פארוויינטע אויגען". היינט קען איך אים ניט, היינט זע איך אים ניט. ווו איז ער?

אמאל האב איך אים געזען פארגיסען א טרער אויף די בלעטלעך פון „איכה", „שאלי שרופה באש", „ציון הלא תשאלי"

איך האב געזען די אלטע, פארקנייטשע בלעטלעך דורכגעזאפט פון טרערען, דאס חלבנע ליכטעל, דעם ייד אויף דער ערד זיצען, דעם קאפ איינגעבויגען. איך האב געהערט א זיפץ נאך א זיפץ. מרי, גאנץ פרי האט זיי מיין אויער פארנומען און האט זיי אויף אייביק אין מיין הארצען פארזיגעלט...

איך האב געזען ווי דער ייד איז אויפגעשטאנען אין האלבע נאכט, האט אנגעצונדען א לעמפעל וואס האט קוים געצאנקט, צווישען די שאטענס איז געווען די שכינה אין

שוואַרצען איינגעהילט, זי האָט געקלאָגט אויף איר חרוב הויז, אויף אירע פֿאַרטריבענע קינדער. איר קינד, דער ייד, האָט מיט איר געקלאָגט, זיין געוויין אין דער טיפֿער שטילקייט פֿון נאַכט האָט זיך געטראָגען איבער׳ן שלאָפֿעדיגען שטעטעל, איבער פֿעלדער, איבער וועלדער, האָט זיך געטראָגען אין הויך, האָט געשפּאָלטען הימלען, איז אָנגעקומען צום כסא הכבוד...

און אָט גייט דער וואָס האָט געמאַכט רוען זיין נאָמען אויף יענעם היילינקען הויז וואָס איז היינט חרוב און אויף יענעם היילינקען לאַנד וואָס איז היינט וויסט און לאָזט וויסען דעם גרויסען צער פֿון דער וועלט אין דעם היכל פֿון משיח און אַלע צדיקים אין גן-עדן —

און פֿון דעם טרויער ווערט אַ שטילע האָפֿנונג געבוי-רען און עס ווערט חסד דערוועקט און אַ ריח פֿון גן-עדן צעגיסט זיך איבער באַרג און טאָל, און די שוואַרצע שאָטענס פֿאַרשווינדען ביסלעכווייז, און דאָ און דאָרט באַווייזען זיך ווייסע פּאַסען אין הימעל און עס ווערען ווייס די שויבען פֿון שטוב —

און רויט ווערען די ווינקלען פֿון מזרח און פֿייער-רויט איז די זון, ווייל זי איז פֿאַרביי די טיר פֿון גהינם פֿאַרביי-געגאַנגען —

און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערט זי העלער און ווייסער און ווייסע ליכט-שטראַלען שיקט זי אַריין אין׳ם פֿענצ-טער —

און אַ בלוי-ווייסער טלית וויקעלט אַרום דעם יידען —
„עוטה אור כשלמה, נוטה שמים כיריעה״ —
און ער ווערט באַקרוינט מיט דעם חותם פֿון זיין שעפֿער אויפֿ׳ן מוח און געגען האַרצען —
און אין זיין בעטען איז פֿרייד און טרויער אויסגעגאָסען און זיי בייטען זיך: צמאָל שטיקט דאָס געוויין, אַמאָל זינגט די האָפֿנונג —
און פּחד און שמחה און ליבע און גלויבען —
„ולירושלים עירך ברחמים תשוב״ —

„את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח״ —
„ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״ —
און צום ענדע —
„לתקן עולם במלכות שדי וכל בני בשר יקראו בשמך״ —
און עס גייט ארויס דער ייִד פון שטוב און האַנדעלט און וואַנדעלט —
אָבער —
„אני במערב, ולבי — במזרח״...
ער האַנדעלט, ער וואַנדעלט. וואָס דאַרף ער אָבער? —
„די לו בקב-חרובין מערב-שבת לערב-שבת״...
ער איז מפרנס זיין ווייב און קינדער. ער פאַרדינט אָבער יעדען גראָשען זיינעם מיט שווייס און אַרבייט, פון זיי-נע כשר-פאַרדינטע גראָשענס טיילט ער אָפּ מעשר פאַר אָרימע.
ער זאַמעלט נאָך אַ גראָשען צו אַ גראָשען. באַהאַלט, היט אָפּ, קאַרגט, דערעסט ניִשט, דערטרינקט ניִשט.
וואָס קאַרגסטו רבי ייִד? וואָס עסטו ניט? וואָס טרינקסטו ניט? וואָס זאַמעלסטו דאָרט די מטבעות אין ערגעץ אַ באַהאַל-טען שופלעדעלע?
— איר וועט שפּעטער זען.
עס רוקט זיך אָן די עלטער. דער אַלטער נעמט זיין אַלטע און ביידע פאָרען זיי אַהין, אַהין...
און אָט פאָרט דער ייִד פון אָרט צו אָרט און אָט גייט ער פון שטאָט צו שטאָט —
און אָט ווערט ער מיד פון וויטען וועג און אָט זעצט ער פאַר זיך אַ בוים אַלט און איינגעבויגען ווי ער —
און אָט גיסט ער זיינע טרערען אונטער׳ן אַלטען, איינ-געבויגענעם בוים —
און אַ שטילע, איִנערלעכע טרייסט פילט-אָן זיין האַרץ און ער גייט ווייטער —
„גאָט, גאָט, גרויסער גאָט,
לאָמיר דאַוונען מנחה:

אַז ייִדען וועלען גיין קיין ארץ-ישראל
וועט זיין גרויס די שׂמחה..."

וווּ איז היינט יענער ייִד? וווּהין איז ער פֿאַרשוואונדען? איך זע אים היינט ניט. איך הער אים ניט.

איך זע נאָר היינט דעם שאָטען פֿון יענעם ייִדען, אָבער נישט אים זעלבסט. וועט ער קיינמאָל נישט קערען צוריק?

איז ער פֿאַרשוואונדען מיט די שאָטענס פֿון טאָג, אָדער ער האָט „עלית-נשמה" געהאַט און ער וועט צו אונדז צוריק-קערען מיט אַ שיין פֿון העכערע, ליכטיקערע וועלטען?...

אין די טרומייטען פֿון דער וועלט-מלחמה, — צי הערט זיך נישט אַמאָל פֿון ווייט, אויך די ערשטע תּקיעות פֿון שופֿר של משיח?...

## די מדה פון „תפארת".

(געדאנקען).

דער זוהר און אַלע ספרי קבלה זענען פול מיט געדאַנקען וועגען „יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה". וואָס מיינען זיי, די מקובלים, מיט „קודשא בריך הוא" און וואָס מיינען זיי מיט „שכינה"? דערויף ענטפערען זיי: „קודשא בריך הוא" דאָס איז „זעיר אנפין" (זעקס מדות: חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד); „שכינה", אָבער, איז די מדה „מלכות".

דאָס איז, אָבער, אויך גאַנץ ווייניק קלאָר. כדי צו דערקלערען דאָס, מוז מען פאָרלייגען אַלע יסודות פון קבלה, נאָר עס איז נישט דאָ דאָס אָרט דערצו. אין קורצען קאָנען מיר, אָבער, באַמערקען: ז"א (זעיר אנפין)—הייסען אין קבלה די מדות, דורך וועלכע גאָט פירט די וועלט, ווי זיי זענען אַליין פאַר זיך, ווי זיי זענען אין זייער געטלעכער הויכקייט. אין „שכינה", אין „מלכות", ווערען זיי אין דער וועלט אַנטדעקט, באַוויזען, אויסגעשפראָכען. די „שכינה" (דאָסזעלבע, ווי די מדה מלכות) הייסט, אַלזאָ, אָפט „דבור", „מאמר", ווייל דער „דבור" (רייד) אַנטדעקט דאָס, וואָס איז אינעווייניק געטראַכט געוואָרען. „שכינה" הייסט, אַלזאָ, די עפענטלעכע נאָטהייט.

אונטער „קודשה בריך היא" פאַרשטייען, אָבער, אָפטמאָל די מקובלים נאָר די מדה "תפארת". דעמאָלט האָט שוין דער אויסדרוק „יחוד קודשא ב יך האו ושכינתיה" אַ מער עסטעטישען זין.

באַטראַכטען עסטעטיש דעם אויסדרוק,—הייסט ער איי-געגטלעך: די געטלעכע, העכערע שיינהייט פאַראייניקט מיט דער וועלטשיינהייט.

„תפארת״ וועט הייסען — די ריינע געטלעכע שיינהייט; „שכינה״ וועט הייסען די געטלעכע אַלוועלטלעכע שיינהייט. „תפארת״ האָט מיט דער וועלט נישט צו טון; „שכינה״ איז מיט דער וועלט, אין דער וועלט און נאָר אין דער וועלט.

אַמאָל איז די וועלט אינגאַנצען פאַראייניקט מיט גאָט. דאַן ווערט שמחה וחדוה אין אַלע עולמות עליונים. די געט-לעכע שיינהייט שיינט העל, אָפען, קלאָר פאַר אַלעמען און אין אַלטמען. עס ווערט אַלץ אויסגעלייטערט, אויפגעהויבען, קומט עס, הייסט עס, פאַר דער „יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה״, די פאַראייניגונג פון גאָט און וועלט, גאָט און מענטש, הימעל און ערד. עס טרעפט, אָבער, אַז די וועלט איז [פינצטער, פאַרזונקען, דערווייטערט פון שעפער, פאַרשלאָ-סען אין זיך, אָפגעטיילט און דערווייטערט. דאַן קומט פאָר דער „פירוד״ (אָפשייד), די שכינה ווערט דערווייטערט פון „קודשא בריך הוא״ עס בענקט אפילו, עס פילט, אַז עס פעלט עפעס, מען קאָן, אָבער, צו דער גאָטהייט נישט צוגיין;— צו פיל דערווייטערט איז זי, צו פיל אָפגעטראָטען.

און גרויס איז דאַן דער צער פון דער „שכינה״. די שיינהייט זוכט איר געטלעכען שורש, זי וויל דערהויבען ווע-רען, אויסגעלייזט ווערען; זי איז, אָבער, אין דער וועלט פאַרזונקען, די וועלט-פינצטערניש נעמט זי אַרום, די וועלט-קייטען פאַרבינדען זי. זי איז באַ דער וועלט אין געפענגעניש, זי קאָן צו זיך נישט קומען, זי קאָן פון איר צרה נישט באַפרייט ווערען.

נאָר עס איז גרויס דער צער. און וואָס עס ווערט [ג]רעסער די בענקשאַפט נאָך דער געטלעכער שיינהייט, ווערט [ד]י וועלט אַלץ מער באַפרייט. עס ווערט גרעסער די בענק-שאַפט און עס הייבען אָן ביסלעכווייס די קייטען אַראָפּצופאַלען, עס הייבט זיך אָן די תפיסה ברעכען, עס הייבען אָן פליגלען

וואַקסען.

דער צער ווערט פאַרוואַנדעלט אין בענקשאַפט, די שטענדיקע לײַדענשאַפטלעכע בענקשאַפט — אין פאַרשטעלונגען, די פאַרשטעלונגען — אין וואָס מער גאַנצקײַט צו דער גאָטהײַט.

און די שכינה הייבט אָן ביסלעכווײַז באַפרײַט ווערען, און עס הייבט אָן ווידער פאַרקומען דער יחוד; פון אָנהייב טעגווײַז, מאָמענטענווײַז, דערנאָך מער און מער, ביז וואַנען עס הייבט ווידער אָן שײַנען די האָפנונג, ביז וואַנען דער גרויסער טאָג ווערט אַלץ נענטער און נענטער.

און ניצוצי קודשה (פונקען פון הייליקײַט) זענען אין דער גאַנצער וועלט פאַרזײַט און פאַרשפּרײַט. אומעטום זענען זיי, אומעטום, אפילו אין די אומרייננסטע, שמוציקסטע ערטער. מען דאַרף נאָר זיי קאָנען אויפזוכען, מען דאַרף נאָר קאָנען אויפקלייבען זיי, צוזאַמענשטעלען זיי, מען דאַרף נאָר אויפזוכען זיי, ווי זיי זענען ניט פאַראַן, כדי זיי פאַרצושטעלען אין איין גרויס בילד, כדי זיי צו ברענגען צו איין שפּפונג.

און דאָס גרויסע געטלעכע בילד איז אַ קומה שלמה, אַ געטלעכער אָרגאַניזם, עס ווערט אַ מרכבה פאַר די גאָטהײַט, די וועלט ווערט רייניגער און העכער, שענער און ליכטיקער.

ווי זשע קלייבט מען, צונויף אָט די ניצוצי קדושה? זוכט מען זיי. און ווי זוכט מען זיי? ווי מאַכט מען פון פאַרשידענע זאַכען איינס?

דערמיט באַשעפטיקט זיך די קבלת האר״י, דערמיט באַשעפטיקט זיך אויך די חסידות. וואָס אָנבאַלאַנגט, אָבער, צו שיינהײַט, דאָ האָט די חסידות איר באַזונדער טיפען בליק.

אין חסידות גייט עס אַריין זייער „אין אַ הויכען דרך פון „העלאת המחשבות הזרות״ — אויפהייבען די פרעמדע געדאַנקען (די שלעכטע געדאַנקען).

דער וועג איז אַפילו, לויט איינזיגע פאַרשטייער פון חסידות, זייער געפעהרלעך. דער רב מלאַדי זאָגט אָן, מען זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט אויפהייבען די מחשבות זרות. אויף יענע חסידישע כתבים, וואָס פאַרנעמען זיך פיל דערמיט, זאָגט ער, אַז

זיי האָבען שלעכט פֿאַרשטאַנען זייער רבינס (בעש"ט) כונה. רבי נחמן בראַסלאַווער הייסט די גרויסע צדיקים אָדער, בעסער געזאָגט, דעם גרעסטען צדיק (וואָס ער איז בבחינת משה משיח) זיך דערמיט באַשעפֿטיקען. פֿאַר אַלעמען האָט ער, אָבער, אַני־אַנדער כלל: אַל תכנס עם כתוייך בטוען ונטען (זאָלסט ניט אַריין אין טענות ומענות מיט זיינע רייצענדע געדאַנקען). פֿאַר די, וואָס פֿאַרשטייען גוט דעם בעש"טס מיינונגען איז, אָבער, קלאָר, אַז דער ענין פֿון אויפֿהייבען די מחשבות זרות איז בײַם בעש"ט געווען איינער פֿון די גרעסטע עיקרים.

כדי צו פֿאַרשטיין עס ווי געהעריק איז, מוז מען זיין באַקאַנט, כאָטש אין אַלגעמיין, מיט'ן בעש"טס מיינונג אויף גוטס און שלעכטס.

די גאַנצע וועלט איז גאָטהייט (אלהות). גאָט און וועלט — דאָס איז איינס. אויסער גאָט איז גאָר נישטאָ. אַלץ, אַלץ איז גאָטהייט, וואָס דו הערסט, וואָס דו זעסט, וואָס דו פֿילסט, וואָס דו דענקסט. אין גוטס און אין שלעכטס, אין פֿרייד און אין וויי, אין הויך און אין דער נידער, אין גרויס און אין קליין, אין שיין און אין מאוס — אומעטום איז די גאָטהייט. דאָ שיינט זי אָפֿען, דאָרטען איז זי פֿאַרבאָרגען און באַהאַלטען, זי איז, אָבער, אומעטום גלייך פֿאַראַן.

אַלץ, אַלץ איז אותיות פֿון דער תורה, צרופֿים פֿון גאָטס געדאַנק, פֿאַרשידענע דערשיינונגען פֿון איין זאַך, פֿאַרשידענע איברים פֿון איין גוף; דער גרויסער מלך גאָט איז אין דער גאַנצער וועלט אַנטדעקט, אַלע זענען זיינע און ער איז אַ עמענס.

ווען אַלעס איז גאָטהייט, צי קאָן מען דען איינגענטלעך רעדען פֿון שלעכטס, בייז זינד, מאוס, אומריינקייט? אַז אומעטום איז גאָט גלייך פֿאַראַן, קאָן מען דען חלוקים מאַכען? צי קאָן מען דען זאָגען: דאָס איז גוט און דאָס איז שלעכט, דאָס איז כשר און דאָס טריף, דאָס איז ריין און דאָס איז אומריין? איז דען נישט אַלץ גלייך? זענען דען נישט אַלע אותיות גלייך? זענען דען נישט אַלע אברים גלייך?

וואָלט דער בעש"ט זיך פאַרגעשטעלט די גאָטהייט, ווי שפּינאָזאַ, וואָלט ער אויך מוזען זאָגען צוזאַמען מיט שפּינאָזען, אַז אַלע פאַרשטעלונגען פון גוטס און שלעכטס, פולקאָמען און נישט פולקאָמען, זענען ריין מענטשלעכע. די ריינע גאָטהייט האָט מיט זיי נישט צו טון. ווייל מענטשען האָבען נישט קיין פולקאָמע אידעען, דוכט זיך זיי, אַז דאָס איז גוט, און דאָס— שלעכט. דער אַלוועלטלעכער עצם—נאַטור—גאָט—איז נישט גוט און נישט שלעכט. מענטשען ליבען, פריינען זיך, ליידען, לעבען, שטאַרבען—צו גאָט, אָבער, האָט עס נישט.

דער בעש"ט, אָבער, כאָטש ער האָט געדענקט אין געוויסען זין פּאַנטעיסטיש, כאָטש ער האָט תמיד געזען די איינהייט פון גאָט און וועלט, האָט ער דאָס זיך, אָבער, אין גאַנצען אַנדערש פאָרגעשטעלט. גאָט און וועלט איז איינס, גאָט איז, אָבער, אין דער וועלט נישט געבונדען. די וועלט אינגאַנצען איז אַ מין פאַרבלענדעניש, אַ מין פאַרשטעלעניש פון גאָט. וויל ער, ווערט זי שוין אויס. די וועלט איז פון איין זייט די גאָטהייט אַליין. פון דער צווייטער זייט איז זי, אָבער, אַ שעפּפונג, אַ קונסטוועריק, אַ מייסטערווערק. אַלס אַ שעפּפונג האָט זי, די וועלט, איר ציל, זי ווערט צו איר ציל פון צייט צו צייט נענטער, זי גייט אַלץ העכער און העכער, ריינער און ריינער.

שפּינאָזעס גאָט איז אָהן לעבען, אַ ריינע אידעע, דעם בעש"טס גאָט איז, אָבער, דאָס, וואָס לעבט, שטרעבט, וואַקסט און בליט, ליידט און דיכטעט, דענקט און שאַפט,—צו וואָס עס רייסט זיך דאָס האַרץ און גלוסט די נשמה. דעם בעש"טס גאָט איז אין מענטשען, אפילו זיינע פעלערען און ליידען, זיין זינד און קליינלעכקייט.

דעריבער קאָן אויך דער בעש"ט נישט זאָגען, ווי די, וואָס טראַכטען, אַז דאָס שלעכטס האָט קיין ממשותדיקען קיום נישט. ניין! דאָס שלעכטס האָט אַ ממשות. מיר פילען עס, ווי מיר קערען זיך און ווענדען, מיר זעען זיין ווירקונג אויף עדען שריט און טריט, מיר הערען זיין שווערען אָטעם. האָט

דען קיין ממשותדיקען קיום נישט דאָס, וואָס לאָזט אונדז ניט לעבען, קיועלט און פייניקט אונדז פון וויג ביז׳ן קבר?

דער בעש״ט דענקט דעריבער אַזוי: דאָס שלעכטע איז די קלענצטע מדרגה פון גוטס. דאָס שלעכטס איז נישט קיין היפך פון גוטס, נאָר דאָסזעלבע גוטס אין זייער אַ קליינער מאָס. מחמת מענטשען זעען נישט אָט דאָס ביסעל גוטס, וואָס דערין איז פאַראַן, רופען זיי דאָס אָן שלעכטס. אין יעדער זאַך פון דער וועלט זענען דאָ פאַרשידענע מדרגות פון דעם העכסטען ביז דעם נידעריקען. דאָס גוטס האָט אויך זייער פיל פאַרשידענע מדרגות, אין די הויכע מדרגות איז דאָס גוטס זייער גרויס, אין די נידעריקע—ווייניקער. אין דער נידעריק-סטער—גאָר ווייניק. עטוואָס גוטס איז, אָבער, אומעטום פאַראַן; אָהן דעם וואָלט עס גאָר נישט געקאָנט עקזיסטירען.

דאָס שלעכטס האָט, דעריבער, אַ ממשות, אָבער עס עקזיסטירט אַלס די קלענצטע מדרגה פון גיטס און עס קאָן דערהויבען ווערען.

מאַכט די דערמאָנטע הנחה ברייטער און טיפער, פאַר-שטייט איר שוין גאַנץ גוט, ווי מען דאַרף שטרייטען מיט דעם שלעכטס, מען דאַרף דאָס שלעכטס נישט אויסרייסען, מען קאָן נישט אויסרייסען דאָס וואָס גאָט באַשאַפט, מען דאַרף עס פשוט אויפהייבען, דערהעכערען. אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף די נידעריקע מדרגות דאַרף מען אויפהייבען אויף העכערע מדרגות. בשעת עס געפינט זיך אויף די נידעריקע מדרגות. הייסט עס—גוטס.

אויין בוים, אויף אים זיינען פירות פאַרטיקע, נישט פאַרטיקע. נישט דערוואַקסענע און אפילו ווערעמדיקע; אַיין מאַטעריאַל—און פון אים מאַכט מען כלים בעסערע, ערגערע, גאָר שלעכטע. עס צעברעכען זיך די כלים און עס בלייבען שטיקלעך שערבלעך. קיין היפך איז דאָ נישטאָ; עס זענען פאַראַן נאָר פאַרשידענע מדרגות—אייניקע מער פולקאָמע, אַנ-דערע ווייניקער פולקאָמע און ווידער אַנדערע גאָר ווייניק פולקאָמע.

אויפ׳ן בעש״טס לשון הייסט עס אַזוי: יעדע וועלטלעכע ליבע, יעדער וועלטלעכער שרעק, איז אַן׳אַראָפּגעפאַלענע געטלעכע יראה, יעדע וועלטלעכע שיינהייט איז אַן׳אַראָפּגעפאַלענע געטלעכע שיינהייט, יעדע וועלטלעכע חכמה איז אַן׳אַראָפּגעפאַלענע חכמה עליונה.

וואָס האָט, אַלזוא, דער מענטש צו טון? ער דאַרף צונעמען די וועלט, ווי זי איז, ער דאַרף באַטראַכטען און פאַרשטעלען יעדע זאַך, ווי זי איז פאַראַן, ער דאַרף נאָר יעדע זאַך צוריק אומקערען צום שורש, ער דאַרף פון יעדער ליבע אַ געטלעכע ליבע מאַכען, פון יעדער שרעק אַ געטלעכע יראה מאַכען, יעדע שיינהייט צוריק אומקערען צו דער געטלעכער „תפארת״.

באַטראַכטענדיק און פאַרשטעלענדיק, אַז אין יעדער זאַך איז פאַראַן גאָטהייט: זעענדיק אין יעדער זאַך באַזונדער עטוואָס געטלעכס, לאָזט ער דאָס „עטוואָס״ און וויל דערגרייכען דעם כלל, דעם עיקר, דעם עצם. אַזוי ווערט יעדע זאַך דערהעכערט און פאַרגעטערט.

דו זעסט שיינהייט און ווילסט עס זינליך גראָב פאַרשטיין, דאַרפסטו גוט באַטראַכטען, אַז אין דעם, וואָס עס ציט מיך און געוועלטיקט איבער מיר, איז פאַראַן עטוואָס געטלעכס, אַז אין דער שיינהייט, וואָס איך זע, איז פאַראַן עטוואָס פון דער העכערער געטלעכער שיינהייט, אַז דער עיקר איז דערפאַר דאָס געטלעכע, וואָס דערין איז פאַראַן. צו וואָס-זשע איז איין שטראַל, אַז פאַר מיר איז די גאַנצע זון? וואָס איז פאַר מיר איין טראָפּען, אַז פאַר מיר איז דער גרויסער ים? איך דאַרף גאָט ליב האָבען—דאָרטען איז אַלעס פאַראַן.

אַזוי קומט דער מענטש פון דער שיינהייט, וואָס ער זעט, צו דער גאָטהייט. אַלעס קליינגלעכע און זינלעכע פאַרשווינדט, און עס ווערט אַלץ ריין און הייליק.

## די וועלט אלס פארבלענדעניש.

איינער פון די גרונט-עלעמענטען אין דעם בעש"טס וועלט-אנשויונג איז דער באקאנטער אפאריזם, וואס ווערט געבראכט פון זיין נאמען-וועגען אין פיל ספרים: „דאס, וואס די וועלט זעט אויס, ווי א ממשותדיקע, קאנקרעטע זאך, איז — אבסאלוט פאלש"; און אויב דאס געפינט זיך נישט בא אים אין ערגעץ מפורש ארויסגעזאגט, לאזט זיך עס, אבער, קלאר זען פון דעם משל, וואס ווערט געבראכט אין „כתר שם טוב" (ערשטער טייל):

„עס איז געווען אמאל א מלך, א גרויסער חכם, האט ער פארבלענדעט אלעמען די אויגען און געמאכט מויערן, טורעמס און טויערן, און ער האט באפעלען אז מ'זאל גיין דורך די דאזיקע טויערן און טורעמס, און אין יעדען טויער באזונדער האט ער געהייסען פונאנדערשיטען די אוצרות המלך; און אמאל איז ער צוגעגאנגען צו איין טויער און גענומען געלט און זיך אומגעקערט צוריק א. א. וו., ביז זיין איינציקער זון האט דורכויס געוואלט צוקומען צו זיין פאטער, דעם מלך. דאן האט ער געזען, אז צווישען אים און זיין פאטער איז אין דער אמתען קיין שום מחיצה נישטא, ווייל אלץ איז נישט מער, ווי א פארבלענדעניש". דער געדאנק פון דעם משל פארשטייט זיך אליין. גאט באהאלט זיך אין א סך מחיצות און קליידער. די גאנצע וועלט איז פול מיט גאטס כבוד און יעדע באוועגונג און יעדער געדאנק קומט נאר פון זיין ליבען נאמען, און אויך אלע מלאכים און די „היכלות" — אלץ איז געשאפען און געמאכט געווארען פון אים אליין. די גאנצע שעפפונג איז זיין לבוש און אט דער לבוש איז פון אים און אין אים...

די גאנצע נאטור איז אויף אזא אופן בלויז אן'איינרעדעניש, א פאטא מארגאנא, אן'אילוזיע; אלץ איז פארדעקט און באהאלטען, אלץ איז פארבארגען; פאר'ן בליק פון דעם העכערען מענטשען איז, אבער, אלץ אפען און קלאר. ווען דער

מענטש קומט צו צו דער אמתער איבערצײגונג, צו דעם אמתען באַהויסטזײן, פֿאַרשטײט ער, אַז די גאַנצע נאַטור איז ניט מער, ווי אַ פֿאַרבלענדעניש, און ער באַגרײַפֿט דעם אמתען „עפּעס“, די גאָטהײט. דאַן ווערען שוין ממילא בטל-ומבוטל אַלע שלעכטיקײטען און צרות, אַלע דינים און שטראָפֿען, וואָרום דער מקור פֿון די אַלע זאַכען איז דאָך בלויז דער וועלט-טעות, דעם מענטשענס אײַנרעדען זיך, אַז ער איז עפּעס, אַז ער איז ווירקליך פֿאַראַן. ווען דער מענטש פֿאַרשטײט שוין, אָבער, אַז אַלץ אין דער וועלט איז נאָר אַ פֿאַלשע אײַנבילדונג, אַז גאָט האָט אַלץ געמאַכט, כדי ער, דער מענטש זאָל צוקומען צו דעם באַוווסטזײן פֿון דעם, אַז פֿאַראַן איז נור די גאָטהײט—פֿאַרשטײט ער שוין אויך דאָס, אַז אַלערלײ לײדען האָבען קײן שום ממשותדיקען יוערט ניט.

און ווען גאָט שטראָפֿט אפילו שטאַרק דעם מענטשען, און ווען ער דערווײַטערט אים פֿון זיך, וואָס מער דער מענטש וויל צו אים נאָנט זײַן,—זאָל אויך דער מענטש ניט אַרײַנפֿאַלען אין קײן יאוש, וואָרום עס טרעפֿט אַמאָל, אַז גאָט דערווײַטערט אים פֿון זיך בכיוון, כדי ער זאָל זיך צו אים נאָך מער דערנענטערען, און „דאָס איז גלײַך צו אַ מענטשען, וואָס האָט אַ קלײנעם זון און ער וויל אים צוגעווײנען צום גײן; שטעלט ער אים אויף דר'ערד און רוקט זיך אָפּ פֿון אים אַביסעל און רופֿט אים, ער זאָל צוקומען נענטער, און ווען דאָס קינד קומט שוין צו צום פֿאָטער, דערווײַטערט ער זיך נאָך אַביסעל, און אַזוי אַ סך מאָל, ביז ער געווײנט אים צו צום גײן אַלײן. אַזוי איז אויך גאָט ברוך-הוא: ער וויל שטענדיק, אַז דער מענטש זאָל ניט שטײן אויף אײן אָרט, נאָר גײן פֿון אײן מדרגה צו דער אַנדערער דורך תורה און מעשים טובים און גוטע מדות, ווי עס שטײט געשריבען: „ווײל איז דעם, וואָס האָט מורא פֿאַר גאָט און גײט אין זײַנע וועגען“; דעריבער דערווײַטערט זיך גאָט פֿון אים און שטראָפֿט אים כלומרשט, כדי ער זאָל נאָכזען זײַנע מעשים און זיך דערנענטערען צו גאָט און גײן פֿון מדרגה צו מדרגה“.

וואָס מער גאָט דערוויַיטערט זיך פונם מענטשען, אַלץ מער דאַרף דער מענטש נענטער צו גיין צו גאָט דורך אונטערטעניקייט און דעמוטיקייט אן דבקות (באַהעפטונג); און וואָס שוואַכער דער קערפער, אַלץ שטאַרקער דער שכל. די הויפּט־זאַך איז, דער מענטש זאָל געדענקען, אַז „אין יעדען מין צער, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות, איז פאַראַן אַ הייליקער פונק פון זיין געבענטשטען נאָמען, נאָר ער איז באַהאַלטען אין אַ סך לבושין (הילעס, קליידער), און ווען ער וועט זיך באַטראַכטען, אַז אפילו דאָ (אין זיין צער) איז אויך גאָט ברוך־הוא מיט אים, וועט אָפּגעדעקט ווערען דאָס לבוש און בטל ווערען דער צער”:

און אויב עס וועט קומען איינער און פרעגען:

גוט, לאָמיר שוין אָננעמען, אַז די אַלע גשמיותדיקע און רוחניותדיקע שלעכטיקייטען פון דער גאַנצער נאַטור זענען נישט מער, ווי איינבילדונגען; אָבער פאָרט איז דאָך אָט די גרויסע איינבילדונג, וואָס מיר רופען זי אָן „וועלט”, „נאַטור”, „לעבען” א. אַ. וו., פון גאָט געשאַפען, און אויב קיין זאַך איז נישט אָפּגעטיילט פון אים, ווייל אַלץ איז פון אים און אַלץ איז אין אים”, נעמט ער דאָך אַריין אין זיך אויך די איינבילדונג, וואָס איז דער מקור פון שלעכטס, היינט וויאַזוי־זשע אַנטהאַלט ער עס אין זיך די ביידע קאָנטראַסטען: גוטס מיט שלעכטס? אָדער מיט דעם בעש”טס אייגענעם נוסח: „אַזוי־ווי די שכינה איז כולל אין זיך אַלע עולמות (וועלטען) און דעם דומם (מינעראַלוועזען) און דעם צומח (פלאַנצונגס־וועזען) און דעם חי (לעבעדיקען, טיר־וועלט) און דעם מדבר (רעדעוודיקען, דעם מענטשען) און אַלע גוטע און שלעכטע באַשעפעניששען, און די איינזיקייט איז די שכינה; היינט וויאַזוי קענען עס זיין צוויי הפכים (געגענזאַצען, קאָנטראַסטען) אין איין נושא (וועזען, געגענשטאַנד)?”

אויף דעם ענטפערט דער בעל שם טוב, אַז „דאָס שלעכטע איז בלויז די כסא (שטול) פאַר דאָס גוטע”, און „ווען דאָס שלעכטס ברענגט צו גוטס,—ווערט עס אַ כסא

פֿאַר דאָס גוטע און אַלץ הייסט שוין גוטס", דאָס הייסט: „שלעכטס איז נישט דער געגענזאַץ פֿון גוטס, נאָר אַנ'אונטער-שטע מדרגה פֿון גוטס", ווייל אַלץ גייט נאָכ'ן תכלית. און דער תכלית איז דאָך די העכסטע גאָטצערקענטעניש, ווו עס הערשט שוין קיין שלעכטס נישט...

נאָענט צום בעל-שם-טוב, אינם גרונט פֿון זיינע מיינונגען און אָנשויונגען איבער דער פֿראַגע פֿון גוטס און שלעכטס, איז זיין אייניקעל ר' נחמן ברעסלאַווער; ער צייכענט זיך, אָבער, אויס מיט מער שאַרפֿקייט, מיט מער פּאָעזיע און מיט אַנ'אומגעווייגלעך מילדער באַרימהערציקייט צו דעם גאַנצען מענטשלעכען געשלעכט.

„אַלץ, וואָס עס פֿעלט דעם מענטשען, זאָגט ר' נחמן, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות, איז דער חסרון דערפֿון אויך אין דער שכינה כביכול; נאָר ווען דער מענטש וועט וויסען, אַז דער חסרון איז אי אויבען (אין דער שכינה), אי אונטען (אין דעם מענטשען), וועט ער דאָך אוודאי אַריינפֿאַלען אין גרויס צער און עצבות (טרויער), און נישט קענען דינען גאָט מיט שמחה, דעריבער דאַרף ער זיך באַרעכענען: וואָס בין איך און וואָסער ווערט האָט מיין לעבען, אַז דער מלך (גאָט) אַליין זאָל מיר דערציילען זיין חסרון? איז דען דאָ אַ גרעסע-רער כבוד פֿון דעם? און דערווייל קומט ער דורך דעם צו אַ גרויסער שמחה און די געדאַנקען זיינע באַנייען זיך",

אין אַלע צעשטרייטע און פֿאַרפֿלאָנטערטע אַפֿאָריזמען פֿון ר' נחמן ברעסלאַווער גייט אַדורך אָט דער געדאַנק: דעם מענטשנס לעבען איז בלויז אַ רייע פֿון אומגליקען און אָנשיקע-נישען, פֿון בהלות און ציטערנישען, אויב גאָט איז נישט מיט אים

„יעדער מענטש—זאָגט דער ברעסלאַווער—דאַרף שרייען צו גאָט און בעטען הילף בא אים ריכטיק, ווי ווען ער וואָלט זיך געפֿונען אין מיטען ים, הענגענדיק אויף אַ האָר, און דער ווינט שטורעמט און טראָגט די כוואַליעס ביז'ן הימעל, אַזוי אַז מ'הייס גאָרנישט, וואָס צו טון און ס'איז כמעט גאָר קיין צייט

נישטאָ אַפילו צו שרײַען: אוי! אין גרויס סכנה איז דער מענטש אויף דער וועלט, ווי יעדער ווייס עס פון זיך אַליין".

זײַער טיף איז זײַן מיינונג איבער דעם מענטשענס אַלע מיני פאַרלאַנגען, באַגערען און שטרעבונגען.

ער זאָגט:

„אויסער דעם, וואָס פון דער נאַטור אַליין שלעפט זיך דער מענטש נאָך נאָך אַלע תאוות און שלעכטע מדות,—אויסער דעם איז עס נאָך געוואָרען בײַ זיי—בײַ די מענטשען—עפעס אַ מין אמונה, אַז דאָס איז דעם מענטשענס תכלית, און יעדע כתה פון מענטשען האָט אויסגעקליבען באַזונדערע נאַרישקייטען, און מער פון צלע איז פאַרקראָכען און האָט געגרייזט יענע כתה פון מענטשען, וואָס האָט אויסגעווײַלט דאָס געלט פאַר איר תכלית".

די נאַרישקייט פון די פאַרשידענע וועלטלעכע אײַנבילדונגען דערקלערט ער מיט דעם משל:

„דער יצר-הרע איז געגליכען צו אײנעם, וואָס גייט אַרום מיט אַ פאַרמאַכטער האַנט צווישען מענטשען, וועלכע ווייסען נישט, וואָס ער האָט דאָרט אין האַנט, און נאַרט אַלעמען אָפּ און פרעגט: וואָס האָב איך דאָ? יעדערער גלויבט, אַז אין האַנט ליגט דאָס, וואָס ער וויל האָבען, און דעריבער לויפען אַלע נאָך נאָך אים; דערנאָך עפענט ער אויף די האַנט און ווײַזט, אַז ער האָט אין איר גאָרנישט. דער יצר-הרע נאַרט אויך אַזוי אָפּ דער גאַנצער וועלט און אַלע לויפען אים נאָך, ווײַל יעדערער מיינט, אַז אין דער האַנט ליגט דאָס, וואָס ער דאַרף האָבען צו דערפילען זײַן תאוה; און ווען ער עפענט די האַנט—איז אין איר גאָר נישטאָ, וואָרום ס'איז נישטאָ קיין אײנער, וואָס זאָל דערפילען זײַן תאוה".

מיר געפינען אפילו, אַז רבי נחמן מיט זײַן תמימות איז צוגעקומען צו דעם זעלביקען געדאַנק, צו וועלכען דער פילאָזאָף שאָפּענהויער איז צוגעקומען, אַרויסגייענדיק פון אַ טיף-פילאָזאָפישען שטאַנדפּונקט; איך מיין דאָ דעם געדאַנק אַז אין דער צײַט, ווען די לײַדן זענען עטוואָס פּאָזיטיוויס. אי…

דאָס פֿאַרגעניגען נישט מער, ווי די נעגאַטיווע זייט פֿון צער.

„אַלע קולות (שטימען) פֿון דער וועלט — זאָגט רבי נחמן — שטאַמען בלויז פֿון חסרונות (ליידען), וואָרום יעדער איינציקער באַזונדער שרייט איבער זיין חסרון; און אפֿילו די שמחות פֿון דער וועלט זענען אויך נאָר דערפֿון, וואָס עפּעס אַ חסרון איז דערפֿילט געוואָרען.“

פֿון דעם כלל שליסט ער, אָבער, אויס דעם צדיק, „וואָס אין זיין גליקלעכען לעבען איז קיין חסרון נישטאָ“, „ווייל די גאַנצע וועלט איז פֿאַר אים נישט אַזוי וויכטיק, אַז עס זאָל זיך שיקען דערביי צו זאָגען: „חסרון“. און דאָס איז נישט דערפֿאַר, וואָס דער צדיק האָט אַ שטיינערען האַרץ און פֿילט נישט די ליידען פֿון דער וועלט; אַדרבאָ: רבי נחמנס צדיק האַלט גאָר, אַז „די אַלע יסודות פֿון דער נאַטור, פֿון דער ערשטער עמאַנאַציע ביז דעם צענטראַלען פּונקט פֿון דער קערפּערליכער וועלט, האָבען בלויז דעם איינציקען צוועק: צו אַנטדעקען און אַרויסצווייזען גאָטס רחמנות“, און „וואָס מער וויסען — אַלץ מער רחמנות“; דער צדיק פֿילט און פֿאַרשטייט אָבער, אין דער זעלביקער צייט די גאַנצע נישטיקייט און קלייניגלעכקייט פֿון אַלע עולם הזה-ענינים, און דעריבער פֿאַרנעמען די יסורים קיין שום פּלאַץ נישט, — ער איז זיי אין האַרצען מבטל און שפּירט זיי גאָרנישט.

וואָס העכער דער מענטש הייבט זיך אויף, אַלץ נישטיקער און קלענער ווערען ביי אים די אינטערעסען פֿון אונזער וועלטעל מיט אירע געשעפֿטען, פֿאַרלאַנגען, צרות און ווייטיקען. באַזונדער האָט דעם דאָזיקען ענין דערקלערט דער רב מלאַדי אין זיין „אגרת הקודש“: „דיר צו איבערצייגען — זאָגט דער רב — אַז נישט דאָס איז דער וועג פֿון גאָטס ליכטיקייט צו זיין אַריינגעטון אין קערפּערלעכע תאוות, און געזונטהייט, קינדער און מזונות (פּרנסה), דען אויף דעם האָבען די חז״ל (חכמינו זכרם לברכה: אונזערע חכמים, זייער נאָמען זאָל געבענטשט זיין) געזאָגט: זיי מבטל דיין ווילען פֿאַר זיינעם (גאָטס),

ד. ה. אַז זיין (דעם מענטשענס) רצון (ווילען) זאָל בטל ווערען במציאות און ער זאָל אינגאַנצען קיין רצון נישט האָבען אין די ענינים פון דער וועלט, וואָס ווערען אויסגעדריקט אין דעם פאַרלאַנג פון געזונט, קינדער און מזונות, און ווי די חז״ל האָבען געזאָגט א. אַ. וו.

און די דערקלערונג פון דעם ענין איז דאָס, אַז דער מענטש זאָל טיף גלייבען אין דעם באַשעפער פון דער וועלט, ד. ה. אַז די גאַנצע נאַטור איז אַנטשטאַנען פון גאָרנישט און ווען דער מענטש וועט קיין איין איינציקע מינוט נישט אויפהערען צו טראַכטען וועגען דעם מיט זיין טיפען פאַרשטאַנד און כסדר זיך פאָרשטעלען, אַז ער איז אַנטשטאַנען פון גאָרנישט, ווי וועט דאָס אים אַרויספאַלען אויפ׳ן רעיון, אַז אים איז שלעכט? דער אמתער מאמין פילט, אָבער, קיינע יסורים נישט, און אַלע ענינים פון דער וועלט האָבען פאַר אים אַבסאָלוט דעם זעלביקען ווערט צי זיי זענען יאָ דאָ, צי זיי זענען נישט דאָ א. אַ. וו.

פּאַסענד צו אונזער ענין זענען אויך די ווערטער פון „אדרת אליהו״:

„איך האָב געהערט אַזאַ דערקלערונג פון דעם מאמר חז״ל: ווען אַ מענטש זעט, אַז עס קומען אויף אים יסורים, זאָל ער נאָכזוכען אין זיינע מעשים דער אמתער גאָטספאָרכטיקער און פרומער, פילט גאָר קיינמאָל נישט קיין יסורים, ווען ער איז אַזוי צוגעבונדען צו גאָט און האָט אים אַזוי שטאַרק ליב, אַז אַלץ איז בא אים גוט; דער, אָבער, וואָס איז נישט פרום מיט אַנ׳אמת, פילט באַלד די יסורים, ווייל ער איז ווייט פון גאָט און אָפּגעזונדערט פון אים און איז אַריינגעגעבען נאָר אין די עניני עולם הזה און אין די פאַרשידענע תאוות און פאַרגעניגענס פון לעבען, ער דערשפירט, דעריבער, גלייך די יסורים און וויל זיי אָפּשטויסען פון זיך, ווייל זיי געפעלען אים נישט; און דאָס איז די באַדינגונג פון דעם מאמר: ווען אַ מענטש זעט, אַז עס קומען אויף אים יסורים, ד. ה. ווען

ער זעט די יסורים און שפירט זיי, זאָל ער נאָכוען זיינע מעשים".

נאָ דער דאָזיקער מיינונג האַלטען זיך אַלע גרויסע חסידים, כאָטש זיי זענען ווייט איינע פון די אַנדערע אין אַ סך איינ-צעלהייטען. זיי זענען איינגאַנצען מבטל די ליידען פון דער וועלט, אויפהייבענדיק זיך גאַנץ הויך איבער איר מיט אירע ליידען צוזאַמען. און דאָס דינט זיי אַלס מאַסשטאַב, אויף צו מעסטען די גרויסקייט פונ'ם גייסט-מענטשען: אויב ער באַזיצט די קראַפט איינגאַנצען צו איגנאָרירען די אינטערעסען פון דער קערפערלעכער וועלט, אויב ער קוקט אויף אַלע לעבענס-אינ-טערעסען, ווי אויף פאַרבייגייענדע דערשיינונגען, וואָס האָבען קיין באַדייטונג נישט אַנטקעגען די הייליקע גייסט-שטרעבונגען, — הייסט עס, אַז ער האָט ווירקליך דערגרייכט אַ הויכע מדרגה; קוים, אָבער, האָבען נאָך די ענינים פון דער וועלט אַ שטיקעל שליטה איבער אים און שטערען אים אין זיין גייס-טיקער טעטיקייט, אָדער זיי דערשלאָגען זיין געמיט, איז עס אַ באַווייז, אַז ער איז נאָך צוגעבונדען צו די קליינלעכקייטען פון לעבען און דער „אָנזען פון דער וועלט" הערשט איבער אים.

די דערהויבענע גייסטיקע שטימונג פון דעם אמתען חסיד האָט קלאָר אויסגעדריקט און געשילדערט דעם לאַדיער רבס זון, דער גרויסער עקסטאַטיק און טיפער דענקער דער רבי ר' בער, ווען ער שטענדיק באַטאָנען די ענלעכקייט צווישן דעם טיפען אינערלעכען טרויער פון יעדען גייסט-מענטשען און דער התלהבות'דיקער נשמה-שמחה, וואָס עס פאָדערט די הייסע אמונה.

ער זאָגט אין זיינע „שערים" אַזוי:

„דער, וואָס זיין האַרץ איז שטענדיק פאַרזאָרגט, שטייט זייער אויף אַ הויכער מדרגה, וואָרום (ער איז דאָך פאַרזאָרגט) נישט דערפאַר, וואָס ער וויל עפעס דערגרייכען, נאָר ווייל די אינערלעכע נקודה פון זיין האַרצען איז אַזוי שטאַרק פאַרבונדען מיט דעם עצם פונ'ם אין-סוף — (אומענדלעכען, גאָט), אַז אַלע אַנדערע פאַרלאַנגען האָבען פאַר אים קיין שום באַדייטונג, דע-ריבער זאָרגט זיך שטענדיק זיין האַרץ: ווען ווער ער שוין

זען די שײַן פֿון דעם לעבעדיקען גאָט, דעם אמת פֿון דער אומענדלעכער ליכטיקייט. און די דאָזיקע דאגה איז אַזוי שטאַרק, אַז ער איז פּראָסט מבטל אינגאַנצען זײַן װעזענטלעך לעבען, װאָס האָט קײן שום ממשות נישט קעגען דער אמתער, אינערלעכער ליכטיקייט פֿון זײַן חיות און קעגען דעם גליק פֿון באַהעפֿטען די אײגענע נשמה מיט דער (געטלעכער) אײביקייט. און דאָס איז די זעלביקע מדרגה פֿון דעם פֿרײלעכען לעבען און פֿון די אײביקע פֿאַרגעניגענס, װעלכע שטאַמען פֿון דביקות און עצמות פֿונם אין סוף, װאָס מיר געפֿינען בײַ די גרויסע צדיקים, װי משה רבינו, למשל, װאָס איז געשטאָרבען „בנשיקה“ (גע־קושטערהייט) אין זײַן טיפֿער געטלעכער דביקות (באַהעפֿטונג) און פֿאַר זײַן לעבען האָט אויך די שכינה אַרויסגעשרעדט פֿין אים און די שטאַרקע ליכטיקייט פֿון דעם אומענדלעכען האָט באַלויכטען זײַן נשמה און זײַן שטראַלענד פּנים.“

נאָך מער פֿון דעם לעצטען האָט געזוכט אויסצוגעפֿינען דאָס גלײַכגעװיכט צװישען דעם טיפֿען טרויער און דער גײַסטי־קער דערשלאָגענקײט פֿון אײן זײַט, און דער דערהױבענער מונטערער נשמה־שטימונג פֿון דער צװײטער זײַט, — זײַן תּלמיד — דער װײניק באַקאַנטער אָבער אומגעװײנלעך טיפֿער מעטאַפֿיזיקער ר׳ אײַזיק עפּשטײן אין זײַן „השפּלות והשמחה“:

„װאָס עס װערט דערמאָנט אין דער גמרא דער ענין פֿון „גם זו לטובה“ הײסט עס אַזוי: די דאָזיקע צדיקים האָבען גע־שפּירט דעם פֿ אַ ר ג ע נ י ג ע ן, װאָס עס האָבען אין זיך די י ס ו ר י ם דאָס איז געגליכען צו די זײער שטאַרקע געטראַנ־קען, װאָס אײנער טרינקט זײ און פֿילט אַ גוטען טעם אין דעם, װײל ער איז אַ שטאַרקער פֿון דער נאַטור און האָט אַ געזונטען קאָפּ; אַן אַנדערער, אָבער, טרינקט די זעלביקע משקה און קען דאָס נישט פֿאַרטראָגען, װען ער האָט אַ שװאַכע נאַ־טור און אַ שװאַכען קאָפּ אַזוי, אַז ער איז צו־שװאַך צו געני־סען פֿון דער הנאה, װאָס דער ערשטער האָט פֿון דער דאָזי־קער ברענענדיקער שאַרפֿקײט. פֿאַר אים איז די שאַרפֿקײט אַ װײטיק, אַ רײַסעניש, כאָטש אין דער אמתן װירקט דאָס

אויף אים אויך גוט! און יענע חכמים, וואָס האָבען געזאָגט: „גם זו לטובה", האָבען געהאַט אין זיך אַט די שטאַרקייט פון דער נאַטור; זיי האָבען אַרויסגעזאָגט זייער צופרידענהייט און אויסגעדריקט אין אַנ'אויסערלעך געפיל די באַהאַלטענע גוטסקייט, וואָס איז פאַראַן אין דער שאַרפקייט פון די יסורים. אַנדערע ווידער זענען פאַראַן, וואָס האָבען נישט דעם גרויסען כח, אויסצודריקען אויסערלעך זייער פאַרגעניגען דערפון; אָבער אינערלעך פילען זיי פונדעסטוועגען די פאַרבאָרגענע גוטע זייטען פון די אַלע צרות; אויף די האָט מען געזאָגט: זיי פרייען זיך מיט זייערע יסורים, דאָס הייסט זיי שפירען טאַקע ממש די יסורים און פונדעסטוועגען פרייען זיי זיך, ווייל זיי שפירען אויך דאָס גוטע, דעם פאַרגעניגען."

## צוויי נשמות אין׳ם מענטשען.

(לויט׳ן „תניא״)

דער מעטאָד פון תניא אין דער פאָרשונג פון דער נשמה איז דער אַלטער, אַלטער מעטאָד פון איוב: „מבשרי אחזה אלוה״ (פון מיין לייב זע איך גאָט). דעם מענטשענס נשמה, ווייבאַלט זי איז פון אויבען געקומען, איז זי אַ שפּיגעל פון אָט דעם אויבען. אַזויווי די זון שפּיגעלט זיך אָפּ אין אַ טראָפּען וואַסער, אַזוי שפּיגעלט זיך אָפּ די גאַנצע אומענדליכקייט אין דעם מענטשענס נשמה. קענען מיר נישט אויפפאַסען די געטלעכע זון, ווי זי איז אַן און פאַר זיך, קענען מיר זי דאָך זויפפאַסען לכל הפחות אויף וויפיל זי שיינט אַריין אין אונז זעלבסט. אויך דאָס וועזענטלעכקייט (עצמות) פון אונזער אייגענער נשמה איז אונז ניט באַקאַנט. מיר ווייסען, אָבער, און באַגרייפען אירע הויפּטקרעפטען (כחות) און אירע אויסערונגען (לבושים). אַנאַליזירען מיר קלאָר און גענוי אָט די כחות און די לבושים ווייסען מיר פון וואָסערע עלעמענטען זיי פּאַשטייען און וויאַזוי אָט די עלעמענטען ווערען פאַראייניקט איינע מיט די צווייטע און ווערען אָפּגעשטויסען איינע פון דער צווייטער; ווייסען מיר וויאַזוי די פונאַנדערגעגלידערטע עלעמענטען ווידער צו ברענגען צו איין אַחדות (צו אַ העכערען סינטעז) און וויאַזוי זיי ווערען ענדלעך בטל אין עצמות הנפש, — קענען מיר אונזער אייגענעם נפש נעמען אַלס משל, אַלס סימבאָל פון דעם העכערען, פון דעם געטלעכען, פין דעם אומפאַסבאַרען און צו באַגרייפען, וויאַזוי אַלעס קומט פון דעם אחד (אייגאונאייגנצ קען) און אַלץ קערט ווידער צום אחד.

קודם כל מוז מען, אָבער, קלאָר מאַכען זיך וואָס רופען מיר אָן מיט׳ן נאָמען „נפש״.

פון אייביק אָן איז דאָ אַ מחלוקת צווישען דעם גלויבען פון איין זייט און דער פּאָזיטיווער „וויסענשאַפט“ און מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע פון דער צווייטער זייט. דאָס גלויבען באַטראַכט דעם מענטשענס נפש אַלס עטוואָס, וואָס איז לחלוטין ניט אָפּהענגיק פון דעם קערפּער, וואָס לעבט זיך זיין רוחניות-דיק לעבען און פאַרהאַלט זיך צום קערפּער ווי אַ הער צו זיין קנעכט; ריכטיקער געזאָגט, דער קערפּער איז באַר דער אויסערלעכער לבוש פון דעם נפש אַזוי, אַז ווען אָט דער לבוש ווערט אַראָפּגעוואָרפען בלייבט דער נפש לעבען ווי געווען. די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע זעט אין דעם, וואָס מען רופט אָן ווילען, שכל, גייסט, נישט מער, ווי העכערע פאַרוויקעלטערע און קאָמפּליצירטערע קרעפטען פונ'ם קערפּער. אונטער'ן נאָמען „נפש“ דאַרף מען פאַרשטיין נישט מער, ווי אָט דעם גאַנצען קאָמפּלעקס פון אָט די העכערע קערפּערלעכע קרעפטען. דער שכל, אָדער אַנ'אַנדער פּסיכישער אַקט, איז נישט מער, ווי אַ פונקציע פונ'ם מוח, אמת זייער אַ קוואַליפיצירטע פונקציע, נאָך, אָבער, נישט מער, ווי אַ פונקציע. די פּסיכע בכלל איז, אַלזאָ, נישט מער, ווי דער סך-הכל פון אַלע העכערע פונקציעס פון די געהירען. ווען עס הערט אויף די טעטיקייט פון די געהירען, דאַן איז אויך אַ סוף צו יעדען פּסיכישען לעבען. וועגען דעם לעבען נאָכ'ן טויט קען, אַלזאָ, גאָר קיין רייד נישט זיין.

די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע איז מער גענייגט צום גלויבען, ווי צו דער אויפפאַסונג פון די מאַטעריאַליסטען. איבערהויפּט קעמפט די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע קעגען דער באַהויפּטונג פון די מאַטעריאַליסטען, אַז דער גייסט איז אַ פּראָדוקט פונ'ם קערפּער. לויט דער באַהויפּטונג פון די אידעאַליסטען קען נישט די מאַטעריע — מעגען אירע קרעפטען זיין ווי פאַרוויקעלט און ווי קוואַליפיצירט, — פּראָדוצירען איר פולען קעגענזאַץ — גייסט.

די פּאָזיטיווע וויסענשאַפט, וואָס ווייכט גלייך אָפּ אי פונ'ם מאַטעריאַליזם, אי פונ'ם אידעאַליזם, כאָטש זי אָנערקענט

דעם צוזאַמענהאַנג צווישען קערפּער און גײַסט, כאָטש זי באַווײַזט אויף שריט און טריט וויאַזוי קערפּער איז אָפּהענגיק פון גײַסט און גײַסט פון קערפּער, כאָטש זי באַווײַזט באותות ובמופתים, אַז עס גיבט נישט קיין איין זעעלישע באַוועגונג, וועלכע דער קערפּער זאָל נישט באַגלײַטען מיט אַ געוויסער ענדערונג, דאָך קומט זי, אין'ם געשטאַלט פון אירע העכערע פאָרשטײַער נישט צום פּאַראַלעליזם (גלײַכטעטיקייט פון גײַסט און קערפּער), נאָר צום באַשלוס, אַז די וועזענטלעכקייט פון דער פּסיכע („נפש") איז אונז לחלוטין אומבאַקאַנט. מיר ווײַסען נאָר אירע אויסערונגען, וועלכע גייען האַנט באַ האַנט מיט די פיזישע אויסערונגען, אָבער וואָס איז לויט איר עצם מהות, וואָס איז לויט איר אורשפּרונג און אײַגענטלעכער טבע—דאָס איז פאַר'ן פאָרשערס אויג אינגאַנצען פאַרהילט.

די יידישע מיסטיק (קבלה) האָט, אָבער, אין דעם גאָר אַן'אַנדער שיטה.

רבי חיים וויטאַל און נאָך אים דער רב זעען אין דעם מענטשען צוויי נפשות. דערמיט קומען אַלע קריגערײַען וועגען דעם מענטשענס נפש צו אַ העכערער אײַניקייט. דאָ ווערט נאָך נישט גערעדט וועגען די גאָר הויכע ספערען פון דעם מענטשענס אינערלעכער וועלט ווי „רוח" נשמה" „חיה" „יחידה", נאָר וועגען דער ספערע, וואָס הייסט „נפש". ווילען די מקובלים האָבען, אַז אויך אָט די זעעלישע ספערע, וועגען וועלכער אַלע רעדען, איז באמת נישט איין ספערע, נאָר צוויי באַזונדערע ספערען. עס איז דאָ אין'ם מענטשען אַ „נפש הטבעית" (נאַטירלעכע זעעלע) און אַ „נפש אלהית" (אַ געטלעכע זעעלע). די נאַטירלעכע זעלע רוט אין דעם מענטשענס בלוט און איז אָפּהענגיק פונ'ם מענטשענס פיזישען לעבען; די געטלעכע זעעלע רוט, אָבער, נאָר אין'ם מענטשענס שכל און איז דורכויס אַקטיוו. די נאַטירלעכע זעעלע איז אַ ריין אָרגאַנישע זעעלע, זי איז דורכויס אײַנגעוואָרצעלט אין אַלע געווײַנלעכע נאַטירפּעטען. לויט איר אָפּשטאַמונג, נײַגונגען און סימפּאַטיעס

איז זי דורכויס ערדיש און וועלטלעך. דערביי איז זי גאר ניט, ווי עס מיינען אלערליי מעגלעכסטע טעאלאגען, דורכויס נידעריק, שלעכט און זינדיק. אדרבא! זי קען אין זיך האבען זייער און זייער גוטע און שיינע אייגענשאפטען, ווי ליבע, פריינטשאפט, רחמנות, וכדומה. עס זענען דא אלערליי „נאטירלעכע זעעלען“: עס זענען דא באמת פינצטערע און שלעכטע זעעלען, וואס שטאמען, לויט דער טערמינאלאגיע פון דער קבלה, פון שלש קליפות הטמאות (דריי אומריינע אויסערלעכקייטען) — רוח סערה, ענן גדול ואש מתלקחת (שטורמווינט, גרויסער וואלקען און בראנדפייער). עס זענען, אבער, דא „נאטירלעכע זעעלען“, וואס שטאמען פון „נוגה“ (שיין). אט די קליפה (אויסערלעכקייט), ווי עס ווייזט שוין איר נאמען „נוגה“ (שיין), ענטהאלט זי אין זיך אי גוטס אי שלעכטס (שיין, אבער אהן הייליקער ממשות). די לעצטע זעעלען קענען אין זיך האבען נאטירלעכע גוטע מדות, — מען איז, אבער, מיט דעם גוטען אין זיי נישט זיכער. עס קען קומען דאס שלעכטע און פארווישען דאס גוטע. עס קומען די ליידענשאפטען, גאוה, כעס און פארטונקלען דעם ליכטיקען שיין. אנדערש באשטייט, אבער, די זאך מיט דער „נפש האלהית“, וואס איז דא אינ׳ם מענטשען. זי וועט שוין קיינמאל פונ׳ם גוטען נישט אפטרעטען; זי וועט שוין קיינמאל פונ׳ם רעכטען וועג נישט אוועקגיין; זי וועט זיך שוין פון קיין זאך אין דער וועלט נישט לאזען פארפירען. זי איז לויט איר טיפסטען מהות — ריינע געטלעכקייט. וויאזוי-זשע קען זי זינדיקען?

אט די באהויפטונג פון די מקובלים שטימט באמת מיט דעם איינפאכען און קלארען זין פון דער תורה. פון איין זייט זעט מען אין דער תורה כמעט ווי א מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון „נפש“. איר לעזט דארט: „כי אדם הוא הנפש“ און „נפש כל בשר דמו הוא“. פון דער צווייטער זייט זעט איר, אבער, אז די תורה שטיצט אירע מצוות אויף דעם הויפט-זאץ: „כי בצלם אלהים עשה את האדם“. וואס-זשע מיינט מען מיט אט דעם „צלם אלהים“? מיינט מען דערמיט דעם אויסערלעכן

געשטאַלט פון דעם מענטשען? באַטראַכט דען תורת משה דאָס געטלעכקייט אַלס געשטאַלט? און וואו איז דער „כי לא ראיתם כל תמונה״ (איר האָט קיין געשטאַלט נישט געזען)? מיט דעם „צלם אלהים״ מיינט מען, אָבער, נישט אַנדערש, ווי דאָס אינערלעכע געשטאַלט פונ׳ם מענטשען, דאָס אייביקע און געטלעכע, וואָס איז אין אים. (זע די ערשטע פרקים פון „מורה׳ און זע דעם ליובאַוויטשערס „דרך אמונה״ אויפ׳ן וואָרט „צלם״). די תורה רעדט, אַלדזאָ, וועגען צוויי „נפשות״: וועגען איינע, וואָס איז אַ ריין אָרגאַנישע, אַ וועגעטאַרישע, וואָס לעבט אינ׳ם מענטשענס בלוט, אין זיין טעמפעראַמענט, און די צווייטע אַ ריין געטלעכע, וואָס רוט אין דעם מענטשענס שכל און לייטערט דעם מענטשען, לייטערט און רייניקט זיין בלוט, הייבט אים העכער און העכער, פירט אים צו דעם אין-סוף.

נון, קומט-פאָר אַן׳אייביקער קאַמף אין דעם מענטשען צווישען אָט די צוויי נפשות. דאָס איז נישט דער געוויינלעכער קאַמף צווישען „יצר הרע״ און „יצר טוב״. דאָ איז גאָר אַנ׳אַנדער אַרט קאַמף. דאָ איז דער קאַמף צווישען „נפש הטבעית״ און דער „נפש אלהית״, צווישען דעם ריין-אָרגאַנישען און ריין-געטלעכען. ווי מיר האָבען שוין געזאָגט קען די ריין-אָרגאַנישע זעעלע אויך פאַרמאָגען אין זיך פיל גוטס. דאָך קעמפט מיט איר די ריין געטלעכע זעעלע אומאויפהערלעך. די „נפש אלהים״ שטרעבט צו פאַרוואַנדלען דאָס בלוט — אין מוח, מוח — אין שכל, שכל — אין געטלעכקייט. די גאַנצע באַשטימונג און אויפגאָב פון דער „נפש אלהית״ איז צו אויפהייבען די נאַטור, לייטערען זי, רייניקען זי, פאַרגעטערען זי. זי דערגרייכט איר ציל נאָר דאַן, ווען זי פאַרוואַנדעלט אויך די ריין-אָרגאַנישע זעעלע (נפש הטבעית, נפש החיונית, נפש הבהמית) אין געטלעכקייט. זי דערגרייכט איר ציל נישט דאַן, ווען זי איז מנצח דעם אַזוי גערופענעם „יצר הרע״, נאָר ווען זי מאַכט פון דעם „יצר הרע״ זעלבסט — „יצר טוב״.

דער גרונטשטריך פֿון דער „נפֿש אלהית" איז דאָס, וואָס זי אָנערקענט קיין זאַך אין דער וועלט נישט אויסער גאָטהייט, דאָס הייסט: זי אָנערקענט נאָר די גאָטהייט פֿאַר דעם אמתען יש; דאָס, וואָס מען רופֿט געוויינלעך אָן „יש", נאַטור אַלערליי מעגלעכסטע וועלטען, אַלערליי מעגלעכסטע ברואים, אָנערקענט זי פֿאַר נ י ש ט ס. זי זעט אין דעם אַלעמען, וואָס מענטשען רופֿען געוויינלעך אָן „יש" נאָר אויסערלעך שיין, פֿאָרשטעלעניש, פֿאַרבלענדעניש („אחיזת עינים").

בשעת די „נפֿש הטבעית" פֿריית זיך מיט אַלעם דעם, וואָס זי זעט און הערט, פֿילט און געניסט, בשעת זי זעט פֿאַרבען, קלאַנגען, זאַכען און ווערט נאָך דעם מאַגנעטיש געצויגען און פֿ אַ ל ט אין דעם אַריין און זינקט אין דעם, גיט איר די „נפֿש אלהית" צו פֿאַרשטיין, אַז אַלעס דאָס, וואָס זי עמפּינדעט און געניסט, האָט נאָר אַ זין און אַ ווערט אויף וויפֿיל פֿון דעם ווערט געגומען צו דעם א מ ת ע ן אמת — צו דער גאָטהייט.

בכדי צו פֿאַרשטיין קלאָר און ריכטיק, וואָס דער רב מיינט מיט זיין „נפֿש אלהית", מוז מען נעמען אין אַכט דעם חב"דישען כּתב, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „פּעם אחת נכנס רבי משה אל הרב". דאָס איז אַ שמועס, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישען דעם רב און איינעם פֿון זיינע גרעסטע חסידים רבי משה ווילענקער. רבי משה גייט אַריין צום רב. זאָגט אים דער רב: זאָג מיר: וואָס איז גאָט און וואָס איז נשמה. ענטפֿערט רבי משה: איך ווייס נישט. זאָגט אים דער רב: און איך ווייס יאָ...

— וואָס?

— דאָס, וואָס איז קלאָר פֿאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך נ י ש ט קלאָר פֿאַראַנען — דאָס איז גאָט.

— און וואָס איז נשמה?

— דאָס אין דעם מענטשען, וואָס האָט אַ צו־קאָך אין דעם ענין, אַז נאָר גאָט איז קלאָר פֿאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך קלאָר נישט פֿאַראַנען — דאָס איז נשמה.

אין דעם כתב, וואָס איז געשריבען האַלב לשון-קודש און האַלב יידיש, זענען דאָ פאַרשידענע פ ר ט י ם פון אָט דער זעפינירונג, נאָר פאַר אונזער ענין איז וויכטיק דער כ ל ל פון אָט דער דערקלערונג, וואָס עס הייסט „גאָט“ און וואָס הייסט „נשמה“.

עס ווערט דאָרט נאָך צוגעגעבען: „ווייל די נשמה איז אַ חלק אלוה ממעל, דערפאַר האָט זי אַ צו-קאָך אין דעם ענין, אז נאָר גאָט איז קלאָר פאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך קלאָר נישט פאַראַנען“.

דאָס הייסט אויף אונזער לשון: אין דעם מענטשען איז דאָ עטוואָס אַזעלכעס, וואָס באַגרייפט מיט אַ באַזונדער קלאָר-קייט, אַז נאָר דאָס געטלעכע, דאָס אינערע, דאָס אומגרייפ-באַרע, דאָס געהיימעניספולע, האָט אַ פעסטקייט, אַ זיכערקייט, איין אייביקייט, און אַלעס, וואָס מיר רופען געוויינלעך וועלט און לעבען, האָט אַ שיינבאַרע עקזיסטענץ, הייל דאָס ווערט געביטען, ווי אַ קאַליידעסקאָפּ און פאַרשווינדעט, ווי שאָטענס.

פון וואַנען ק ו מ ט, אָבער, אין דעם מענטשען אָט דאָס הכרע באַוווסטזיין? — דערויף ענטפערט דער רב: „ווייל עס איז אַ חלק אלוה ממעל האָט עס אַ צו-קאָך אין דעם ענין. א. אַ. וו.“ אַלס אַ טייל פון דער גאָטהייט באַגרייפט עס דאָס גאַנצע, ווייל דעם מענטשענס נשמה איז ז ע ל ב ס ט געטלעך דערפאַר באַגרייפט עס דאָס געטלעכע אַלס דאָס גרעסטע גע-וויסהייט. עס האָט „אַ צו-קאָך אין דעם ענין“. דאָס הייסט: עס האָט אַ באַזונדער ל י ב ע פאַר דעם געטלעכען, אַ באַזונדער ה ת ל ה ב ו ת, אַ באַזונדער ח ש ק, אַ באַזונדער זין פאַר דעם, אַ באַזונדער געשמאַק פאַר אַלעם, וואָס רירט אָן די אייביקייט.

דער רב באַגרייפט, אַלזאָ, דאָס געטלעכקייט פון דעם מענטשענס נשמה נישט אַלס סתם טויטע דאָגמע, נאָר עטוואָס ענלעך צו דעם, וואָס געטהע האָט באַגריפען, אַז די זעעלע מוז זיין זונענהאַפט, זאָנסט וואָלט זי די זון נישט אויפגעפאַסט. אַזוי דענקט אויך דער רב, אַז דעם מענטשענס זעעלע מוז זיין געטלעך, זאָנסט וואָלט זי קיינמאָל נישט דערגרייכט צו

דער אידעע פון גאָטהייט און וואָלט זיי, די גאָטהייט, קיינמאָל נישט אויפגעפאַסט, זאָל זיין אפילו אין געוויסע מאָמענטען, אַלס די קלאָרסטע אין העכסטע געוויסהייט.

גאָט באַגרייפען מיר, אַלזאָ, נאָר דורך אונזער „נפש אלהית". וואָס ענטהאַלט אין זיך די „נפש אלהית"? — דאָס באַוווסטזיין פון דער געוויסהייט און פון דעם, אַז אַלעס אויסער איר זענען נישט מער ווי שאָטענס. דערפון פאָלגט דער מאַסשטאַב, מיט וועלכען זי מעסט אַלע זאַכען און אַלע טאַטען פון דער וועלט. פאַר דער „נפש אלהית" עקזיסטירען נישט קיין סתם זאַכען און טאַטען, נאָר יעדע זאַך אין דער וועלט קען געהערען אָדער צו דער גאָטהייט, ווען דאָס ווערט אויפגעהויבען צו דער גאָטהייט, אָדער צו דער „סטרא אחרא", ווען די זאַך ווערט נישט אויפגעהויבען צו גאָט. אויף דעם אָרט, וואָס אַנדערע מקובלים דענקען, אַז „סטרא אחרא" באַטייט גרויזאַמע, שרעקלעכע, אומריינע קרעפטען, דענקט דער רב, אַז יעדע זאַך און טאַט אין דער וועלט, ווייבאַלט עס איז נישט צו גאָט געווענדט, געהערט עס צו דער „סטרא אחרא" (בוכשטעבלעך: „סטרא אחרא" — איין אַנדער זייט), געהער עס נישט צו גאָט, געהער עס צו דער אויסערלעכער וועלט, צו דער וועלט פון טוישונג און נאַרעריי.

די, וואָס זעען אין אָט דער באַהויפטונג פון׳ם רב צו שטרענגען ריגאָריזם פאַרגעסען, אַז דאָס, איינגענטלעך, האָט אויך דער בעש"ט באַהויפטעט: „וסרתם — ועבדתם אלהים אחרים". ווי איר קערט נאָר איין האָר אָפּ פון אמת דינט איר שוין פרעמדע געטער. זיי פאַרגעסען אויך, אַז שוין רבינו בחיי אין „ח׳בת חלבבות" האָט באַהויפטעט, אַז ס׳גיבט נישט אויף דער וועלט קיין כתם-זאַכען, זאַכען, וואָס זענען נישט קיין מצוה און נישט קיין עבירה, נאָר יעדע זאַך און יעדער טאַט אין דער וועלט מוז זיין אָדער אַ מצוה אָדער אַן עבירה.

## די גאָלדענע זאַנג.[1])

„אין איין שאַצקאַמער—דערציילט דער רב ר' בונם—האָב איך געזען אַ זאַנג, וואָס יעדעס קערענדעל זיינס איז לויטער גאָלד. מיין רבי, דער ייד פון פשיסחא, איז אויך אַזאַ גאָלדענע זאַנג".

די ערד פון פוילען האָט די גאָלדענע זאַנג געבוירען. די זון פון לובלין האָט זי געקושט, געלאָזט וואַקסען זייער גרויס, ענדלעך האָט זי איר‌ע שטראַלען פּנ'ים זאַנג אָפּגעטון, אויף דער ערד איז פאַר איר מער קיין אָרט נישט געבליבען, ביז מען האָט זי געמוזט אין אוצר המלך אָפּגעבען.

העל האָט געלויכטען די זון פון דעם לובלינער חוזה („החוזה מלובלין"), דער ייד פון פשיסחא איז צו איר צוגעקומען. לאַנג האָבען זיי, אָבער, ביידע נישט געקענט שיינען—צוויי זונען אין הימעל גיבט עס נישט...

די פּלאַנעטען, וואָס האָבען זיך געדרייט אַרום דער זון פון לובלין האָבען נישט געקענט צוזען, ווי עס גייט אויף אַ צווייטע זון. די צווייטע זון האָט, אָבער, געגען איר אייגענעם ווילען געשיינט. די „גאָלדענע זאַנג" איז אַזוי ברייט געוואַקסען, ביז זי איז געוואָרען זונענאַרטיק..

נאָך אַלס יונגערמאַן איז דער ייד פון פשיסחא געוואָרען אַ תלמיד פון רבי יעקב-יצחק פון לובלין. צווישען רבין און תלמיד האָבען, אָבער, געהערשט — באַזונדערס אין די לעצטע יאָרען פון זייער ביידענס לעבען אויף דער ערד — אַ טרויעריק מיסאַרשטענדעניש. אין דער צייט, וואָס דער לובלינער האָט ליב געהאַט זיין תלמיד, ווי אַן'אייגען קינד און

---

1) געשריבען אין יאָר תרע"ד צום הונדערטסטען יאָרצייט פונם „יוד".

האָט אים געהיט, ווי אַנ'אויג פֿון קאָפּ, האָט ער זיך דאָך געלאָזט אָנרעדען פֿון פֿאַרשידענע חסידים, וואָס האָבּען נישט געקענט צוזען, ווי צענטויזענטער יידען פֿאַרהיליקען דעם „ייד פֿון פּשיסחא". די דערמאָנטע חסידים האָבּען קיין שלעכטס נישט געמיינט. זיי האָבּען, אָבּער, געפֿילט דאָס, וואָס משהס תלמיד האָט דערפֿילט, דערזעענדיק, אַז אלדד ומידד זאָגען נביאות אין מחנה...

משה האָט אויף דעם געענטפֿערט: „מי יתן והיה כל עם ד' נביאים". דער לובלינער האָט, אָבּער, צייטענווייס אַזוי געטייטשט דעם פּסוק: „מי יתן," וואָס פֿאַר אַ גוטס קען עס שוין געבּען, „והיה כל עם ד' נביאים", אַז יעדער איינציקער וועט זיך האַלטען פֿאַר אַ נביא...

דער לובלינער האָט אין זיך פֿאַראייניקט די גרעסטע גוטסקייט מיט דעם שטאַרקסטען צאָרן, די עקסטע ווייכקייט מיט דער עקסטער שטרענגקייט, רחמנות מיט קפּדנות, עקסטע ענוה מיט אינערלעכען שטאָלץ צוזאַמען, מאַכען פֿון זיך נישט מיט נישט, און דאָך — „אל תגע בי"...

עס האָט געשיינט דעם גרויסען רבּין פֿון לובלין, אַז דער „ייד פֿון פּשיסחא" וויל זיין שטעל ירשנען נאָך בחייו. געזען האָט ער, אַז זייער אַ גרויסער עולם פֿאָרט צו זיין תלמיד, — און כאָטש דער אמת איז געווען, אַז דער „ייד" האָט דאָס אַלץ נישט געקענט „ריבּערטראָגען, אַז ער האָט אַלעמען געטריבּען פֿון זיך, אַז עס איז אים קיינמאָל אויפֿ'ן רעיון נישט אַרויפֿגעגאַנגען צו ווערען רבּי, האָט זיך אים דאָך געדאַכט, אַז דער „ייד" גראָבּט אונטער בסתר זיין אויטאָריטעט...

אָט די באַשולדיגונג האָט געקאָסט דעם ייד דאָס לעבּען.

ער, אַ מענטש מיט אַנ'אַטלעטישען קערפּערבוי; ער, וואָס ווינענדיק אין דאָרף בּאַ זיין שווער, פֿלעגט ער בּיישטיין געגען צען פּויערים, וואָס פֿלעגען זיך בּאָרען מיט אים; ער, וואָס האָט בּאַוויזען גבורות, וויאַזוי צו איבּערוועגען מיט איין האַנט צען מענטשען; ער, וואָס האָט — ווי עס גיבּען איבּער זיינע מקורבים — נאָך אַ קליינער צייט פֿאַר'ן טויט בּאַוויזען

צו צעקנאקטן צען הארטע, שטארקע ניסלעך, אריינגלייגענדיק זיי צווישען די פינגער; ער, וואס זיין ניט קיין הויכער, אבער אייזען-פעסטער גוף האט מבטיח געווען לאנגע, לאנגע יארען, האט דערלעבט קוים צו פינף און פערציק יאר...

און עס איז געווען באמת א הארץ-ווייטיק! וואלט כאטש דער „ייד" געוועזט זיין א מענטש, וואס מאכט פון זיך א וועזען; וואלט ער כאטש געוואלט, אז חסידים זאלען צו אים פארען און ער, נאר ער, זאל זיי מדריך-זיין; וואלט אין אים געווען כאטש א צענטוזענט חלק פון דער „גאוה", וואס זיינע געגנער האבען אים צוגעשריבען. באמת האט מען, אבער, געקאנט זאגען צו אלע די, וואס האבען מלשין געווען אויף אים פאר'ן לובלינער „חוזה" און זיי האבען גורם געווען דורך דעם, אז דער „חוזה" זאל אים פארפאלגען: „איך לא יראנם לדבר בעבדי במשה?"...

„והאיש משה ענו מאד מכל האנשים אשר אל פני באדמה"..

פארשטייט זיך, אז איך מיין דא ניט צוגלייכען א רבין, אפילו דעם גרעסטען צו משהן. „משה" איז, אבער, דער העכסטער „דעת" פון כל ישראל אין דער אדער אין יענער צייט. אין יעדען דור איז, דעריבער, דא א גרעסערע אדער א קלענערע דערשיינונג פון בחינת משה—דער ערשטער גואל—און פון בחינת משיח—דער לעצטער גואל. און אזוי ווי די זון שפיגעלט זיך אפ אין יעדען טראפען וואסער, אזוי שפיגעלט זיך אפ די גרויסע נשמה פון משה אין יעדען ליכטיקען יידישען גייסט באזונדערס. און אין אזעלכע גרויסע הייליקע גייסטער, ווי דער „ייד פון פשיסחא", שפיגעלט זיך אפ די נשמה פון משה באזונדערס שיין, און וואס מער אט דער גייסט ענטהאלט אין זיך „משה", אלץ מער ענטהאלט ער אין זיך אמתע ענוה...

שוין דער נאמען „דער ייד" באווייזט מיט וועמען מיר האבען דא צו טון. ער האט געהייסען אזוי: דער רבי פון לובלין. האט ער, אבער, ניט געוואלט, אז מען זאל אים

רופען בשם רבי, האָט ער אַלעמען געבעטען מען זאָל אִים רופען סתם—„אַ ייִד". באַרימט איז ער געוואָרען אין פּוילען און בכל תפוצות ישראל מיט זיינע גאונישע חדושים.

ער פלעגט, אָבער נישט וועלען, אַז מען זאָל אִים רימען פאַר די חדושים, פלעגט ער שטענדיק איינשמועסען דעם עולם, אַז די חדושים זענען נישט זיינע. פלעגט מען זיך, אָבער, אַמאָל צו אִים צוזעצען: ווייז אונז די ספרים פון וואַנען דו נעמסט, ווי באַלט די חדושים זענען נישט דיינע? פלעגט ער ענטפערען: איך האָב זיי געהערט פון אַ ייִדען...

דער נאָמען „ייִד" האָט באַזונדערס געפּאַסט צו זיין פּשטות און צו זיין תמימות. כאָטש ער האָט געפירט דאָס האַרטסטע, שווערסטע און שטרענגסטע לעבען פון אַן אַסקעט, אַזוי אַז טובל-זיין זיך אין אַ טייך אין די גרעסטע פרעסט איז בּאַ אִים געווען אַ מין קינדערשפּיל, דאָך האָט ער זיך קיינמאָל אין לעבען נישט געהאַלטען פאַר עפּעס „אַ חסיד", נאָר פאַר אַ גאַנץ געוויינלעכען און איינפאַכען ייִד. נאָכמער: ער האָט געהאַלטען, אַז ער דאַרף ערשט ווערען אַ ייִד. דער „שפת אמת" זאָגט וועגען אִים, אַז ער איז אַלע טאָג געוואָרען פון „נישט-ייִד"—„ייִד". דאָס הייסט: אַלע טאָג האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דאָך אייגענטליך נאָך גאָר קיין ייִד נישט און ער דאַרף ערשט דורך מעשים טובים צו ווערען אַ ייִד...

און אָט די גרויסע פּשטות און תמימות, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגען אין זיין לערנען, און אין זיין דאַווענען און אין זיין באַגיין זיך מיט מענטשען האָט ער אַריינגעטראָגען איבערהויפּט אין דעם, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר דאָס וויכטיקסטע אין זיין לעבען, אין דעם ענין פון אָפּגעבען דאָס לעצטע פאַר אָרעמעלייט.

ער האָט אין דער הינזיכט נישט געוואָלט וויסען פון קיינע שפּיצלעך. ער פלעגט פּשוט אָפּגעבען אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט דעם ערשטען בעסטען אָרעמאַן, וואָס ער פלעגט אָנטרעפען—און אַ סוף. ער פלעגט לחלוטין נישט וועלען האַלטען קיין געלט בּאַ זיך. איינמאָל—דערציילען חסידים—האָט ער באַקומען עפּעס געלט שפּעט אין אָוונט, בעת זיין

הויז־געזינט איז שוין געשלאָפֿען. האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען און האָט אויפֿגעוועקט עמיצען פֿון זיין הויז־געזינט, אַז יענער זאָל גיך לויפֿען אינמיטען נאַכט און צוטיילען פֿאַר אָרעמעלייט דאָס געלט, וואָס ער האָט באַקומען. מחמת אַט דער עקסטער נדיבות זיינער האָט ער פֿיל געליטען פֿון זיין צווייטער פֿרוי, וועלכע האָט כּלל וכלל נישט איינגעשטימט מיט דער מיינונג, אַז געלט איז נאָר דערויף באַשאַפֿען געוואָרען, מען זאָל עס וואָס גיכער צוטיילען...

אויף דעם באָדען איז אַמאָל אויסגעבראָכען אַ מחלוקת צווישען איהם און צווישען זיין רבין דעם חוזה פֿון לובלין, ווידער אָהן די מינדסטע שולד פֿון זיין זייט. די זאַך איז אַזוי געווען: די טויזענטער חסידים, וואָס האָבען פֿאַרגעטערט דעם לובלינער זענען אַלעמאָל גרייט געווען אָפּצוגעבען גאַנצע פֿאַרמעגענס, כּדי צו דערווערבען אַ זאַך, וואָס האָט אַ וואָסער נישט איז שייכות צו זייער רבין. איינמאָל, בשעת דער „ייד" איז געווען אין לובלין און האָט געלעבט אין שרעקליכער אָרעמקייט, אַזוי אַז ער האָט קיין העמד נישט געהאַט אויפֿ׳ן לייב, האָט איהם זיין רבי, דער חוזה, געגעבען זיינס אַ העמד. דער „ייד" האָט גענומען דאָס העמד און האָט עס אָפּגעגעבען, ווי זיין שטייגער איז געווען, דעם ערשטען, בעסטען אָרעמאַן, וואָס ער האָט באַגעגענט. דער אָרעמאַן האָט גענומען דאָס העמד און האָט עס פֿאַרשפּורט אין אַ יידישען שענק. דער שענקער, צי אַנדערע מענטשען, וואָס זענען דערביי געווען, האָבען דערקענט, אַז דאָס העמד געהער צום רבין. בקיצור מען האָט איבערגעגעבען דעם לובלינער, אַז דער „ייד" איז אַזוי ווייט מזלזל אין דעם רבינס מתּנה, אַז ער לאָזט זי וואַלגערען אין שענק. דער „ייד" האָט איהם דערציילט ווי די זאַך איז געווען און האָט דערמאָנט דערביי דעם פּסוק: „עור בעד עור וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו. פֿאַר דער נשמה דאַרף מען אַלץ אָפּגעבען. דער לובלינער האָט זיך, אָבער, פֿון דעם נישט באַרויקט.

עס איז דערביי זייער כאַראַקטעריסטיש אַ ווערטעל פון דעם „ייד“:

אפיקורסות איז זייער און זייער אַ שלעכטע זאַך. אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפען מוז דאָך אין זיך האָבען אַ גוטע זאַך אויך. וואָס פאַר אַ גוטס איז, אָבער, דאָ אין אפיקורסות?

אַמאָל איז, אָבער, גוט אויך אַנ׳אפיקורס צו זיין. דאָס איז דאַן, ווען דער אָרעמאַן שטייט פאַר דיר און דו דאַרפסט אים העלפען. גראָד דאַן ווערסטו מיטאַמאָל אַ גרויסער „חסיד“ און אַ גרויסער „מאמין“ און דו זאָגסט: זאָל אים גאָט העלפען...

איז אָבער, גלייכער, אַז דו זאָלסט דאַן איין „אפיקורס“ זיין אַ ווייַלע און זאָלסט באַ זיך טראַכטען: „ווען איך וועל דעם אָרעמאַן נישט העלפען וועט אים קיינער נישט העלפען...

קיינער פון די ערשטע רביים אין פוילען האָט נישט געהאַט אַזאַ פרסום, ווי דער „ייד פון פשיסחא“. אָט דער פרסום האָט פאַרשאַפט פיל עגמת-נפש דעם חוזה פון לובלין, זיינע תלמידים געוועזענע חסידים פון „ייד“, דעם הייליקען רבי מענדעל רימאַנאָווער, אַנדערע גרויסע צדיקים פון יענעם דור, מער פון אַלעמען אָבער—אים, דעם „ייד“ זעלבסט. אים האָט געשראָקען נישט נור דאָס, וואָס דער פרסום רופט אַרויס אומזיסטע קנאה, נאָר אויך און איבערהויפט דאָס, וואָס דער פרסום מיט׳ן כבוד דערוועקען אַנדערע צו רביישקייט... די רביישקייט אין פוילען האָט זיך דאַן ערשט אָנגעהויבען און שוין האָט דער „ייד פון פשיסחא“ געזען מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקען...

אַמאָל איז דער רבי ר׳ בונם אַריינגעקומען צום „ייד“ אין צימער און האָט אים דערזעהן, אַז ער איז זייער שטאַרק פאַרטיפט אין רעיונות און פון צייט-צו-צייט לאָזט ער אַרויס אַ קרעכץ, וואָס צוברעכט דאָס האַרץ:

— אפשר קען מיר דער רבי זאָגען אויף וואָס ער זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק...

— איך האָב געטראַכט, האָט דער „ייד“ געענטפערט, וועגען דעם, אַז אין די גאָר אַלטע צייטען האָבען די נביאים

מדריך געווען די וועלט בדרך הישר. נאָך זיי זענען געקומען— תנאים. נאָך זיי—אמוראים. נאָך זיי—רבנים. אין שפּעטערדיקע דורות—מוכיחים. אַז די מוכיחים זענען קאַליע געוואָרען—זענען געקומען די רביים צו מתקן זיין. ווען דאָס וועט אויך קאַליע ווערען—וואָס וועט דאַמאָלט זיין?...

באַלט באַם אָנהייבען בליִען ס׳חסידות אין פּוילען האָט ער, אַלדזאָ, שוין געזען, וואָס ס׳וועט ווערען פון אים מיט דער צייט...

און ווער דען האָט עס געקענט זען, אויב נישט ער, וועלכער האָט פאַרמאָגט די זעוונגס-קראַפט פונם „חוזה" מיט אַ צוגאָב דערצו?..

פון עלטסטע באַגלייבטסטע חסידים אין פּוילען האָב איך געהערט ווי דער „חוזה" פלעגט זיך אָפּרופען וועגען „ייד":

— אונז ווייסען מיר, אַז דער „ייד" גייט העכער פון אונז. וואָס קענען מיר, אָבער, העלפען, ווען דער רבי ר׳ אלימלך*) האָט אונז געהייסען דאָ אָפּשטעלען זיך...

דער „ייד" פון זיין צד פלעגט, אָבער, אַזוי זאָגען:

— אונז גייען מיר העכער פון דעם רבין, — דער רבי פון דער וועלט איז ער אָבער... דער רבי בלייבט זיך רבי, ווייל ער איז דער קוואַל פון חסידות; דעם תלמידס אויג זעט, אָבער, נאָך ווייטער...

*) ר׳ אלימ׳ך פון ליזענסק, דער „נועם אלימלך".

# דער יחיד און די רבים.

(עטוואָס וועגען קאָצק.)

ווער איז געווען יענער איינזאַמער מענטש, וואָס איז געזעסען פאַרשלאָסען אין זיין צימער גאַנצע זיבעצען יאָר? ווער איז געווען יענער, וואָס זיין נאָמען איז אַזוי פאַרהייליקט בא יידען און וועמענס איינערלעך לעבען איז פאַרדעקט מיט אַזאַ געדיכטען שלייער? וואָס האָט ער געוואָלט? צו וואָס האָט ער געשטרעבט? וואָס האָט ער אַזוי ליידענשאַפטלעך געזוכט און נישט געקאָנט געפינען? וואָסערע ספקות אָדער טרויעריקע געדאַנקען האָבען אים אַזוי שטאַרק געפייניקט? פאַרוואָס האָט ער אַזוי געטריבען און געיאָגט פון זיך יעדען איינציקען, וואָס האָט געוואָלט אין אים טיפער אַריינקוקען?

און וואָס איז עס פאָרט געשען צווישען אים — רב מענדעל קאָצקער — און איינעם פון זיינע בעסטע, איבערגעגעבענסטע תלמידים ר׳ מרדכי יוסף פון איזביצע, וועלכער איז עפענטלעך אַרויסגעטראָטען קעגען אים און איז געוואָרען פאַר זיך רבי? — און פאַרוואָס איז טאַקע אַ גרויסער טייל קאָצקער חסידים, צווישען זיי טיפע, באַגאָבטע, ריינע און ערלעכע, אַוועק נאָך מרדכי יוסף׳ן, נישט מורא האָבענדיק פאַר דעם רוגז פון זייער פריערדיקען רבין, רבי מענדלען, אין וועלכען זיי האָבען פריער אַזוי שטאַרק געגלייבט און פון וועלכען זיי האָבען דערוואַרט גרויסע גייסטיקע ישועות?

— און פאַרוואָס זענען ווידער בא אים, בא ר׳ מענדלען, געבליבען אַזויפיל חסידים? — וואָסער כח האָט זיי אויפגעהאַלטען און צוגעצויגען צו רבי מענדלען, וועלכען זיי האָבען יאָרען-לאַנג אין די אויגען נישט אָנגעזען? פאַרוואָס

זענען זיי אלע נישט אוועק צו ר׳ מרדכי יוסף׳ן, צו אנדערע רביים אדער סתם אין ארבע רוחות?

און וואס איז פארט געווען דער אמתער מהות פון די ערשטע קאצקער חסידים? עס איז קלאר ווי דער טאג, אז זיי זענען לגמרי נישט ענלעך געווען אויף היינטיקע חסידים, אפילו אויף די פריערדיקסטע פון זיי. די פארשידענסטע דערציילונגען וועגן זיי זענען, אבער, סותר איינע די צווייטע, אזוי אז ס׳איז אומגעהייער שווער צו מאלען זייער ריכטיק בילד.

זענען זיי געווען נאר מענטשען פון לערנען און פון פלפול? — געוויס נישט. זיי האבען טאקע פיל געלערנט; פיל פון זיי זענען אויך געווען גרויסע מפלפלים. דאס איז, אבער, נישט געווען זייער ע י ק ר מהות.

זענען זיי געווען מענטשען פון חקירה און פילאזאפיע? א טייל פון זיי האט געלערנט דעם „מורה נבוכים” און אנדערע חקירה-ספרים. פיל פון זיי האבען שטארק אריינגעטראכט אין די העכערע פראגען. אויך נישט דאס איז, אבער, געווען זייער אמתער מהות. זייער חקירה האט נישט געטראגען קיין באשטענדיקען און קיין סיסטעמאטישען כאראקטער. דאס איז געווען נור א דראנג, א שטארקע בענקשאפט נאך עטוואס, אן אומבאשטימטעס זוכען.

זענען זיי געווען מענשען פון חומרות און דקדוקי מצוות? נעמען מיר אפילו אן — און מען מוז אזוי אננעמען — אז די פארשידענע דערציילונגען וועגען דער התנהגות פון פון די ערשטע קאצקער זענען שטארק איבערגעטריבען, מוז מען דאך אלענפאלס אנערקענען, אז נישט אין חומרות און דיקדוקי-מצוות איז געווען זייער ע י ק ר מהות.

זענען זיי געווען מענטשען פון פאנטאזיע און אוממיטעל-בארען געפיל? — אזעלכע זענען געווען פיל פון די וואלינער און פאדאליער חסידים. די קאצקער חסידים ווערען דערמיט נישט אויסגעשעפט. אין וואס-זשע איז פארט באשטאנען זייער אייגענארט, זייער וועזען, זייער באזונדער גייסטיקער פרצוף?

און וואס זענען עס געווען די געהיימע פעדים, וואס

האָבן פֿאַרבונדען די פֿיל קאָצקער חסידים מיט דעם באַהאַלטענעם און פֿאַרשלאָסענעם רבין, וועלכער האָט צו זיך, אויסער יחידי סגולה, קיינעם אויפֿ'ן שוועל נישט אַרויפֿגעלאָזט און אפֿילו די יחידי סגולה — אויך. זייער זעלטען?

פֿון אַלע פֿאַרשיידענע אגדות וועגן דעם אַלטן קאָצקער רבין נעם איך אַרויס נאָר איין קלאָרע זאַך: אַז ער, רבי מענדעל קאָצקער, האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם המון מיט זיינע אמונות, מיט זיינע השגות אין דער בחינה פֿון „וסביביו נשערה מאד". ער איז געווען דער פֿייער, וואָס ברענט אַלץ, וואָס ס'קומט צו אים נאָענט. אין זיין באַציִונג צו אַנדערע איז ער געווען מער „פּחד יצחק" איידער „חסד לאברהם". אין לעצטן תּוך איז ער געווים געווען, ווי יעדער גרויסער צדיק, — הייליקער חסד; דער אויסדרוק און די אויסערלעכע באַציִונגען זיינע זענען, אָבער, געווען דאָס, וואָס מען רופֿט אָן אויף דעם לשון פֿון חסידות „גבורות קדושות".

דערמיט, און נאָר דערמיט, דערקלערט זיך, לויט מיין מיינונג, אַלץ, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען צווישן אים, ר' מענדלען און זיין איבערגעגעבענעם תלמיד ר' מרדכי יוסף פֿון איזביצע; וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין איין געוויסן שבת, נאָך וועלכן אָדער אין וועלכן ר' מרדכי יוסף האָט זיך פֿון זיין רבין פּורש געווען און אַ גרויסע טייל געוועזענע קאָצקער חסידים זענען אַוועק נאָך אים; וואָס רבי מענדעל איז געווען אַזוי פֿיל יאָרן פֿאַרשלאָסן און אָפּגעזונדערט; וואָס רבי מענדעל האָט אַזוי ווייניק תּורה געזאָגט און האָט נאָך זיך קיינע כּתבים נישט איבערגעלאָזט; וואָס נישט נאָר סתם חסידים, נאָר אויך צדיקים מפֿורסמים האָבן אַזוי געציטערט און געפֿלאַטערט פֿאַר ר' מענדעלס „קפּידה"; וואָס ס'איז אַזוי שווער, כּמעט ווי אוממעגלעך געווען, צו געווינען ר' מענדעלס אָנערקענונג...

פֿון געוויינלעכע יידן, פֿון די, וואָס אַרבעטן און האָרעווען אויף צו פֿאַרדינען פֿאַר זיך און די בני-בית דעם שטיקל ברויט, האָט ער נישט איבעריק פֿיל געפֿאָדערט. פֿון די, וואָס האַלטן זיך, אָבער, פֿאַר „למדנים" און „חסידים" האָט

ער געפאָדערט אָהן אַ שיעור. ווען שוין לערנען — דאַרף זיין געלערנט אַ שטייגער, ווי עס האָט געלערנט אַ רמב״ם וכמודה; ווען שוין חסידות און קדושה דאַרפען זיי זיין די חסידות און קדושה פון אַנ׳אר״י הקדוש וכדומה; ווען שוין עבודה — דאַרף זי זיין די עבודה פון שרפים...

ר׳ מענדעל האָט ניט געקענט זיין קיין אָנפירער פון מאַסען חסידים, ווייל ער איז געווען צו הויך, צו ווייט, צו פרעמד, צו הייליק. ער איז געווען פון די, וואָס קענען עטעמען נאָר אויף די הויכע בערג און קענען ניט אַריבערטראָגען די לופט פון טאָל...

פון ר׳ מענדלען איז דאָ אַזאַ ווערטעל: „ויקחו לי תרומה — עטץ זאָלט מיך נעמען נבדלדיק”. ער האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגען קיין מינדסטע פערזאָנפיצירונג, קיין מינדסטע הגשמה, קיין געוויינלעכע מענטשלעכע פאָרשטעלונג אין ענינים פון אלקות און קדושה ער האָט געוואָלט, אַז אַלע זיינע תלמידים און חסידים זאָלען שטיין אויף דעמזעלבען הויכען אָרט, ווו ער איז אַליין געשטאַנען. אַ פאָדערונג, וואָס אפילו יחידי סגולה האָבען זי ניט געקענט דערפילען...

וואָס זשע איז געוואָרען דערפון?

אַ היבשע טייל פון די קאָצקער חסידים האָט אָנגעהויבען צו בענקען נאָך אַ רבין, וואָס זאָל שטיין נאָענט צו זיי; וואָס זאָל מער וויסען און נענטער נעמען צום האַרצען זייערע ווייען און חסרונות; וואָס זאָל אַראָפגיין צו זיי, צו זייער מדרגה, און פון דאָרט, פון יענער מדרגה, אויפהייבען זיי; וואָס זאָל זיי זיין אַ פאָטער, אַ ברודער, אַ זאָרגער, אַ טרייסטער, אַ שטראָפער און אַ היילער; וואָס זאָל לעבען מיט זיי און צווישען זיי און זאָל יעדען איינציקען אָנווייזען, וואָס ער האָט צו טון, סיי אין רוחניות, סיי אין גשמיות...

זיי האָבען גוט געוווסט אַז אין ר׳ מענדעלס התרחקות איז דאָ אַ דבר גדול, וואָס גייט ווייט, ווייט איבער זייערע מוחות און השגות: זיי האָבען גוט געוווסט, אַז ר׳ מענדעל ווייסט, וואָס ער טוט, און אַז דער וועג, אין וועלכען ער גייט

איז פאַר אים דער ריכטיקסטער. זײ האָבען, אָבער, זײער אײגענעם תּיקון געזוכט און זײ האָבען געדענקט, אַז זײ קענען אים נישט געפינען באַ דעם, וואָס איז אַזױ „מופלא ונסתר“ פון זײ..

דער „תּולדות יעקב יוסף“ פלעגט ליב האָבען צו אױסטײטשען דעם מאמר: „כּל שאינו מחויב בדבר אינו יכול להוציא את הרבים ידי חובתן“ — אױף דעם צדיק, וואָס שטײט צו הײליק, צו רײן, צו הױך און צו װײַט פון די „רבים“. דער צדיק, פלעגט ער זאָגען, מוז האָבען אין זיך עטוואָס אַזעלכעס, וואָס פאַרײניקט אים מיט׳ן „רבים“, עטוואָס, אין וואָס ער איז אַ „מחויב בדבר“; ווען דער צדיק איז, אָבער, נישט קײן „מחויב בדבר“, ווען ער שטײט אַזױ הױך איבער׳ן המון, אַז עס פאַרײניקט אים שױן גאָרנישט מיט דער ערד און מיט די באַדערפענישען פון דער ערד און ער האָט שױן, דעריבער, מיט די נשמות פונ׳ם המון קײן שום התקשרות נישט, קען ער זײ נישט מעלה זײַן און קען זײ נישט מתקן זײַן...

אַזױ פאַרשטײ איך די אינערלעכע אומצופרידענהײַט, וואָס ס׳האָט געהערשט אין דער סביבה פון אַ היבשען טײל פון די אַלטע קאָצקער חסידים, די אומצופרידענקײַט, וואָס האָט נאָכהער געבראַכט צו אַ גרױסער שפּאַלטונג, ווען עס האָט זיך געפונען יענער צדיק, ר׳ מרדכי יוסף פון איזביצע (זײַנע תּורות זענען אָפּגעדרוקט געוואָרען דורך זײַן אײניקעל אונטער׳ן נאָמען „מי השלח“ — אַן אױסערגעװײנלעך-טיפער און גײַסטרײַכער ספר; זײַן זון, אױך אַ באַוואוסטער צדיק און קדוש האָט פאַרפאַסט אַ ספר, וואָס איז זײער גרױס אין כּמות און אין איכות, און וועלכער דערקלערט טיף און ברײט די שיטה פון זײַן פאָטער — „בית יעקב“ אױף תּורה; זײַן אײניקעל, דער פאָטער פונ׳ם הײַנטיקען ראַדזינער, איז געווען דער באַוואוסטער גאון און צדיק ר׳ גרשון העניך דער מחבר פון „סדר טהרות“ וכו׳ וכו׳). וואָס איז געשטאַנען פיל נענטער צום „רבים“, האָט, מער פאַרטומען זײער פײַן, האָט מער געוואוסט זײער עלענט, האָט זיך מער אָפּגעגעבען מיט דעם תּיקון פון נשמות, אַ

געווען אַ פֿײַערדיקער „עובֿר" און אין דערזעלבער צײַט — אַ מענטש מיט זײַער גרויסע, הויכע השגות

דערבײַ איז געווען נאָך אַ טייל קאָצקער חסידים, אמת זײַער און זײַער אַ קלײַנער, וואָס ר' מענדעלס התרחקות האָט אים, אָט דעם טייל חסידים, אויך געבראַכט צו התרחקות. אויף וויפֿיל ר' מענדעל האָט זיך מתרחק געווען אין קדושה, אויף אַזויפֿיל האָט זיך יעדער אײַנציקער פֿון זיי מתרחק געווען אין קדושה, אויף אַזויפֿיל האָט זיך יעדער אײַנציקער פֿון זיי מתרחק געווען אין זײַנע אײַגענע חקירות און זוכענישען..

דערמיט דערקלערט זיך די דרײַסטקײַט, מיט וועלכער ר' מרדכי יוסף האָט זיך גענומען צו „פֿירען פֿאַר זיך טיש" אין דער צײַט, וואָס ער האָט- אַזוי פֿאַרהײַליקט זײַן רבין. ער האָט דערזען, אַז ר' מענדעלס צו גרויסע התרחקות ברענגט די מאַסען חסידים צו פֿאַרצווײַפֿלונג און אַ מיעוט פֿון זיי — צו דער סכנה פֿון הריסה...

ס'איז געקומען די שעה פֿון בירור, אַ גרויסער טייל איז אַוועק נאָך ר' מרדכי יוספֿען; אײַניקע חסידים זענען ווײַט, ווײַט אַוועק. אַ היבשער טייל איז, אָבער, געבליבען פֿעסט זיצען אין קאָצק. יענע האָבען זיך פֿון קיין זאַך אין דער וועלט נישט געלאָזט אָפּשטויסען און דערווײַטערט ווערען...

יענער טייל האָט אַזוי געדענקט: ווײַל ר' מענדעל איז אַזוי מרחיק — מוז מען זיך צו אים ערשט רעכט מקרב זײַן. ווײַל ער שטייט אַזוי ווײַט און הויך, איז ער, און נאָר ער, דער צדיק האמת, עס איז בעסער זײַן התרחקות פֿון אַן'אַנדערענס התקרבות עס איז בעסער זײַן שרײַען און בײַזוערען זיך, איידער אַן'אַנדערענס גוטע, זיסע רייד. עס איז זאָגאַר בעסער זײַן קללה פֿון אַן'אַנדערענס ברכה. זיי האָבען אויסגעצייכענט געוווסט, אַז דער ־בי ווערט זיי קיינמאָל צו זיך ניט צולאָזען, עס איז זיי, אָבער, געפֿעלען געווען צו זײַן אין דעם שאָטען פֿונ'ם גרויסען מענטשען. עס איז זיי געפֿעלען געווען צו זיצען אין זײַן בית-מדרש, צו אָפּשלאָגען זײַנע שוועלען... רעדט ער מיט זיי נישט — דערזעען זיי דאָך

אמאל, דורך פיל מי, זיין געווינט. גייט ער דאך אמאל דורך, לויפט ער דאך אמאל דורך. זאגט ער זיי ניט קיין תורה — רוט אויף זיי פון ווייטען זיין שכינה. זיי קומען מיט אים ניט אין נאָנטער גייסטיקער באריהרונג — רוט, אָבער, פון ווייטענס זיין בחינת מלכות איבער זיי...

און אין דעם ליגט דער ס"ד פון יענער באזונדערער אָרי-גינאליטעט און גייסטיקער הויכקייט פון די אלטע קאָצקער חסידים. ניט זייער באזונדער תורה און זייער באזונדער עבודה האט זיי אָפּגעטיילט פון אלע איבעריקע חסידים, נאר ר' מענ-דעלס שטעמפעל, וואס איז געלעגען אויף זיי, דאס עכא פון ר' מענדעלס שטים, ר' מענדעלס הויך. ר' מענדעלס השפעה איז געווען פון ווייטען און דערפאר — אויף א טייל — - פיל גרעסער און שטארקער. ער האט געווירקט דוקא מיט זיין אָפּגעזונדערטקייט, מיט זיין הויכער קדושה, מיט זיין אצילות. ער האט פאר פיל חסידים געדינט אלס לעבעדיקער ביישפיל אין פרישות און התרחקות פון דער וועלט מיט אירע הגאות און טומעל און דאס האט זיי אויך שיין און גרויס געמאכט. פון דאנען שטאמט אויך די ברייטקייט און די גייסטיקע פריי-הייט (ניט צונויפמישען עס, בשום-אופן, מיט דאס, וואס מ'רופט אין געוויינליך „פרייהייט אין רעליגיעזע ענינים", נאר א אי-נערליכע הויכקייט אין עבודה, וואס קען זיך מיט קליינקיי-טען ניט אָפּגעבען און וואס איז בבחינת „ויגבה לבו בדרכי ד'") פון די ערשטע קאָצקער חסידים. זיי האבען עס באקומען אלס השפעה מרחוק פון זייער הויכען, הייליקען און אייביג אָפּגעזונדערטען רבין.

---

# וויאַזוי מען זוכט היינט דאָס אינערלעכע ליכט.

בצאנם ובבקרם ילכו לבקש
את ד' ולא ימצאו חלץ מהם.
הושע ה'

אין דער צייט, וואָס די ברייטע מאַסען פון איין זייט און די אָפיציעלע וויסענשאַפטסלייט פון דער צווייטער זייט האַלטען זיך אין איין יאָגען נאָכ'ן שוים פון לעבען, ווערט אין די לעצטע יאָרען אַלץ גרעסער און גרעסער די צאָל יחידים, וואָס פרווען זיך, יעדער אויף זיין שטייגער, אַריינ־צודרינגען אין דער טיפעניש פון לעבען. מען קאָן נישט זאָגען, אַז אָט די פרווען זאָלען זיך איינגעבען. נישט אַלע קאָנען זיך אַראָפּלאָזען אין די טיפע וואַסערען און אַרויס פון דאָרט בשלום. מייניסטענס—זינקען זיי אין תהום. דאָס שרעקט, אָבער, נישט אָפּ די איבעריקע: מענטשען מיט שטאַרקע, עכטע אינערלעך גייסטיקע שטרעבונגען קאָנען זיך היינט נישט האַל־טען אויפ'ן פלאַך פון לעבען...

אַזעלכע יחידים זענען היינט דאָ אין יעדען שיכט פון דער געזעלשאַפט און אין יעדען פאָלק. אייניקע ווילען היינט צוקומען צום עצם תוך פון לעבען דורך שאַפען נייע, ביז איצט נאָך נישט געבוירענע קונסטפאָרמען, אַנדערע—דורך מיס־טיציזם, אַנדערע—דורך העכערער עטיק, אַנדערע—דורך אמונה פשוטה...

בײַ ייִדען זענען היינט אויך דאָ אַזעלכע יחידים, אַזעלכע זוכענדע, פאַרבענקטע נפשות, אַזעלכע מענטשען, וואָס ליידען אין דער שטיל און גייען אויס אין דער שטיל. נישט קאָנענ־דיק צוקומען צום מקור פון ליכט...

אין דער צייט, אָבער, וואָס די יחידים בײַ לייטען האָ־בען, ווען זיי הייבען אָן צו גלויבען, דעם כולען מוט אומצו־קערען זיך מיט'ן גאַנצען האַרצען צום גלויבען פון זייערע

עלטערן, בלייבען פיל פון אונזערע אמת-זוכענדע יחידים הענגען צווישען הימעל און ערד...

פון אַלע אמת-זוכענדע יחידים זענען נעענטער צום ציל די, וואָס קערען זיך אום בשלימות צו דער אמינה פשוטה. אין דער צייט, אָבער, וואָס באַ לייטען געפינען זיך אַזעלכע, ווילען אונזערע, אין פלוג אמת-זוכענדע יחידים, גראָד צו דער פשוטער, תמימותדיקער אמונה פון זייערע עלטערן בשום אופן נישט צוריקקערען...

די צרה איז, וואָס דער היינטיקער אינטעליגענטער ייד קאָן זיך פון אַלץ אין דער וועלט באַפרייען, נאָר נישט פון דער שטרעבונג צו זיין דוקא מאָדערן. ער האָט, דוכט זיך, ליב דעם אמת און זוכט אים. ער קאָן, אָבער, נישט אַריבער-טראָגען דעם געדאַנק, אַז ער, דער „פרייער", „פאָרטגעשריטענער" מענטש זאָל גאָר אָנהייבען גלויבען און פילען ווי אבות-אבותיו.

דער יידישער יונגערמאַן וועט אייך אַזוי אַרום לויפען פון מאַרקסען צו ניטשען, פון ניטשען צו טאָלסטאָיען, פון טאָל-סטאָיען צו מעטערלינקען, פון אים — צו די גאָר לעצטע מאָדערניסטען, אָבער נישט צו זיך זעלבסט.

אַ מאָדנע טראַגעדיע! קינדער פון אַ פאָלק, וואָס דער העכערער אמת איז דער גאַנצער תוך פון זיין אייביקער וואַנדערונג און פון זיינע אייביקע ליידען, שטייען אויף אַלע וועגען און שטעגען און פרעגען: ווו איז דער אמת?...

קינדער פון אַ פאָלק, וואָס דער „אחד" איז דער גאַנצער יסוד פון זיין תורה גייען זוכען אָט דעם „אחד" באַ אַזעלכע, וואָס האָבען אים קיינמאָל נישט געהאַט.

קינדער פון אַ פאָלק, וועמען עס איז צוערשט געזאָגט געוואָרען: „ואהבת לרעך כמוך", גייען זוכען אָט די „אהבה" באַ וועמען איר ווילט, נאָר נישט באַ זייער אייגען פאָלק...

קינדער פון אַ פאָלק, וועמען עס איז נאָך מיט טויזענ-טער יאָרען צוריק געגעבען געוואָרען אַ תורה שלימה פון סאָ-ציאַלער גערעכטיקייט, גייען זוכען אָט די גערעכטיקייט אין אַלערליי מעגלעכסטע פאַרנעפעלטע, פאַרדרייטע און פאַרקרי-

פּעלטע טעאָריעס און פּשטלעך. און נישט אין דעם קוואַל פֿון יעדער גערעכטיקייט, — אין דער תּורה..

קינדער פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט נאָך מיט טויזענטער יאָרען צוריק געגעבען דער וועלט אַ „ספר ישעיהו“, אַ „תּהלים“ און „ספר איוב“, שטייען און קלייבען התפּעלות, ווען עמיצער פֿון זיי געלינגט עס אָנצושרייבען אַ וואָסער נישט איז גאָוועלע, אָדער וואָטער נישט איז לידעל, וואָס דערמאָנט אָן „אייראָפּע“...

קינדער פֿון אַ פֿאָלק, וואָס פֿאַרמאָגט אַ „ספר יצירה“, אַ „זוהר“ און אַן „עץ־חיים“, גייען און זוכען אינערלעכע ליכט בײַ אַלערליי נישט־יידישע מיסטיקער, אָקולטיסטען און טעאָזאָפֿען, וואָס בלאָנדזשען אַליין אַרום אין אַ פֿינצטערען וויסטען מדבר, נישט וויסענדיק, וויאַזוי אַרויסצוגיין פֿון אים..

און קומט מען שוין אַמאָל צוריק צום אַלטען קוואַל, קומט מען נישט מיט'ן גאַנצען ערנסט, מיט איינפֿאַכקייט און תּמימות, נאָר מיט פֿאַרשידענע חכמות און שפּיצלעך און מען וויל אויף דאָס אייגענע באַקומען אַ הסכּמה דווקא פֿון פֿרעמדע...

עס איז דאָ אַ ווערטעל פֿון בעש"ט:

„אמת מארץ תּצמח“. פֿאַרוואָס עפּעס גראָד פֿון דער ערד? ווײַל דער אמת וואַלגערט זיך אויף דער ערד. פֿאַרוואָסזשע הייבט אים, אָבער, קיינער נישט אויף? — ווײַל מען וויל זיך נישט איינבויגען...

עס איז, אוממעגלעך צו קומען צום העכערען אמת, ווי מען איז נישט מכניע צוליב אים דעם אייגענעם „איך“. כּל זמן מען האָט נאָך דעם אייגענעם „איך“ אין זין קאָן מען זיך קומען צו גאַנץ שיינע און געהויבענע געדאַנקען, אָבער נישט צו דער וואָרהייט פֿון לעבען. מען קאָן, נאַטירלעך, קומען צו אַלערליי וויסענשאַפֿטלעכע אויספֿירונגען, זאָגאַר צו אַנטדעקונגען, בלײַבענדיק בײַ דעם גאַנצען שטאָלץ פֿון דעם אייגענעם „איך“. מען קאָן אויף דעם גרונט זאָגאַר אויפֿשטעלען פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען; עס איז גענוג צו דערמאָנען אָן מאַקס שטירנער און זיין פֿילאָזאָפֿיע פֿון עקסטען עגאָיזם..

ווען מען וויל, אָבער, צוקומען, צו יענעם אמת, וואָס

שײַנט איבער אַלע אויסערלעכקײַטען, צופעליקײַטען און טוישונגען פון לעבען; איבער אַלע ערדישע און זינלעכע און זאָגאר אַבסטראַקטע באַגריפען, אויף וויפיל זײ זענען בלויז שפּיגלערײַען פון׳ם מענטשלעכען מוח; איבער אַלעם דעם, וואָס עס דיקטירען אונז אונזערע אינסטינקטען און לײַדענשאַפטען: אַלערלײ מעגלעכסטע פאָראורטײלען, קאַפּריזען, פּערזענלעכע נײַגונגען און השפּעות פון דער סביבה; איבער אַלערלײ מעגלעכסטע מאָדערנע אידעען און אָפּגעטער פון דער צײַט, — דאָן שטײט דער אײגענער „איך" אַלס שטן אויף שריט און טריט: דאָן מוז מען אָט דעם „איך" איבערגײן אָדער אויפהײבען אים צום געטלעכען...

אויף דער שפּראַך פון חסידות הײסט עס — „ביטול היש". גראַד אָט דער ביטול פעלט, אָבער, אַפילו אונזערע בעסערע מענטשען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען זוכען אין די לעצטע יאָרען, די העכערע געטלעכע וואָרהײט. דערמיט דערקלערט זיך זײער אומפרוכטבאַרקײט פון זײער זוכען. דעריבער גײען זײ און בלײַבען שטײן אויף אַן אָרט. דעריבער רעדען זײ צײַטענווײַס אַזוי שײן וועגען חסידות און בלײַבען שטעקען, אין דער זעלבער צײַט, אין די אַלטע השכלה-באַגריפען, און, אין בעסטען פאַל, — אין אַלגעמײן-אָנגענומענע, מאָדערנע פילאָזאָפישע באַגריפען. דעריבער מישען אײניגע פון זײ צונויף זײערע חסידישע שטימונגען מיט פרײַ-דענקערײַ, מיט סאָציאַליזם און זאָגאר מיט נײַ-קריסטענטום. דעריבער פילט זיך נישט אין זײערע רײד דאָס אמתע געטלעכע פײַער. דעריבער ווירקען זײ אַזוי ווײניג. דעריבער בלײַבען זײ אויך נאָר אַ קלײנע צײַט בײַ זײער „חסידיזם" און גײען פון אים גלײַך אַוועק. אויסער רבי אהרן מאַרקוס ז"ל און — יבדל לחיים — ד"ר נתן בירנבוים ווײס איך נישט קײן אַנדערע פון אונזערע זוכענדע גײַסטער פון די לעצטע צענדליקער יאָרען, וואָס זאָלען נישט בלײַבען שטײן אין מיטען וועג, זאָלען נישט בלײַבען באַם אײביקען אַרומבלאָנדזשען און טאַפּען אין דער פינצטערניש, נאָר זײ זאָלען קומען צום קוואַל פון ליכט.

עס איז אין זיי דאָ שטענדיק עטוואָס אַזעלכעס, וואָס דערלאָזט זיי נישט צוקומען צום עיקר נקודת האמת, כאָטש זיי זענען, דוכט זיך, אין פלוג, אַזוי נאָענט צו אים. ווען עס קומט צום עיקר, טוען זיי זיך ווידער זייער דרייכט אַ קער — ווי ד״ר בירנבוים רופט עס אָן — צום „היירענטום“...

עס קומט דאָ דער „איך“ מיט זיין גאוה און דערלאָזט אַפילו דעם זוכענדען נישט צו אַפלייגען זיך אָן אַ זייט און צו מבטל זיין דעם קליינעם. מענטשלעכען שכל געגען דעם גרויסען געטלעכען שכל..

נישט אומזיסט פלעגען די אַלטע חסידים טייטשען דעם פסוק: „אנכי עומד בין ד׳ וביניכם“ אין דעם זין, אַז דער „אנכי“, דער „איך“, שטייט און שטערט און דערלאָזט דעם מענטשען נישט צוקומען צו קיין געטלעכער השגה. ובפרט נאָך דער „אנכי“ פון מאָדערנעם מענטשען, וועלכער ווערט קינסטלעך אויפגעהויבען און אויפגעבלאָזען און דערגייט אַמאָל אין זיין זעלבסטפאַרגעטערונג ביז משוגעת.

עס געפעלט מיר, דעריבער, זייער שטאַרק אַ קליין ספרל, וואָס איז היי-יאָר דערשינען אין ווין מיטן נאָמען: „תנאי הנפש להשגת החסידות“ פון עקשטיין. דער ספר איז אויפגעשריבען זייער לייכט, כמעט שוין צו-פיל לייכט. פיל אין דעם ספר האָט אויך נישט קיין דירעקטע שייכות צו חסידות: דאָס קאָן אַנגעווענדט ווערען צו יעדען רעליגיעזען באַוווסטזיין. אין זיין מעטאָד, וויאַזוי צו אויסאַרבעטען אין זיך דעם חוש פאַר חסידישער השגה פילט זיך זייער שטאַרק דער טעאָזאָפישער מעטאָד פון רודאָלף שטיינער, כאָטש דער מחבר שטיצט זיך, און מיט רעכט אויך, אויף ריין-חסידישע אויטאָריטעטען. דער מחבר האָט, אָבער, אַ גרויס פאַרדינסט פאַר דער חסידישער השגה דערמיט, וואָס ער האָט אויפגעוויזען, אַז זי ווערט דערגרייכט איבערהויפט נור דורך דער אָנערקענונג פון דעם אויבערשטענס רוממות און דער אייגענער שפלות.

דער ניסכיזשער מגיד, איינער פון די גרעסטע באַ חסידים, הייבט-אָן דעם בית פון „בראשית“ מיט דעם, וואָס דער מענטש

דאַרף האָבען צוויי אויגען: איינס אויף צו זען דעם אייבער־שטענס גרויסקייט, און דאָס צווייטע—אויף צו זען די אייגענע נישטיקייט. זעט איינער ביידע זאַכען נישט, איז ער אַ בלינ־דער אויף ביידע אויגען; זעט ער איין זאך פון די ביידע און דאָס צווייטע נישט, איז ער אַ בלינדער אויף איין אויג. ער זעט און זעט דאָך נישט ווי געהעריק איז...

איך קאָן זיך נישט איינהאַלטען פון צו ברענגען דעם צוגאָב פונם אָסטראָווצער רבין שליט״א: „בלעם איז דערפאַר געווען אַ שתום העין, ווייל ער האָט געהאַט אַן׳אויסגעצייכענט אויג אויף צו זען דעם אייבערשטענס גרויסקייט; ער איז, אָבער, בלינד געווען אויפ׳ן צווייטען אויג: ער האָט נישט געזען זיין אייגען נישטיקייט״.

אונזערע איצטיקע, אַפילו זוכענדע גייסטער קאָנען אויך, דעריבער, נישט צוקומען צו דער ריינער געטלעכער וואַרהייט. ווייל אויב זיי האָבען שוין יאָ אַמאָל אַנטוויקעלט אין זיך דאָס אינערלעכע זעען, איז זייער זען נישט קיין עכטס און נישט קיין גאַנצעס. זיי בלייבען, דעריבער, באַ זייער גאַנצען זען — „שתומי עין״...

נישט אַלעמאָל וועלען זיי, אָבער, בלייבען באַ דעם. קוים איז די וואַנט דורכגעבראָכען געוואָרען, וועט שוין דאָס ליכט קומען. לאָמיר האָפען, אַז באַ די אמתע זוכער וועט אַמאָל אויך דאָס ווייטערדיקע קומען...

# רבי יוסף דער אַלטער חזן.

(װיאַזוי עס האָבן געלעבט די ערשטע חב״דניקעס).

אַלטע, אַלטע געשטאַלטן גײען פֿאַר מיר פֿאַר. צװישן זײ — אַ געשטאַלט, װאָס איך האָב עס קײנמאָל נישט געזען מיט די קערפּערלעכע אויגן, נאָר מיט די אויגן פֿון גײַסט זע איך עס שטענדיק.

דאָס איז דאָס געשטאַלט פֿון מײַן עלטער־זײדן, אַ תּלמיד פֿונם רבי מלאַדי — רבי יוסף בער דער אַלטער חזן.

אָט זע איך אים, װי ער האָט אויסגעזען יונגערהײט. אַ הויכער ייִד, פֿעסט־געבויט, מיט בלאָנד־װײַסע האָר, מיט װײַסע גרויסע ברעמען, מיט אַ לאַנגע געלב־רויטע באָרד, מיט גוטע, קלוגע געזיכטס־ציגען, מיט ענערגישע, גיכע און געשיקטע באַװעגונגען, מיט אויגן, װאָס קוקן אײַך אָן מיט ליבע און מיט קינדישער תּמימות. גאָר פּלוצלונג װערן זײ װילד־פֿרעמד, קוקן איבער אײַך, איבער אַלעמען, װערן פֿאַרחלומט, פֿאַרבענקט, פֿאַרטרויערט, זוכן עטװאָס אומרגײַכבאַרעס אינעם אומענדלעכן רוים...

און אָט זע איך אים, װי ניט קענענדיק איבערטראָגן דעם טויט און פֿוילקײַט פֿונם דאַמאָלדיקן שטעטל, איז ער געלאָפֿן צום קװאַל פֿון ליכט אין יענער צײַט — צום אַלטן רבין (צום רב מלאַדי).

באַלד איז ער געקומען צוריק פֿון רבין אַ דורכגעלויכטענער און אַ דערפֿרישטער און האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן זײַן רבינס תּורה אין שטעטל. נאָכן לאַנגען רעדן און אַרבעטן אין שטעטל האָט ער געקריגן צו זיך צװײ חברים, אויף די אַלע דריי האָט מען געקוקט אין שטעטל, װי אויף אָפּגעקערטע פֿון װעג...

איינמאל גייט רבי יוסף פארבײַ און זעט, ווי איינער פון זיינע חברים ליגט אויסגעצויגען אין קהל-שטיבעל און מען גרייט זיך שוין צו געבען אים מלקות. „וואס ליגסטו, שוטה!" — שרייט אויס רבי יוסף און נעמט אַרבעטען מיט די הענט אויף רעכטס און לינקס, שטויסט אָפּ די קהלסלייט און רעטעט זיין חבר.

„וואס אַ שוטה איז — באַרויקט זיך אַליין ניט רבי יוסף — מען הייסט אים ליגען זיך — ליגט ער זיך"...

דערזען, אַז מען קען מיט רבי יוסף'ען גאָרניט מאַכען, האָט זיך דער דזאַמאָלסטיקער נגיד פון שטעטעל, פייטעל האָט ער געהייסען, געווענדעט צום אָרטיקען פריץ נאָך הילף. דער פריץ האָט געשיקט זיינע פּאַראָבקעס גלייך אין בית-מדרש אַריין, ווען די חסידים פלעגען אָנהייבען צו מאַכען העוויות אין דאַווענען, צו זינגען, צו דבקען זיך, פלעגען די פּאַראָבקעס שמייסען זיי מיט זייערע לאַנגע ביימשען...

איינמאָל האָבען זיך עטליכע מתנגדים פון שטעטעל, דווקא די רעכטע „פּני", געלאָזט אויף „קדוש השם": מען דאַרף דעם „עז-פּנים" אָנלערנען איינמאָל פאַר אַלעמאָל...

איז מען אַריינגעפאַלען צו רבי יוסף'ען אין הויז מיט קולי-קולות: ווו איז ער דער ממזר? מיר ווילען אים קורע פרג זיין...

רבי יוסף איז, אָבער, דאַן גראַד אין דער היים ניט געווען. דאַן איז צו זיי צוגעגאַנגען רבי יוסף'ס פרוי, וועלכע איז געווען זייערע אַ קרובה און האָט צו זיי געזאָגט: איר ווילט זיך דאָך נוקם זיין אָן אונז. נאַט אייך מיין זיידענע קאַטינקע*) און טוט מיט איר, וואס איר ווילט. האָבען די מתנגדים גענומען דעם בגד, האָבען אים פאַרשפּרייט אויף דער ערד, האָבען אַזוי לאַנג געטאָפּטשעט אויף אים ביז זיי האָבען אים צוריסען. דערמיט איז זייער כעס אויף אַ קליינע צייט געשטילט געוואָרען...

ווען רבי יוסף'ען האָבען אָט די רדיפות שטאַרק דערעסען

*) אזא מין אויבערשט בגד, וואס אמאליקע פרויען פלעגען טראגען.

איז ער אַוועקגעפאָרען צום אַלטען רבין שואל עצה זיין. האָט אים דער רבי אַזוי געזאָגט: פאַר אַהיים, דו האָסט שוין איינ־דערהיים אַ מנין, פייטלען וועט מען צומאַכען די לאָדען...

דער „מופת" איז געווען זייער אַנ'איינפאַכער: פייטעל האָט געהאַט קראָמען, סחורה פלעגט ער נעמען אין שקלאָוו באַ רבי פנחס רויזשעס, וואָס איז געווען איינער פון דעם רבס אָנגעזעענסטע חסידים. האָט מען רבי פנחסען אַ ווונק געגעבען, אַז ווען פייטעל וועט ברענגען געלט פאַר די פריערדיקע סחורה און וועט וועלען נעמען ווייטער סחורה אויף קרעדיט, ווי דער שטייגער איז, זאָל מען באַ אים דאָס געלט צונעמען און קיין פרישע סחורה זאָל מען אים מער נישט געבען. דורך דעם האָט פייטעל געמוזט באַנקראָטירען...

לויט אַמאָליקע מנהגים פלעגט מען אַנ'אָנזעצער פאַרמאַ־כען די לאָדען. ער האָט נישט געוואָגט צו ווייזען זיך אויף דער ווייסער וועלט...

אַזוי־ווי פייטלען איז שוין מער נישט געווען אין קאָפּ צו שמייסען און יאָגען די חסידים האָט זיך דאָס חסידות אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט אין שטעטעל. באַלט, ווי רבי יוסף איז געקומען אַהיים האָט ער שוין געהאַט אַ חסידישען מנין. נאָך דעם איז די צאָל פון חסידים געוואַקסען, ביז מען האָט שוין אָנגעהויבען צו בויען אַ חסידישען בית־מדרש.

רבי יוסף איז געווען כל־ימיו־חזן. ווי ווייט ער האָט געקענט זינגען—ווייס איך נישט. נאָר אַז ער האָט געקענט רירען פאַרשטיינערטע הערצער מיט זיינע דברים היוצאים מן הלב—דאָס ווייס איך. זיין דאַווענען איז געווען אַנ'איינפאַכער שמועס מיט גאָט. גוטע צייטען זענען דאַן געווען. מען האָט אַרום זיך געפילט גאָט אַזוי נאָנט, אַזוי נאָנט...

איינמאָל איז ער געשטאַנען באַם עמוד אום יום כפור און האָט געדאַוונט נעילה. געקומען צו „שובו, שובו מדרכיכם הרעים", האָט ער אויף דעם אָרט פון זינגען און חזנישע שטיק מאַכען גלייך געווענדעט זיך צום עולם: נו, איז וואָס־זשע שווייגט איר דערינען? לאָמיר תשובה טון...

און באַלד אַליין אָנגעהויבען „תשובה טון" און נאָך אים דער גאַנצער עולם. שטילע זיפצען און ריינע טרערען האָבען אָנגעפילט דאָס קליין בית-מדרשעל און די טויערען פון הימעל זענען געעפנט געוואָרען...

מוצאי יום כפור פלעגען די חסידים מאַכען אַ גרויס יום-טוב בא רבי יוספען אין הויז. מען האָט זיך געפרייט מיט דער תשובה, מיט די אָנגענומענע תפילות, מיט דעם אור, וואָס שיינט אַרויס פון די קומענדיקע סוכות-טעג...

איינמאָל איז, אָבער, די שמחה אינגאַנצען פאַרשטערט געווען. מען איז געקומען צו רבי יוספען, ווי דער שטייגער איז געווען, מוצאי יום כפור. רבי יוסף איז, אָבער, געווען זייער פאַרטרויערט. וואָס? ווען?—רבי יוסף ענטפערט נישט...

ווען מען איז צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען האָט ער געענטפערט: היינטיקע תפלות געפעלען מיר נישט... איך האָב אין אונזער היינטיקען דאַווענען נישט געזעען דעם אור... מיר האָבען היינט נישט געדאַווענט במסירת נפש...

— נו, איז וואָס זשע טוט מען?

— אויב איר וועט מיך פאָלגען, לאָמיר אָט וואָס טון. לאָמיר ווידער אָפריכטען יום כפור. אפשר וועט זיך דער צווייטער יום-כפור בעסער איינגעבען: ווער זאָגט עס, אַז נאָר אין דעם צענטען טאָג אין תשרי דאַרף מען תשובה טון? פאַרוואָס זאָל מען אויך נישט תשובה טון אין דעם עלפטען תשרי?

דער עולם האָט געפאָלגט. מען האָט נאָר עטוואָס צוגעביסען און מען האָט זיך ווידער אָנגעטון אין די קיטלען און טליתים און מען האָט די גאַנצע נאַכט פון מוצאי יום-כפור מתפלל געווען, געזאָגט תהלים, געלערנט, באַטאָג ווידער געדאַווענט, געלערענט, געוויינט, תשובה געטון מיט אַן'אמת, געפאַסט און נוהג געווען זיך אין אַלע ענוים, ווי אין אַ געוויינלעכען יום-כפור, און ערשט ווען מען האָט דערפילט דעם אמתען אור, ווען מען האָט דערשפירט אין זיך די אמתע הכנעה און דעם אמתען „בטול היש" און די אמתע צובראָכענ-

קײַט און דעם אמתען חסד, װאָס קומט אַראָפּ מלמעלה, האָט מען זיך דערלויבט אָפּצופּאַסטען און ערשט דאַן איז גע־קומען די אמתע שמחה...

אָט װאָס אַמאָליקע ייִדען האָבען געקענט. אויב תשובה איז—תשובה!

אַזױ װי ער, רבי יוסף, איז געװען באַטירלעך און אָפּען אין שטאַרק אין זײַן טרויער, אַזױ איז ער אויך געװען באַ־טירלעך, אָפּען און שטאַרק אין זײַן פרייד.

בשעת מ'איז געװען „די גרויסע חתונה", בשעת דער אַלטער רבי האָט זיך משדך געװען מיט רבי לוי יצחק בערדיטשעװער און כמעט אַלע זייערע חסידים זענען געװען אויף דער חתונה אין'ם שטעטעל זשלאָבין, האָט מען רבי יוספען מכבד געװען מיט לייענען די מגילה. װײַל עס איז דאַן געװען פּורים-צײַט. רבי יוסף האָט געלייענט, װי זײַן שטייגער איז, אָהן קונצען, האָט, אָבער, דערבײַ איבערגעלעבט אַלעס, װאָס עס װערט געשילדערט אין דער מגילה—אָט װי ערשט קומט עס פאָר..

בשעת עס איז געקומען צו דער ערשטער המנס מפּלה, װען ער האָט געלייענט, װי אַזױ המן האָט איינגעזעצט מרדכי הצדיק אויפ'ן פערד, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען און האָט הויך אויסגעשריען: אָט, אָט אַזױ איז רעכט... אָט, אָט אַזױ איז גוט...

רבי יוסף האָט איבערהויפּט נישט געװוסט פון קיינע קונצען און קיינע חכמות. ער האָט געדיינט דעם אויבערשטען מיט דער גרעסטער נאַטירלעכקייט. ער האָט אויסגעדריקט נאָר דאָס, װאָס ער האָט געפילט און האָט זיך אין יעדער זאַך נוהג געװען נאָר לויט דעם, װאָס ער האָט געפילט אין זײַן טיפסטען אינערסטען...

דעריבער איז ער קיינמאָל נישט געװען פון די מפורסמים. ער איז אַלעמאָל געװען אַ נחבא אל הכלים. ער האָט זײַנס געטין מיט אַלע זײַנע כחות, אָבער אָהן צו װעלען װאָסער נישט איז כבוד פאַר זיך. דעריבער װייסען איצט נאָר יחידים

סגולה פֿון די גאָר אַלטע חב"דער חסידים עטוואָס וועגן דעם „קאָרמער חזן". די איבעריקע ווײסאָן פֿון אים גאָרנישט, כאָטש ער האָט דאָס חסידות אויף זײַנע פּלײצעס אַריבערגעטראָגן, פֿאַרשפּרײט און פֿאַרזײט עס נישט נאָר אין זײַן שטעטעל, נאָר אין דער גאַנצער געגענט אַרום און אַרום...

פֿון אײנעם פֿון אָט די גאָר אַלטע חסידים האָב איך אַמאָל אָט וואָס געהערט וועגן אים: אַמאָל איז אײן גרויסער חסיד פֿאַרבײַגעגאַנגען רבי יוספֿס הײַזעל. האָט ער דערזען, אַז אין הײַזעל ברענט. איז ער זײער שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. ער איז, אָבער, צוגעגאַנגען נענטער—האָט ער דערזען גאָר, אַז רבי יוסף זיצט אין ווינקעל און דאַווענט...

בשעת דער אַלטער רבי איז נסתלק געוואָרן, האָבן זיך זײַנע חסידים געוועוט צוטײלט: אַ חלק פֿון זײ האָט אָנגענומען פֿאַר אַ רבין דעם רבס תלמיד מובהק רבי אהרן סטאַרעשעלער. אַ צווײטער חלק—דעם רבס זון, רבי בער ליובאַוויטשער. רבי יוסף דער אַלטער חזן איז טרײַ געבליבן דעם רבס הויז. רבי אהרן סטאַרעשעלער האָט, אָבער, זײער גוט געוווסט דעם ווערט פֿון אַזאַ רבי יוספֿען, איז ער ספּעציעל געקומען צו רבי יוספֿען, וועלענדיק, אַפֿנים, ווירקען אויף אים. ווי רבי יוסף האָט דערזען רבי אהרנען גײענדיק, האָט ער נישט וועלענדיק מציז זײַן רבי אהרנען באַהאַלטען זיך הינטערן טיר. ער האָט זיך אַזוי ווי עס איז באַפֿרײַט פֿון רבי אהרנס וויזיט און איז זײַן אײגענעם געוויסען טרײַ געבליבען.

דאָך פֿלעגט זיך דער אַלטער חזן קלאָגען: גאָר נישט דאָס... גאָר נישט דאָס... בשעת איך פֿלעג קומען צום אַלטען פֿלעג איך שטײן כעבדא קמיה מאריה... ווען איך קום, אָבער, צום הײַנטיקען, שטעלט ער צוזעק אַ שטול און בעט מיך זיצען... וואָס הײסט עס עפּעס זיצען?... אַפֿנים, אַז עס פֿעלט עפּעס אין דער נקודת האמת...

[illegible]ט ווי [illegible]ליקע חסידים האָבען געזוכט פֿאַר זיך „כבוד"...

דאָס קלײנע שטיבל, וואו דער אַלטער חזן מיט זײַנע

חברים האָבען געדאַווענט איז געווען באַנאַכט מער באַלעבאַטיש ווי באטאָג. די נאַכט איז טיפער, ווי דער טאָג. דער טאָג צו־טרייבט און צוויאָגט אַלע שאָטענס; באַנאַכט קומען זיי אַראָפּ פון די הויכע ווייטע וועלטען צו שוועבען אויף דער ערד. די שכינה אָנגעטון אין שוואַרצען זיצט אין די ווינקעלעך פון'ם קליינעם חסידישען שטיבעל און די חסידים בעטען דעם איי־בערשטען, אַז מען זאָל זי אויסלייזען פון געפענגעניש...

די חסידים פלעגען אינדערהיים נישט נעכטיקען, נאָר ביז האַלבע נאַכט פלעגען זיי לערנען אין שטיבעל, און ווי עס פלעגט קומען האַלבע נאַכט, ווי נאָר דאָס ווינטעל פון צפון־זייט באַרירט די סטרונעס פון דודס פידעל און דאָס פידעל זינגט פון זיך אַליין, ווי נאָר דער איבערשטער גייט אַריין אין גן־עדן, וויינט און מאַכט וויינען אַלע צדיקים מיט אים, ווי נאָר די וועלט ווערט פול מיט יענעם גרויסען טרויער, וואָס האָט קיין ווערטער נישט, מיט יענעם טרויער, וואָס פילט אָן אַלץ פון די העכסטע הויכקייטען ביז די נידעריקסטע נידעריי־קייטען, מיט יענעם גרויסען טרויער, וואָס ער איז צוגלייך אויך דער גרויסער ס ו ד פון דער וועלט, ווי נאָר עס ווערט דערשפירט יענער צ י ט ע ר, יענער יאָמער און בראָך פון אַלע וועלטען, דאַן פלעגט שוין יעדער חסיד זיצען אויף דער ערד, אַש אויפ'ן קאָפּ און —

„נעבען די טייכען פון בבל זענען מיר געזעסען און געוויינט, דערמאָנענדיק אָן ציון"

און —

„ווי זאָלען מיר זינגען גאָטס געזאַנג אויף אַ פרעמדען לאַנד".

און זע נאָר זע, האַרציקער פאָטער —

„פון ירושלים האָבען זיי בערגלעך שטיינער געמאַכט, די קערפערס פון דיינע קנעכט האָבען זיי אָפּגעגעבען די פויגלעך פון הימעל צום עסען, דאָס פלייש פון ריינע חסידים — פאַר די חיות פון דער ערד".

און —

„געדענק זשע, גאָט, וואָס איז געוואָרען פון אונז, זע אונזער שאַנד“.

„דער פרייד און הארצען איז צושטערט געוואָרען, אונזער טאַנץ איז אין קלאָג פאַרוואַנדעלט געוואָרען, אונזער קרוין פון קאָפ איז אראָפּגעפאַלען“ —

„אויפ'ן בארג ציון גייען פיקסלעך אום“ —

„דיינע הייליגע שטעט זענען מדבר, פון ציון איז מדבר געוואָרען און ירושלים—וויסט. דאָס הויז פון אונזער הייליגקייט און פון אונזער שיינקייט, אין וועלכען אונזערע עלטערען האָבען דיך געלויבט איז צו בראַנד-פייער געוואָרען און אַלע אונזערע שאַצען—צו וויסטקייט„

אין דאָרט הויך, הויך זענען דאָ שומרים, וואָס דערמאָנען דעם אייביקען פאָטער וועגען זיינע קינדער —

„אויף די מויערען פון ירושלים האָב איך באַשטימט שומרים אויף טאָג און נאַכט, קיינמאָל שווייגען זיי נישט, איר, וואָס דערמאָנט גאָט—שווייגט זשע נישט!“

און די נשמה איז דורשטיג נאָך גאָט און זי לעכצט נאָך אים „ווי די אינד נאָך שטראָמען וואַסער“ און די וועלען שלאָגען פון אָפּגרונט צו אָפּגרונט רופט און באַטאָג איז גאָטס חסד און באַנאַכט—געזאַנג און תפלה —

און „ביז וואַנען וועט פאָרט זיין געוויין אין ציון און קלאָג אין ירושלים?!“

יעדער חסיד זיצט זיך אין אַ באַזונדער ווינקעלע, שטיל חיינט ער, אַ טרער נאָך אַ טרער פאַלט אויפ'ן סדור, פון די שטילע געוויינען ווערט, אָבער, ביסלעכווייס איין גרויס געוויין און געזאַנג פון אייביקען טרויער.

און די זוהרס ווערען געעפענט און עס ווערט געלערענט אין אַלע זייטען:

„ווען עס קומט האַלבע נאַכט הייבט אָן דער מלך אויפצושטיין און די מלכה הייבט אָן צו זינגען און דער מלך קלאַפּט אָן אין דעם טויער פון דער מלכה און זאָגט איר: עפען מיר, שוועסטער מיינע, פריינט מיינער —

און דאַן פֿרייט ער זיך מיט די נשמות פֿון צדקים" און ווידער:

„ווען גאָט ברוך הוא קומט זיך צו פֿרייען מיט די צדיקים אין גן-עדן, דערוועקען זיך אַלע אויבערשטע און אונטערשטע קעגען אים און אַלע ביימער פֿון גן-עדן הייבען אָן צו זינגען שירה פאַר אים אַזוי ווי אין פסוק שטייט: אָז ירננו כל עצי היער לפני ד' כי בא (דאַן וועלען זינגען אַלע ביימער פֿון וואַלד פאר גאָט, וואָס קומט אָן) און אפילו די עופות פֿון דער ערד זאָגען אויך זייערע שבחים. דאַן קלאַפּט דער האָן מיט זיינע פֿליגלען און רופֿט און לויבט דעם הייליקען מלך און רופֿט מענטשען, דאָס זיי זאָלען זיך עוסק זיין אין תורה און אין לויבען זייער האַר און דינען אים —

און אַז עס קומט דער פֿרימאָרגען, ווערען די טויערען פֿון דרום געעפֿענט, און טויערען פֿון רפואות ווערען געעפֿענט צו דער וועלט, און אַ מזרח-ווינט ווערט דערוועקט, און רחמים ווערט אויסגעגאָסען אויף אַלץ און אַלעמען, און אַלע שטערען און אַלע מזלות, וואָס שטייען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון יענעם פרימאָרגען, זינגען שבחים און זמירות פאַרן אויבערשטען מלך"

און ווידער:

„היושבת בגנים—דאָס מיינט מען די כנסת ישראל, וואָס לויבט גאָט נאַכט און נאַכט דורך דער תורה. ווייל איז דעם, ווער עס באַהעפֿט זיך מיט איר צו לויבען גאָט באַנאַכט. ווען עס קומט דער פֿרימאָרגען קומט די כנסת ישראל און פֿרייט זיך מיט גאָט ברוך הוא און גאָט ברוך הוא שטרעקט איר אויס דעם שרביט החסד און נישט איר אַליין נאָר אויך אַלע די, וואָס זענען מיט איר. דערום הייסט זי: אילת השחר"...

„און אַז די נאַכט פֿאַרשווינדט איז דער מלך מיט דער מטרוניתא צוזאַמען. און עס איז דאַן אַ גרויסע שמחה און מיט גרויסע מתנות באַשענקט ער זי און אַלע די, וואָס ווינען אין אירע פאַלאַצען. ווייל איז דעם, וואָס ער איז אייגער פֿון זיי!"

און דער טרויער גייט אזוי ביסלעכווייס, ביסלעכווייס אריבער אין א גרויסער שמחה און עס הייבט זיך אן הערען פון אלע זייטען דאס געזאנג פון תורה געמישט מיט א הארציק ניגון פון דביקות, וואס גייט אריין אין אלע אברים און באהערשט אפילו די פארפינצטערטסטע, און פארגרעבטסטע הערצער.

די שטאטלייט פלעגען וויכען פון אנפאנג דאס חסידיש שטיבעל. עפעס האט מען זיי אנגערעט, אז די חסידים זענען אן איבערבלייבעניש פון די שבתי־צביניקעס. מען האט זיי אויך געזאגט, אז די חסידים טאנצען בנאכט מיט פרויען. מען האט זיי בכלל געזאגט אויף חסידים אלדאס ביז.

ווען, אבער, דאס פינצטערניש פלעגט ארומנעמען דאס גאנצע שטעטעל און אין דעם פינצטערניש פלעגען אדורכדרינגען די ליכטיקע שטראלען פון די חסידישע תורה־ליכטלען; ווען די שטיקענדע שטילקייט פלעגען דורכדרינגען יללות אויף גלות השכינה, הארצרייסענדע מזמורים פון תהילים, היכעל־הויכע מאמרים פון זוהר, פלעגען אפילו די פארעקשנטסטע און פארביסענסטע מתנגדים נישט קענען רויק איינליגען אין די בעטלעך. ווילענדיק נישט ווילענדיק פלעגען זיי זיך אויפהייבען, נעגעל־וואסער אפגיסען און לויפען אהין, ווי עס זיצען די פארהאסטע מענטשען, צו וועלכע עס ציט, אבער, אזוי שטארק...

קומענדיק אהין צום שטיבעל פלעגען זיי מוזען איבערראשט ווערען זעענדיק, ווי אט די „כופרים" האלטען אין איין דאווענען און לערנען נישט נאר גאנצע טעג נאר אויך גאנצע נעכט. דער קאנטראסט צווישען דעם, וואס מען האט זיך פריער פארגעשטעלט און צווישען דעם, וואס מען פלעגט זען מיט די אויגען איז געווען צו גרויס, אום מען זאל קענען זאגען ווידער וועגען חסידים דאס, וואס מען האט פריער געזאגט...

פילע פון די מתנגדים פלעגען אזוי ארום פארוואנדעלט ווערען אין די פייערדיקסטע חסידים. די חסידים פלעגען שוין נישט דארפען מער רעדען, דערקלערען, איינשמועסען. דאס

אָרט פֿון פֿרייערדיקער אַגיטאַציע האָט פֿאַרנומען דער תהלים מיט'ן זוהר...

אַ וואָסער נישט איז יונגערמאַנטשיק פֿלעגט זיך אַריינ-גיין אין שטיבעל גלאַט אַזוי, אויס נייגעריקייט, אויס נישט האָבען וואָס צו טון אָדער זאָגאַר, בכדי צו מאַכען חוזק, פֿלעגט זיך אַריינקומען פֿריש, פֿריילעך, לאַכענדיק, לייכטזיניק, מיטן ליולקע-ציבעק,—אים פֿלעגען, אָבער, אָנקוקען די פֿרום-ערנסטע פּנימער מיט די פֿייערדיקע אויגען, ער פֿלעגט הערען אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים, געזאָגטע פֿון דעם אַלטען חזן, אַ פּאָר מאמרים פֿון זוהר, געזאָגטע מיט דער גאַנצער הייליקייט פֿון דער נשמה און ער פֿלעגט שוין אַרויסגיין גאָר נישט דער, וואָס איז אַריינגעקומען. ער פֿלעגט גהפך ווערען לאיש אחר. פֿאַרהאַסט פֿלעגט אים ווערען זיין גאַנץ פֿריערדיק לעבען און ער פֿלעגט אָנהייבען צו דינען גאָט מיט אַנ'אמת.

אינ'ם חונס שטיבעל זענען נישט געווען קיין האַלבע חסידים, אָדער חסידים לויט'ן נאָמען, אָדער „אויך מיר חסידים" אָדער חסידים לויט אויסערלעכע מנהגים און נישט לוט'ן אי-נערלעכען ברען פֿון האַרצען, נאָר אַלע חסידים, וואָס האָבען דאָרט געדאַווענט זענען געווען אויסגעקליבען איינער אין איינעם. פֿון יעדען איינציקען האָט מען געפֿאָדערט קודם כל — האַרץ און נשמה.

דער אַלטער חזן, כאָטש ער האָט פֿאַרגעטערט דעם אַלטען רבין, האָט ער דאָך נישט זייער שטאַרק ליב גע-האַט דעם פּלפּול פֿון חב"ד. זיין ליבלינג-ספר איז געווען דער „מאור עינים" פֿון רבי נחום טשערנאָבילער, ווו יעדער גע-דאַנק ווערט פֿאַרוואַנדעלט אין אַ פֿלאַם פֿייער פֿון ליבע און דאָס גאַנצע חסידות אין איין געזאַנג פֿאַר'ן אין סוף.

אין די לעצטע יאָרען פֿון זיין לעבען האָט ער שוין נישט געקענט אַזוי שטרענג אַכטונג געבען אויף יעדען איינ-ציקען חסיד און דורכצודרינגען זיין נשמה. דערצו איז די צאָל פֿון די ניי-געוואָרענע חסידים געוואַקסען פֿון טאָג צו טאָג. די כמות איז, צום באַדויערען, געוואַקסען, טיילמאָל, אויף

דעם חשבון פון דער איכות...

דאָס שטיבעל איז שוין לאַנג, לאַנג קליין געוואָרען פאַר דער גרויסער צאָל חסידים. מען האָט ערנסט אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען בויען אַ גרויסען חסידישען בית-מדרש. דער אַלטער חזן האָט נאָך זוכה געווען צו לייגען דעם ווינקעלשטיין...

דאָס ווייטערדיקע בויען איז אים שוין נישט באַשערט געווען צו זען. מען האָט אים גערופען אַ ה י ן..

מען האָט אים גערופען דאָרט, אין דעם היכל הזמרה פון דער אייביקייט...